STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05718

MESHOLIM-BUKH

L. Olitsky

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

0-657-05718-5

D:\YIDDISH\TITLES\9780657057183T.PS

THE STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY PROVIDES
ON-DEMAND REPRINTS OF MODERN YIDDISH LITERATURE

ORDERS MAY BE PLACED BY PHONE AT (413) 256-4900 X155; BY FAX AT (413) 256-4700; BY E-MAIL AT ORDERS@BIKHER.ORG; OR BY MAIL AT NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER, 1021 WEST STREET, AMHERST, MA 01002-3375 U.S.A.

©1999 NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:
Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Lief D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

BOOK DESIGN BY PAUL BACON

PRINTED IN THE U.S.A. ON ACID-FREE PAPER

ל. אַליצקי

משלים־בוך

פארלאג „יידיש־בוך"
לאָדזש • 1949

הילע און אילוסטראציעס
געצייכנט פון אלעקסאנדער באגען

L. Olicki

„MESZOLIM-BUCH"

(Bajki)

Wyd. „Idisz Buch" przy CKŻP
Łódź — 1949

Drukarnia R. S. W. „Prasa"
Łódź, ul. Narutowicza 32.

Zam. Nr 270-49 3.000 egz.

D-02418

דערעפענונג פון בוך

דער אַלטער משל־שרייבער
און דער אַלטער שפּיגל

בײַ אַן אַלטן משל־שרייבער אינעם צימער
אויף דער שטילער וואַנט אַן אַלטער שפּיגל הענגט;
קוים ער אָטעמט מיט אַ לעצטן בלאַסן שימער,
ווײַל זײַן אײַנגעווייד אויף פּלעקן־טיפּוס קרענקט.
זיצט אַזוי דער משל־שרייבער איינמאָל אַ פאַרקלערטער,
קוקט אין שפּיגל, און דעם שפּיגל שפּאָט־רייד ריידן
הערט ער:
– אָט אפנים די משלים, שפּיגעלעך פון ווערטער,
האָבן אין די מענטשנס אויגן קנאַפּן חן;
זע אַליין –
האָסט אַזױפיל שפּיגעלעך געטאָן שוין פאַבריצירן
וויפל טוץ! –
און ס׳אָל ווערן ריידן!
לערנסט מענטשן גוטע מידות, פון מאָראַל דעם פּוץ,
און – זיי בלייבן תמיד בײַ דעמזעלבן שמוץ,

ס'פעלט זיי, די משלים דיינע, שימער עבטער,
וואָרע ליכט; -
ווער איז דאָס א בעלן דעו אויף סחורה שלעכטער!
— שטילער! — טוט א שיין דעם משל-שרייבערס אלט געזיכט:
איך האָב אלע געטאָן און ערלעך אויסגעפירט מיין פליכט;
מענטשן שפיגלען זיך אין די שפיגעלעך משלים,
נאָר עס איז די צרה די, וואָס דער, וואָס כ'מאָל אים,
זעט אין זיי א צווייטן און א דריטן, וועלכן איך מיין,
אויסער — זיך אליין;
ס'איז נישט אויסן אים דעם משל-שרייבערס שטעקן!
ווי... כ'בין איצט נישט אויסן, אלטער שפיגל, דיינע פלעקן.
— קומט דאָך אויס — דיין משל ווירקט נישט סיי ווי סיי,
און דיין מי איז נישט כדאי;
ווער זשע איז גערעכט געבליבן? —
שפיגט דער אלטער שפיגל: איך! —
האָט דער אלטער משל-שרייבער זיך געאיילט און גיך
אָט דעם משל וועגן זיך
און דעם אלטן שפיגל אָנגעשריבן —
ס'זאָלן וויסן און געדענקען גרויס און קליין,
אַז אין משל-שפיגל דאַרף מען קודם זעען זיך אליין.

לאָדוש יוני, 1947

אונטערדריקונג און געראַנגל

קאַצנשפּיל

אַ מייזל, יונג און אומדערפאַרן
זיך אויסצוהיטן פאַר אַ צרה,
דאָס קעפּל שטעקט ארויס פון נאָרע.
דערזעט עס, ווי אַ קניילכן גאַרן
אויף דער פּאָדלאָגע קייקלט זיך און שטעלט זיך אָפּ,
און באַלד טוט ווידער עס אַ שפּרונג גאַלאָפּ.
עס שפּילן זיך מיט דעם צוויי שטילע ווייכע לאַפּעס
פון אַ באַשעפעניש מיט גליענדיקע אויגן.
אָט טוען זיי אַ וואָרף עס, ווי א פּייל פון בויגן,
און אָט אַ שפּרונג צו דעם, אַ כאַפּ עס,
און אָט געשלעפּט עס, פאַר אַ פּאָדעם עס געצויגן
אי שטיפעריש, אי גראַציעז־געשיקט.
דאָס מייזל אונדזערס איז אַנטציקט
און ס'פּיפּסעט צו דער מאַמען: — זע נאָר,
צי קאָן אַ וועלכע שפּיל זיין שענער.
— אריין אין נאָרע, גולמעץ! —
מיט צאַפּלשרעק די מאַמע רייסט אים פאַרן עקל:
דאָס איז די מויזן־שפּיל פון קעץ,
וואָס מאַכט אונדז שוידערן, דו שנעקל —
די תמימותדיקע שיינע שפּיל,
וואָס האָט אַ בלוטיק־בייזן ציל —
זי לערנט אונדזער שונא אויס דעם אופן,
ווי ס'זאָל קיין מויז פון זיינע נעגל נישט אַנטלויפן...

אזוי שפּילט לייכט און אומשולדיק זיך עמעצער אין רייד
און לערנט זיך דערביי — באַגראָבן לעבעדיקערהייט...



די ציבעלע און דאָס ווערצל כריין

— ס'איז אונדזער באַלעבאָסטע גאָרנישט צו פאַרשטיין! —
זיפצט אויף די ציבעלע פאַרציטערט
און קלאָגט זיך פאַרן ווערצל כריין
פאַרביטערט:
אָט רייסט זי פון מיר לעבעדיקע פאַסן הויט,
אָט פערטלט זי מיין לייב און פיצלט עס צום טויט,
און — קוק נאָר! — אירע אויגן טרערן, ווערן רויט.

ניִשט שוין זשע האָט זי גאָר אויף מיר רחמנות?
— אוי, ניין! אוי, ניין!
נישטאָ קיין האַרץ אין איר געוויין.
דאָס ביטערט בלויז דיין זאַפט איר נעזל מיט סכנות
און קוועטשט אַרויס פון שלעכטן קאַלטן אויג אירן אַ טרער,
כאָטש דיין געוויין דערגרייכט נישט איר געהער,
און רואיק איז איר באַלעבאַטיש הערצל, —
קרעכצט בייז פון ריבייזן דאָס ווערצל,
דאָס אָפּגעשאָבענע, דאָס נאַקעט־הוילע ווערצל כריין.
(דער באַלעבאָסטעס טעכטערל האָט עס געריבן
און אויך פאַרגיסן טרערן זיך געקליבן).
— וויי־וויי — זיפצט אָפּ די ציבעלע: נישט מיין?
דו זע נאָר ווי זי ווישט עס אָפּט די טרערן מיטן שערצל!
נישט שוין זשע, טייער ווערצל?...
— אָט שוין, אָט שוין...
באַלד נעמט זי דיך צעקייען, סערדצע קרוין,
און שלינגט אַראָפּ דיין קאָפּ צוזאַמען מיט די פיסלעך.
— ווי ביטער, — זיפצט די ציבעלע: צו זיין אין פיין אַליין,
אַן איינזאַמע צו איר אין מויל — מיין קבר — גיין!
— מיט דיר בין א י ך! — קרעכצט אָפּ דאָס ווערצל כריין:
ביז וואַנען ס'וועט אַהינקומען דיין וויים געביין.
ווייל איך ווער אויפגעפרעסן לאַנגזאַמער, צו ביסלעך.

געטרויע נישט דיין אונטערדריקער, הער,
אַפילו ווען זיין אויג פאַרגיסט אַ טרער;
דיך מיטפילן קאָן סיידן —
אַ ברודער לויט דיליידן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די קאַרטאָפל-לאַטקע
און דער פלייש-קאָטלעט

עס האָבן צופעליק באַגעגנט זיך און זיך צערעדט —
אַ לאַטקע פון קאַרטאָפליעס מיט אַ פלייש-קאָטלעט:
— פע-פע! עס ש...מעקט פון דיר מיט אייל, מיר דאכט זיך, —
פאַרקרימט זיך דער קאָטלעט. די לאַטקע שטיל צעלאַכט זיך:
— גערטער באַלעבאָס!
פון דיר מיט וואָס?
—מיט שמאַלץ,—איר ענטפערט דער קאָטלעט: מיט פיינער.
— און דאָס איז אַלץ, — די לאַטקע פרעגט: מיוחס מיינער?
— אָ, ניין! — צעבייזערט זיך שוין דער קאָטלעט: אָ, ניין!
ווערסט מוזן דערפאַר גיין...
— אויף מילשטיינער פון ציין? —
כאַפט אוים די לאַטקע אים די ווערטער:
און דו גערטער?
און דו?
— נו, נו! —
צעשרייט זיך דער קאָטלעט: מיך לאָז צורו!
ווערסט מוזן קריכן אינעם זעקל פון אַ קבצנס מאָגן.
— נו, יאָ, — איז מודה גלייך די לאַטקע: אויב דעם אמת זאָגן.
נאָר וואָס וועט זיין דען, חשובער, מיט דיר? —
מיט גאווה ענטפערט דער קאָטלעט איר: — מיך
וועט איינקאַסירן דאָס קאַסעטקע-מעגעלע פון גביר! —

אויף דעם קומט אָן דער הונט רב נאַטקע.
ער טוט די צוויי אַ ניוכע און אַ בדקע —
אוי, ניין!
ס'געפעלט אים נישט די דאַרע לאַטקע!
און גלייך אַ כאַפּ קאָטלעטלען אויף די ציין.
קאָטלעטל וואַרפט זיך מיט אַ קוויטשיק־דין געוויין
און ציטערט ווי אַ טכוירל:
— אוי, גורל מיינער, גורל!
כ'גיי אָפּ מיט ריטשקעס... פּעטס.
עס קומט מיין קץ! —
אַ־ינד שטעלט אָן אַ פּנים פון אַ לץ
די דאַרע לאַטקע:
— אוי, בראַטקע, בראַטקע!
וואָס שרייסטו אַזוי שרעקלעך אויפן כלבס ציין?
דו זעסט דאָך, אַז דער כלב איז אַ מבין־טוב אויף שמעקעכ'ץ,
אַ למדן מופלג אין די דיני־לעקעכץ
און קאָן אָן דיר זיך נישט באַגיין, —
איז וואָס זשע דאָס געראָדער?
מסתם איז ער אַ גבירס אַ ברודער.

אַזעלכע, ווי קאָטלעטל, גבירישע משרתים, קנעכט —
פֿאַרדינען טאַקע ס'זאָלן כלבים טון זיי זייער רעכט.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

צוויי אקערס

עס שלעפּט זיך אויפן רוקן פון אַ טאָגער שטיקל ערד,
וואָס איז באַזייט מיט שטיינער, ווי מיט תבואה,
אַ קנאָכיק, אויסגעדייוועךט פערד —
דער רוקן אויסגעבויגן, ווי אַ דוהע,
די פיס, ווי דרענגלעך, איינגעשפּאַרט אין דרערד —
עס ציט מיט לעצטע כוחות שוין דעם אַקער.
און ווי אַ דאַרער קין אין פלאַקער,
פאַרשוואַרצט און רויט פון מי
אין מיטאָג - היץ און גלי —
גייט נאָך נאָך אים אַ פּויער אַ געמיינער.
עס ליגן אָפּ זיך גרויע שטיקער ערד
מיט האַרבן גרילץ פון זאַמד און שטיינער
און טעמפּן אוים דעם אַקער אומדערהערט.
אויף שפּראָץ פון פרישן גראָז אַנטקעגנאיבער,
אין פריצס זאַפטיקן און מאַרכעדיקן טאָל,
אַ רוענדיקער אַקער גיסט זיך מיט דער זונשיין איבער
און שימט אַהער פון מאָל צו מאָל
אַ זילבער-שטראַלנדיק געלעכטער, ווי אַ פלאַקער:
— וואָס גריזשעסטו דאָרט, ווי אַ הונט, כסדר, אַקער,
מיט דיין פאַרזשאַווערטן און טעמפּן שטאָל
די שטיינער?
דו וועסט צעברעכן דאָך די ציינער,
און קוים דערגרייכן צון אַ ציל:
די תבואה פון דער ערד זאָל לוינען פירן צו דער מיל. —

דער טעמפּער אַקער הערט אים נישט און גייט זיין וועג זיך ווייטער.
ווי גלייכגילטיק די ערד מיט זאַמד און שטיינער קייט ער.
נאָר אָפּגעטאָן די אַרבעט, זאָגט ער אים אַזוי:
— דו האָסט זיך נישט מיט וואָס צו איבערנעמען,
און איך — איך דאַרף אוודאי זיך נישט שעמען,
כאָטש דו ביסט שטראַלנדיק, און איך בין גרוי,
ווייל וויכטיק איז אין אַרבעט אויך „פאַר וועמען?"...
דיין פּריצס פעלדער זיינען ווייך און זאַפטיק-פעט —
איך לייקן נישט, ס'איז ריינער אמת טאַקע.
נאָר הער, דאָס גאַנצע דאַרף וואָס רעדט?
דער פּריץ — ס'איז נישטאָ קיין ערגערער סאַבאַקע!
פאַר אָט אַזאַ צו האָרעווען, ברודער, איז געמיין!
מיין פּויערס שטיקל ערד איז — זאַמד און שטיין
(ווער פילט דאָס בעסער נאָך, ווי איך אַליין!),
נאָר עס באַוועלהט נישט מיין פּויער קיינעם
און האָרעוועט אין שוויים מיט מיר איינעם.
ס'וועט מאָגער זיין די תבואה און געמיין
און וועט נישט ווערט זיין, חוזקסטו, די מי די שווערע,
פון וועלכע כ'וועל אַרויס אָן ציין, —
קאָן זיין. איך וועל אָבער דערפאַר אַרויס מיט... ערע!

איך קאָן משרתים גבירישע א סך,
וואָס ריידן מיטן פּריצס אַקערס שפּראַך,
ווייל ס'איז זיי אָנגעוואָרן דאָס לייכטע לעבן אָן עבירות, —
איך זאָג זיי, ווי דעם פּויערס אַקער: — פע! איר לעבט
אָן ערע!

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער יונגער בוים, די קלאָץ און דער דעמב

צופוסנס פון אַ יונגן בוים אַ שלאַנקן, ווי אַ ליכט,
באַשיידן ליגט אַ קלאָץ אָן מינדסטן זכר קאָרע,
און ס׳רינט פון איר די זשיווויצע, ווי טראָפּנס גאָלד, געדיכט.
— פונוואַנען נעמסטו זיך, דו נאַקעט - הוילע צרה? —
צעלאָזט דער בוים זיך מיט געדרויש און גאַוואַדיקע רייד:
באַטראַכט מיין איידל-הויטיק קלייד,
מיין העלגרין - בלעטערדיקן שלייער
און אויך — ווי שטאָלץ איך שטיי!
אַ בוים דאַרף זיין אַ שטאָלצער שטייער,
ווי ס׳פּאַסט פאַר פּני,
ווייל שטיין איז שענער, חשובער און קליגער —
מ׳איז נענטער צום הימל און צו גאָט. —
און שטאַרקער זיך צערוישט דער בוים מיט שפּאָט:
— עס טאָר קיין בוים נישט זיין קיין קנעכטיש-קניענדיקער ליגער

אין פוילער רו,
ווי דו.
אַוועק, מצורע, מיטן געלן אייטער פון מיין שכנות!
כ׳פאַרלייד בלויז דאָס, וואָס שטאָלץ, און שיין, און ריין איז.
— דו יונגער, אומדערפאַרענער און שטאָלצער שפּראָץ! —
נעמט אָן אַן אַלטער דעמב זיך פאַר דער קלאָץ:
אויך זי געווען איז ערשט נישט לאַנג אַ שטאָלצער שטייער,
און פול מיט זינג-פייגל — איר גרינער שלייער,

און אויסגעטרעטן צו איר שאָטן
געווען דער שטעג.
ביז איינמאָל... מיט די ציין האָט דורכגעביסן זי אַ זעג,
דערנאָך האָט איר אַ טעמפּע האַק פאַראָטן
און אָפּגעגריזשעט מיטן פּיסק איר איידל קלייד
(נישט שטראָף דיך זעג, און האַק פאַר דיינע רייד,
פול פלוידער און געלעסטער!)
איר זשיוויצע, וואָס עקלט דיך, ווי קרעץ,
זי איז דערזעלבער זאַפט דאָך און דאָס חיותדיקע פּעטס,
וואָס פליסט אין דיינע אָדערן און גלידער, גולמעץ!
האָסט פּשוט, אין איר אומגליק, נישט דערקענט אַ שוועסטער.

נישט נאָר אין טויטע, אויך אין לעבעדיקע (ווי געמיין!),
דערקענט נישט אָפט אַ ברודער אין זיין ברודער זיך אַליין,
און זעלטן גיט עס עמעץ, ווי דער דעמב, אים צו פאַרשטיין.
אַנשטאָט דעם דעמב צו אים זיך לאָזט מיין משל גיין.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די ניי־מאַשין און דאָס נעדעלע

עס וויגט די ניי־מאַשין זיך אויף איר הוידע־פוס און טומלט,
זי קלאַפּט מיט אַלע רמ"ח אברים, און ברומלט,
און מאַכט מיט זיך דאָס גאַנצע שניידער־חדר פול —
פאַרשטאָפּט די אויערן מיט וואַטע נישט צו ווערן דול!
און פּלוצעם הייבט זי אָן זיך אויף אַ נעדעלע צו כעסן,
(דאָס נעדעלע — עס אַרבעט שטיל, געלאַסן
אין שניידערס האַנט,
און ציט אַ שאַרכלדיקן פאָדעם דורך אַ שטיק געוואַנט,
און שמייכלט מיט זיין גלאַנץ באַשיידן):
— נישטאָ קיין אָרט דאָ, פאַר אונדז ביידן!
פאַרנעם זיך, שלעפּערל! געגאַנגען! גיין!
ווו איך בין דאָ, דאַרף הערשן — איך אַליין!
דאָרט טאָר זיך נישט געפינען דיין געביין!
— צו וואָס אָבער דער רעש און דער גערודער?
צי דו אַליין וואָלסט קאָנען אָן מיין ברודער...? —
וויל אויך דאָס נעדעלע אַריינשטעלן אַ וואָרט.
די ניימאַשין צינדט אָן זיך אַזש פאַר צאָרן,
שפּרינגט אונטער און... וואָס ס'איז פון איר געוואָרן! —
איר נאָדל, דער מאַשינס, דאָ ליגט צעבראָכן אויפן אָרט,
און ס'האָט שוין נישט איר אַרבעט מער קיין פּעולה.
ערשט איצטער הייבט זי אָן שוין צו פאַרשטיין
דעם סוד און קווינטעסענץ פון איר גדולה:
נו, זי אַליין
איז גאָרנישט אַזאַ קנאַקעדיקער גדול —
זי לעבט און ווירקט אין זכות פון דער פון איר פאַרשפּעטיער נאָדל..

וואַרשע, 1929 — לאָדזש, 1948

דער מענטש, די פּיאַווקע
און דער קאָמאַר

פֿאַרנאַכט־צו שטייט אַ מענטש און באָדט זיך אין אַ טייך,
אַן אָרעמען אין וואַסער, נאָר מיט בעלי־חיים רייך.
נו, דאַרף זיך איינצייטיק דאָ גראָד פֿאַרוועלן
אַ פּיאַווקע און אַ קאָמאַר זיך צו שטעלן
אויף זיין געביין.
די פּיאַווקע טוט אַ שווים צו אים אָן שהיות —
עס גייט איר אויס נאָך בלוט דאָס חיות —
און פֿליסטערט שטיל צו זיך אַליין:
— וואָס גייט אים אָפּ, דעם מענטשן, חוצן באָדן?
אויף מיר געזאָגט און מיינע קינדער, אָן זיין שאָדן,
זיין ביסל רויטער זאַפֿט... —
אויף דעם פֿליט אָן מיט קראַפֿט
דער קאָמאַר דער פֿאַרשייטער.
— כ׳וואָלט, ווי אַן אדיר, אָפּגעלעבט ד ע ר מ י ט מיין וועלט.
אַז וואָס וואָלט מיר געפֿעלט?! —
די פּיאַווקע פֿליסטערט ווייטער:
איך וואָלט... — און, נישט דערזאָגט,
אַ פֿאַל צום מענטשנס לייב און נאָגט עס, נאָגט.
— דו זשלידנער שרץ! —
צעזינגט, צעבייזערט זיך דער קאָמאַר פֿון דער הויך:
און וווּ איז דרך־ארץ?
אַזוי־אָ טוט מען זשיך אַ זשעץ אויף יענעמס בויך?

דו, זזולל דו וסובא?!
דיר לינט נאָר נישט אין זזין דעם צווייטנס טובה.
פון מיר זזיך לערן אָפּ
(ווי אויפצופירן זזיך דארף יעדער וויסן),
איך קרייזזז און קרייזזז ארום זזיין קאָפּ
און לאָזזז אים מיין געזזזאַנג געניסן;
ערשט איצטער לאָזזז איך זזיך אראָפּ
דאָס בלוט זזיינס זזייגן נאָבל;
כ׳שטעל זזייער לייכט אויף אים די פּיס
און מיט מיין ציטער־נאָדל־שנאָבל...
ווי זזזים! — — —
דאָ ציטערט אויף דער מענטש מיט אַלע זיבן הויטן:
— פאַר דיין געזאַנג... —
און מיט דער האַנט דער קאָמאַר לייגט אַוועק א טויטן:
דעם שענסטן דאנק!
צי העפלעך, צי מגושמדיק — ביי קיינעם אופן
איך וויל נישט זאָלסט דאָס בלוט מיינס זויפן.

עס טרעפט, אַז עמעץ זינגט אונדז איידל אויס א לויב,
און זיין כוונה איז, ווי אונדזער קאָמאַרס — רויב.

אַ האָמאַר אַ מכניס־אורח

איך בין געווען אַמאָל טשעקאַווע הערן,
וואָס זינגט דער קאָמאַר, קרייזנדיק ארום מיין שטערן?
איך האָב זיך איינגעהערט און אויך פאַרשטאַנען גוט:
ער זינגט אַ לויבגעזאַנג מיין בלוט,
דעם הערלעכסטן געטראַנק דעם זיסן,
זיך גרייטנדיק פון אים געניסן.
און מיט אַ תפילהדיק געברום
ער דאנקט דעם הימל און די געטער,
און ס'גאַנצע קאָמאַר־פאָלק פאַרבעט ער:
— קומט אַלע, ברידער, פון אַרום,
ווי אורחים, צו מיין רייכן טיש!
כ'פאַרבעט אייך אויף אַ טראָפּן פריש־
און־צאַפּלדיקן רויטן ווייַן.
אַליין — געניסט אַ שווייַן. —
אַזוי־אָ זינגענדיק, ער ברייעט און ער ברייעט.
...„אַ מיידים ביסטו, טראַכט איך זיך פאַרטייעט,
צו זיין
אי פיין,
אי גוט
דורך פרעמדער פיין
מיט פרעמדן בלוט!
באַווייז אַ בריהשקייט, מיט איינעם זיין אַ מכניס־אורח".
און דאָ דערשפּיר איך: אוי! ער שטעכט מיר דורך די הויט
— אַז איינגעזונקען ווער, ווי קורח! —
דערשלאָג איך אים צום טויט.

פאַראַן אַזעלכע קאָמאַרעס אויך צווישן לייטן:
איר זאָלט זיי מיט מכניסי־אורחים נישט פאַרבייטן.

דער פּאַראַזיט

עס טרעפט (עס זאָל אַזוי נישט טרעפן זיך ביי יידן).
אַז וויפל זאָלסט נישט ניזהר זיין, געהיט,
זיינט איין זיך אין דיין לייב אַ פּאַראַזיט
און נאָגט דיין בלוט, און ציט,
און שטעלט אויף כלערליי אופנים זיך צופרידן.
געשעט אַ מאָל — אַזאַ מין חברה־מאַן איך פּאַק.
— אַז טרעפן וועט דיך שוין דער שלאַק! —
צעבייזער איך זיך, און מיין בלוט נעמט זידן:
איך ממית גלייך דיך מיטן גאַנצן קנאַק! —
ווי פּלוצעם — הערט נאָר! — ער צערעדט זיך.
איר מיינט, ער קלאָגט זיך? צי ער בעט זיך?
פּאַרקערט — היסטעריש און פּאַרשייט
אויף מיר מיט קולות גרילצנדיקע שרייט:
— שטיק פלייש! האַלט הענט און נעגל פון דער וויים!
אויף דעם בלויז האָט באַשאַפן דיך דער בורא־עולם,
אַז איך זאָל מיט דיין בלוט זיך נערן, גולם!
אָט פרעג ביי וועמען נאָר דו ווילסט פון מיינע לייט.

דער ריין־ראַסאָווער פּאַראַזיט איז ביזן מאַרך פאַרדאָרבן:
ער גיט זיך אָפּ גערעכט און רעדט פאַרשייט,
אפילו ווען ער איז באַזיגט שוין פון זיין קרבן.

די אַלטע פליג און דער צלם־שפּין

זי איז געווען, די אַלטע פליג, שוין שטאַרק גענים
אין דער זשומזשומענדיקער פליגענער בהלה,
און תמיד האָט זי זיך באַדאַכטנדיק געהיט
פאַר אַ מפלה.
זי פלעגט זיך תמיד חזרן: „אוי - ווײ,
מע דאַרף זיך היטן!
נישט שטופּן זיך — ווו צוויי,
בין איך אינמיטן;
צו פליען, רוישן איז אוודאי גוט,
נאָר ס׳לאָקערן אין ווינקעלעך די נעצן פון די שפּינען;
אָן פאָרזיכט דיך פאַרפירט דיין מוט,
און קאָנסט דאָס לעבן פטרן אינמיטנדרינען...״
נאָר איינמאָל, פליענדיק, ווי תמיד, פאָרזיכטיק - געהיט
פאַרביי אַ שפּינוועבס מיט אַ צלם־שפּין אינמיטן,
דערהערט זי, און עס טוט אַ ציִ זי, ווי מאַגניט,
אַ שטים, וואָס רעדט עניוותדיק און ווייך און ציט:
— קומט, אורח, ביטע!. .„אוי, מע דאַרף זיך היטן!״ —
צעזשומעט זיך די פליג צו זיך אַליין און זאָגט:—אַ דאנק!—
נאָר יענער ציט אַלץ ווייטער: — אוי, ווי כ׳בין פאַרמאַטערט!
די מצווה פון הכנסת־אורחים האָט געמאַכט מיך קראַנק;
די גאָרע כוחות האָב איך דאָ צעפּטרט
און אויסגעשפּיגן שוין די קליעק;
אויף מיין הכנסת־אורחימדיקן טעפּיך
די לעצטע לעבן - רגעס שוין דערשלעפּ איך,
עס קומט מיין עק!

אָ, קום, איך בעט דיך, מיט מיין איינזאַמקייט זיך טיילן.
אָ, קום. און העלף מיר מיינע לעצטע נסיסה - רגעם ציילן.
אָ, טרעט די שוועל אַריבער פון מיין הייליקן געצעלט,
ווייל ס'ווערט אין דעם געליטן פאַר דער נאָרער וועלט —
און עדות איז דער צלם אויף מיין רוקן.
— איך פלי צו דיר — פאַר דיר זיך, הייליקער, צו בוקן, —
צעזשומעט זיך די פליגל, א פלי — און שוין.
זי איז פאַרפלאָנטערט. ס'נאָגט איר בלוט דער הייליקער פאַרשווין.

עס קאָן ביי עמעצן אַ צלם אויפן רוקן שטאַרצן,
און ס'זאָל דער טייוול ווינען אין זיין האַרצן.

וואַרשע, 1929 — 1948, שוויעראַדוו-זדרוי

דער וווּכערניק און דער שפּין

אַ וווּכערניק אַ בייכיקער, אַ רייבער מאַן
איז איינמאָל אין זיין לייכטן צירלעכן געשפּאַן
צום הויז פון זיינעם אַ בעל-חוב פאַרפאָרן,
צעקאָכט און רויט פאַר צאָרן.
— דו סילוקסט נישט דעם חוב, איז צאָל פּראָצענט! —
צעפּאָכעט ער אין הויז זיך מיט די הענט.
נאָר ס'קוקן אים פאַרחידושט אָן די הוילע ווענט —
נישטאָ דער באַלעבאָס און נישט קיין זכר פון קיין מעבל...
אין אונדזער וווּכערניק האָט זיך דאָס האַרץ צעברענט,
ווי סדום, מיט פּעך און שוועבל:
— אַז ברענען וואָלסטו איידער ס'האָט מיין גראָשן דיך דערקענט!
וואַרט, וואַרט, וועסט אָפּצאָלן מיט בלוט פאַר יעדער פּרוטה!
— אוי, זעט נאָר, זעט נאָר, מענטשן גוטע!
אוי, זעט נאָר, זעט נאָר, כ'בין פאַרביי! —
פאַרנעמט זיין אויער דאָ אַ יאָמערלעך געזשומעריי.
אַ זוך געטאָן מיט צאָרנדיקן בליק, דערזעט ער:
אַ שפּין —
אַ בייכיקער און פעטער,
אַ גרוילעכער, נאָר גלאַנציקער, ווי פּליסיק צין,
ווינט לייכט זיך אויף זיין נעץ מיט שטאָלצקייט פון אַ זינער,
און מיט אַ שפּייעכץ ‐ פאָדעם דין
פאַרשפּינט אַ צאַפּלדיקע פליג ער;
זי זשומט, די פליג, זי יאָמערט, קלאָגט,
און ער, דער שפּין, ער נאָגט און נאָגט...

לאָזט אויס דער וווכערניק צון אים זיין צאָרן
און טוט אַ שפּיי, ווי דעם צוליב אַהער פאַרפאָרן.
— דו בלוטנזויגער עקלדיקער! — טוט ער אַ געשריי,
הייבט אויף אַ פויסט, ווי אים צו שלאָגן.
— פּאַמעלעך. וואַרט נאָר. שטיי! —
איז מפסיק אונדזער שפּין דאָס נאָגן:
אַקעגן וועמען הייבסטו, וווכערניק, די הענט!
צי האָסטו נישט אין מיר דיין ברודער לויטן פּאַך דערקענט?

ווי לייכט מע צערנט פּאַר אַן עוולה אויף אַ צווייטן,
כאָטש ס'איז אַליין ביי איר אויף אַלעם גרייטן.

שוויעראַדווו-זדרוי, 1948 — 1929, וואַרשע

די ליבע פון דער זלירנער פליג

אַ זלידניע פליג קרייזט אום כסדר פאַר מיין נאָז:
— איזוז וואָס זשזשזשע טרייבסטו מיר אָן אויפהער, וואָס?
צו דיר איזוז גאָר מיין שטרעבן.
אַזוז ממש ווי דאָס לעבן
איך האָב דיך האָלט!
— ווי קאָן דאָס, זלידניע, זיין געמאָלט? —
און כ'לאָז זי אויף מיין נאָז זיך שטעלן.
און זי? זי טוט, וואָס איר טוט וויל געפעלן.
איך פרעג זי: — שטיי נאָר שטיי,
וואָס האָלט? ווען האָלט? דו טוסט דאָך רק מיר וויי? —
און זי? זי שטייט זיך פעסט און הערט נישט אויף מיין
בלוט צו נאָגן.
נו, אויסגענאָגט מיך, פליט זי אָפּ און זאָגט אַזוי צו זאָגן:
— איזוז וואָס? איזוז וואָס? איזוז וואָס?
איך האָב דיך האָלט... צו בייסן דיר די נאָזוז.

פאַר לייט מיט זיסע ליבע-רייד מע דאַרף זיך היטן,
ווייל, ווי די פליג, עס ריידן אויך די מענטשן-פּאַראַזיטן.

די פליג און די בין

א פליג צו פליען קומט אמאל פון רוים דער שטאט אין פעלד:
— נאָט העלף איך, פריינט באַפליגלטע,
אויף פעלדער וויט-צעהינלטע!
— גוט יאָר דיר, אומדערוואַרטער ליידיק-פליערישער העלד,
צעווישן בלוי און גרין! —
פאַרפראַצעוועט איר ענטפערט פון א בלום ארויס א בין:
פון וואָס פאַר א יארידן?
זעסט אויס מיר עפעס אויסטערליש צופרידן.
— איך בין פאַרזויפן פון א ז-ז-זינג! —
צעזשוזשעט אין דער לופטן זיך די פליג
און בלייערט אויס א קרייז, וואָס שווינדלט פאַר די אויגן.
— וואָס איז? ביסט הויך אזוי געפלויגן?
איז נעם זשע און באַוויז! —
איר שטעכט די בין באַלענטשן:
צי האָסטו אויפגעצערט א גאַנצן אויפגעזידטן רייז?
צי תלשן געטאַכט אן אויער פון א מידן מענטשן?
צי — ווייס איך וואָס?
דערדראַפּעט זיך צום כאַרגשפּיץ פון א מענטשנס נאָז?
נו, זאָג שוין! נו-זשע!
— פאַרנעם און שטוין!
איך האָב געזשוזשעט איבער צעזאַרס קרוין! —
טוט שטאָלץ די פליג א זשוזשע.
— אזוי? — צעבייזערט זיך מיט שפּאָט די בין
און לאָזט דער פליג אריין א גיפטל שאַרף און דין:

באַטייט עס, אַז אַ קרוין געהערט צו יענע הייכן,
וואָס יעדער ליידיקגייער קאָן צו זיי דערגרייכן...

צי דאַרף דער נמשל אויסטייטשן דעם משל ווייַ?
איך מיין: עס האָט עס קלאָר געזאָגט די קלוגע בין.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

צווײ פענסטער

די לופט האָט זיך געגליט, ווי אויף מיליאָנען פאַנען;
די תמוז־זון געהאָנגען איז אין הימל, ווי אַ בראַנד.
אין דרויסן איז אַ יוסטע פּאַס געשטאַנען,
אַ פּאַס מיט וואַסער, וואָס דערגרייכט איר ביזן ראַנד
און שלינגט דאָס זונגאָלד רענדלעכווייז, און פרייט זיך,
און ווי אַ באַלזאַם אין די גלידער אירע מילד צעגייט זיך, —
אויף אַלע פענסטער דורשטיקע איר שטאַנד!
נאָר ס'האָבן צוליב ווילטאָג אירע זאַטע גלידער
אַריינגעלאָזט זיך אין אַ קידער־ווידער.
ארויפגעטענהט דורכן וואַסער האָט דער דנאָ
מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע, ווי אַ טויבער, פון דער נידער:
— ס'איז אייער נס, וואָס איך בין גאַנץ און דאָ!
אין מיר אַ ליאַדע לעכל — נעמט דאָס וואַסער רינען,
און איר פון שרעק גייט ביסלעכווייז אַראָפּ פון זינען
און ווערט לסוף פון דורשט פאַרברענט, —
בין איך דאָך פון דער פּאַס דער פונדאַמענט! —
די קליעפּקעס ווידער בלעזלען מיט די ליפּן:
— מיר זיינען פון דער פּאַס די ריפּן,
מיר זיינען אירע ווענט! —
און פאַר געלעכטער האַלטן זיך די רייפן פאַר די זייטן:
— אָן אונדז וואָס וואָלט איר אַלע דען באַדייטן?!
ווען נישט פון אונדז אַרומגעגאַרטלט פעסט,
אָן קרינג אַפילו וואָלט איר זיך צעפאַלן!
ס'וואָלט קיינער נישט געטומען אייך אויף קעסט —
גייט וואַלגערט זיך אַרום אויף מיסט אין שטאַלן! —

דערווייל האָט עטעץ-ווער
אַ צווייטע פאַס געבראַכט אַהער —
אַ לערע, טרוקענע, און פול מיט שפּאַלטן,
די קליעפּקעס אין די רייפן קוים זי האַלטן.
— קבציוכע, הער ! —
די יוסטע פאַס צו איר זיך ווענדעט פול און שווער,
פאַרעדנדיק אין זיך דעם קידער-ווידער:
— אין אַחדות לעבן מיינע גלידער,
זיי עסן פון דערזעלבער שיסל, גלייך ווי ברידער, —
דערפאַר שטיי פעסט איך, לעב אַ ווילן טאָג.
צו דיר אָבער, קבציוכע מיט די דארע לענדן,
מוז זיין, און ס׳דאַרף אויך זיין אַ קלאָג,
וווהין דו זאָלסט נישט קערן זיך און ווענדן:
דיין יעדן גליד זיך דאכט — בלויז ער איז עס דער לייט!
און יעדער איינער ציט אַוועק זיך אויף אַ צווייטער זייט.
ווי זאָגט מען עס? דער קבצן איז פאַרשייט. —
די לערע פאַס האָט אָפּגעקרעכצט פאַרביטערט
און שטיל מיט איר, פון היץ געפּלאַצטער, הויט געציטערט:
— מיין יעדער אבר קרעכצט,
ווו נעמט מען כאָטש אַ שאָטן פון אַ שאָטן!
איך ווער (פאַר וועלכע זינד?) געברענט, געבראָטן.
איך לעכץ און ווער צעלעכצט
און יעדן אויגנבליק מיר דאַכט — איך ווער צעשאָטן.
איז וואָס פאַרפירסטו ווען אייניקייט ביי מיר אַ רייד?!
פאַרייניקט זיינען מיינע אברים אין פיין און לייד,
נאָר זיי צעגייען זיך און שרימפּן איין געטוימעדהייט... —
ווי דאָ איז אומגעריכט אַן עמער צוגעקומען
(כאָטש ס׳איז אַ-נ-עמער נישט קיין גרעבער, זאָגט דער שפּאַס)
און איבערגיסן פון דער יוסטער פאַס גענומען
דאָס וואַסער אין דער לערער פאַס:

— נו, טרינק זיך אָן,און זאָל דיך ווייל באַקומען ! —
ערשט איצטער, לער און דורשטיק, האָט די יוסטע פֿאַס באַנומען

דאָס צביעות און ענגהאַרציקייט פֿון רייכע לייט,
אַז, נישט קבצנים — ז יי זיינען פּאַרשיים.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די פעסער און דאָס עמער

(וואַריאַנט פון „צוויי פעסער״)

דער זון אַנטקעגן, וועלכע ברענט אַ וועלט און בראָט אַ גרויל,
געשטאַנען איז אַ יוסטע פאַס, פול וואַסער ביזן מויל,
און האָט געפילט זיך גוט און ווויל —
דאָס וואַסער קילט, פרישט אָפּ די גלידער.
פון ווילטאָג, טרעפט, צעאַטפּערן זיך אויכעט ברידער.
איר דנאָ האָט זיך געריסן פון דער נידער:
— איר האָט זיך אויף מיין ווערט נאָך נישט דערקענט.
אָן מיר רינט אוים דאָס וואַסער און — איר ברענט!
ס'איז אייער נס, וואָס אי״ך בין אייער פונדאַמענט. —
די קליעפּקעס שעפּטשען שטאָלץ מיט פייכטע ליפּן:
— און מיר? מיר זיינען פון דער פאַס די ריפּן! —
די רייפן ווידער דריקן פעסטער זיי אַרום
און, קיילעכדיקע, ריידן זיי שוין גאָרנישט קרום:
— אויך אָן מחלוקת וואָלט איר, קליעפּקעס, זיך צעפאַלן
און נישט געפונען זיך קיין רו —
אַרומגעוואַלגערט זיך אויף מיסט אין שטאַלן —
ווען נישט די גאַרטלען אונדזערע אייך האַלטן צו.
אינצווישן שטעלט מען לעם דער פאַס אַ צווייטע פאַס אַנידער,
אַ פאַס מיט איינגעדאַרטע גלידער,
אַ פאַס אַ לערע, ווי אַ נול,
נאָר פול
שפּאַרונעס, שפּאַלטן;
די רייפן אויף די קליעפּקעס קוים זיך האַלטן.
די פולע פאַס, וואָס ווייסט נישט פון קיין לייד,
איר וואַסער שפּילט מיט זונגאָלד און מיט פרייד,
זיך טוט צון איר אַ ווענד מיט גאַווהדיקע רייד:

— אין אחדות לעבן מיינע איידלע גלידער,
זיי טרינקען פון דער זעלבער שיסל, פון דער זון, ווי ברידער—
דערום שטיי א י ך זיך יוסט און לעב א גוטן טאָג.
צו דיר אָבער, קבציוכע — וויי צו דיר, א קלאָג!
צעווישן דיינע גליהער:
די קליעפקעס, רייפן און דעם דנאָ
קיין שלום־בית איז נישטאָ;
זיי לעבן קידער־ווידער,
איעדן ציט עס אין א צווייטער זייט,
איעדן דאכט, אז ער בלויז איז א לייט,
און וויל דער ברודער זאָל פאר אים זיך בוקן —
דערפאר ביסטו, ווי אַן עקרה, טרוקן... —
וואָס טוט די לערע פאס? זי שווייגט און קרעכצט.
זי ווערט צעלעכצט.
דאָ מישט אריין זיך צווישן זיי א דריטער,
א פאכמאן א געניטער,
א ליידיק עמער, פול מיט יושר און גערעכטן כעס,
און שעפט ארויס דאָס וואסער פון דער פולער פאס,
און גיסט עס אין דער לערער.
געוואלדעוועט די פולע פאס: — פארשווערער!
צעשטערער! —
און די צעלעכצטע פאס דערקוויקט זיך: — נאָך! נאָך!
מערער!

צי דארף מען מיט א נמשל נאָך דעם משל מאכן קלערער?

1929 — 1948 לאָדזש

דער הוט און די שיך

— אָט האָסטו דיר! ס׳איז גוט!
זיי האָבן נאָך צו סקריפּען מוט! —
האָט פון די שיך געשפּעט און ווינט דער הוט,
מיט זיינע רענדער שטאָלץ צום הימל זיך געצויגן
און גנעדיק צו דעם באָדן זיך געבויגן:
ווי זים זיי סקריפּען עס, ווי זים,
בעת מע טרעט זיי מיט די פים!
ווי שפל מוזן זיי שוין זיין, די שיך, ווי שפל!
למשל איך ...
— פאַרשטייט זיך, — סקריפּען צו איראָניש־בייז די שיך:
לגבי דיר, דעם הוט, איז אויך דער קאָפּ אַ טפל —
דו זיצסט דאָך אויפן קאָפּ!...
— איר שוסטער־יונגען, סטאָפּ! —
צעבייזערט זיך דער הוט, אַ רוק אַראָפּ זיך אויפן שטערן:
מע זאָל פון אייך קיין פאַרע מער נישט הערן! —
נאָר דאָ פאַרגלוסט דעם ווינט זיך טאָן מיט אים אַ שפּיל:
אַ ריס... אַ דריי... עס דרייט דער הוט זיך אַ קאַדריל,
ער דרייט זיך אין דער לופט — אַ קינדערישע מיל.
ער איז צעטומלט, ווי געוועזן וואָלט אויף אַ יאַריד ער.
— אוי, ווינד און וויי ! — צעוויינט דער הוט זיך מיט געפיל
פון ווינט אַרויס: אָ, ראַטעוועט מיך צו דער נידער,
אָ, ברידער מיינע, שיך!
איך וועל שוין מער נישט... איך...
— ערשט איצטער האָסטו אונדז דערקענט פאַר ברידער! —
צעסקריפּען זיך די שיך מיט שפּאָט און לויפן נאָך אים גיך:

ווען ס׳איז דיר ווינד און ווי.
פלי העכער!
אריבער הייזער! איבער דעכער!
זיי פרעכער!
דריי שטארקער זיך, בעל־גאווה, דריי!
און אונדז, די שפּלע, די ברידער,
צו רו לאָז אין דער נידער.

צוליב דיין זיצן אויבנאָן פאַרייס נישט הויך די נאָז:
א צופאל — ווי דער ווינט דעם הוט — קאָן מאָן דיך א פארבלאָז.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

רב ביטרע צדיק און חכמע גנב

די מעשה איז זיך דאָ נישט לאַנג פאַרלאָפן
אין קאָמיטעט. אין אונדזערן? געטראָפן.
הערט אוים די מעשה ערנסט און מיט קאָפּ,
און לערנט זיך פון איר אַ מוסר אָפּ.
אין מאַגאַזין זיינעם, וואָס פול מיט שפּייזן,
הייבט אָן אַ פרומער פוקס זיך צו באַווייזן.
פאַרשטייט זיך — נישט אין מיטן העלן טאָג:
אַ פרומער וועגט די מעשים אויף אַ וואָג.
ער האָט זיך אַ טונעל אַהער געגראָבן,
כדי מע זאָל אים אויפן אויג נישט האָבן.
מיט שטילע פרומע טריט, אין זיך פאַרטראַכט,
ער שלייכט אַריין אַהער איעדע מוטער-נאַכט —
רב כיטרע צדיק אין דעם פעלץ דעם געלן.
אין שיין פון צדיקס בליק נעמט אַלץ זיך העלן.
— רב כיטרע — בעט מען אים פון יעדער זייט:
זייט מועם, צדיק, ס'איז שוין רעכטע צייט —
דער שלאָף האָט טויב און בלינד געמאַכט די מענטשן.
פאַרזוכט רב כיטרע — בלויז צו דאַרפן בענטשן
דעם האַר, וואָס שפּייזט די גאָרע וועלט צו זעט.
געניסן? עסן? ווייס איך דאָרטן! עט!
אַז וויפל, משטיינסגעזאָגט, פאַרנעמט אַ צדיקס מאָגן.
און באַלד — צו דער עבודה! שלעפּן, טראָגן.
ער שלעפּט פון מאַגאַזן, ביז ס'ווערט אים היים.
ביז ס'רינט פון אים באַגין, ווי טוי, דער שוויים.

און מיט דער צייט אַ צווייטער מאַגאַזין איז
ביי אים אין הייל פֿאַראַנען, ווי דער דין איז,
אַז „ווער עס אַרבעט — עסט“. נאָר ווער פֿאַרמעגן האָט,
(און אויך רב כיטרע צדיק) האַלט די זאַך בסוד.
נאָר ס׳רעדט די וועלט: רב כיטרע צדיק איז אַן אדיר,
וואָס נאָר דאָס מויל רעדט אויס, דאָס נאַדיר;
(ס׳איז איבריק, מיין איך, געבן צו פֿאַרשטיין,
אַז „נאַ דיר“ מיינט דער פּסוק — זיך אַליין).
פֿאַרטראַכט זיך וועגן דעם דער בלינדער גנבֿ תמקע:
„... עס עפֿנט זיך קיין טיר נישט אָן קיין קליאַמקע.
פֿאַרוואָס מיר פֿעלט דאָס רעכטע אויג — באַוווּסט:
איך האָב מיין פֿאָלק פֿאַרטיידיקט מיט מיין ברוסט.
פֿאַרוואָס עס פֿעלט רב כיטרע צדיק ג אָ ר נ י ש ט,
איז קיינעם נישט פֿאַרשטענדלעך אויף קיין האָר נישט;
פֿאַרוואָס? פֿאַרוועו?
ער פּרעסט פֿאַר צען,
פּאַפּט גאַנצע טעג זיך אין דער זאַטער נאָרע
און... אפשר וואַכט ער גאַנצע נעכט?... אַ סבֿרא!“
דער בלינדער גנבֿ תמקע פֿאַרשט אהער, אַהין,
און די נסתּרות פֿון רב כיטרע צדיקס מאַגאַזין
זיך טוען ענדלעך אויס פֿאַר אים די קליידער
און זאָגן אויס דעם סוד פֿון צדיקס חדר.
און ווען רב כיטרע מידט אין מאַגאַזין זיך יעדע נאַכט,
לאָזט תמקע גנבֿ אין זיין הייל זיך ווילגיין. אויב איר טראַכט,
ער טוט זיך פֿעסט אַ נעם און נעמט פֿון דאָרטן טראָגן —
איז מעגט איר זיך דערפֿאַר על־חטא אין האַרצן שלאָגן:
וואָס איז? אַ רויבער איז ער, תמקע גנבֿ? גאָט באַהיט!
חלילה וחלילה! וואָס־וואָס — רויבן ניט.

אַ האַרץ אַן ערלעכס טראָגט אין ברוסט ער,
רב כיטרע צדיק איז אים נישט קיין מוסטער.
נישט מער... און ס'האָט רב כיטרע צדיק עס דערשמעקט:
צון אַלדי רוחות! פון זיין כשר טעפּל ווער זשע לעקט?
מיט גרויס עקשנות אין דער פינצטער פון געהיימניש טאַפּט ער,
און אַלע וויַיל זיך פאַרן טיף - געקנייטשטן שטערן כאַפּט ער.
„...וואַרט אויס. אין פלוג — אַ רעטעניש: נאַר... אפשר גאַר אַ גרינגס?

אויב פעלן פעלט אויף איין זייט בלויז, אויף לינקס,
משמעות (און ער ברומט זיך אונטער אַ גמרא - ניגון) —
א בלינדער אויפן רעכטן אויג האָט זיך אַריינגעקריגן.
איז אויב אַזוי? אַהאַ! ...דער ענין ווערט מיר קליפּ און קלאָר—
דער רויבער איז דער בלינדער גנב תמקע. וואָר!
נו, וואָלט אַ צווייטן קומען אַזאַ חוצפּה אויפן רעיון?
נישט מער — ס'איז דאָ אַ דין, און דאָ אַ דיין.
קיין רחמים איז נישטאָ! כ'גיי טאָן מיין פליכט.“
און תמקע גנב שטעלט זיך פאַרן קאָמיטעטס געריכט.
— רב כיטרע צדיק, — טענהט תמקע גנב רואיק, ניכטער:
האָט לאַנג גערויבט געזעלשאַפטלעך פאַרמעגן, הויכע ריכטער!
זיין הייל, דאָס הייליקע געצעלט — עס איז אַ פאַקט —
מיט כל-דאָס גוטס פון מאַגאַזין איז פול געפּאַקט.
און איך, דער בלינדער תמקע גנב — וועמען קאָן עס שאַטן? —

גענאָמען האָב אַ לעק פון רויבערס האָב און גוטס פּריוואַטן. —
באַראַטן זיך די ריכטער, און דער פּסק:
ווערט פאָרגעלייענט פאַרן עולם מיטן קנאַק:
„היות זיין ערלעכקייט באַשטרייט נישט קיינער,
דער אָנגעקלאָגטער תמקע גנב בלויז, ער איינער —

פֿאַרבלייבט רב כיטרע צדיקס כבוד אונטער אונדזער שוץ.
פֿאַר צורויבן רב כיטרע צדיקס האָב און גוטס,
וואָס נישט פּריוואַטס, נאָר קהליש (לויטן רויבערס רייד) איז —
און איבריק איז צו שטעלן אויף דעם עדות,
ווייל יעדער איז באַגלייבט, זיך צו באַשולדיקן אַליין, —
איז כאָטש ער מיידט זיך כיטרע וואַשן ריין
מיט פֿרעמדער אומשולד זיינע מעשים מיאוסע —
פֿאַרמשפּט ווערט דער גנב תמקע: שווערע תּפֿיסה".
ס'האָט תמקע גנב נישט דערהערט אויף וויפֿל יאָר.
און ער, רב כיטרע צדיק? כ'זאָג אייך וואָר:
ער לעבט און לאָזט זיך ווױלגיין נאָך עד־היום
און טאַכט נישט זעלטן מיט די ריכטער א לחיים.
— עך! — בגילופֿין שרייט רב כיטרע צדיק אָפּט:
בחינם האָט איר, ריכטער, תמקע גנב שווער באַשטראָפֿט.
עס שטייט געשריבן דאָך „הגונב מן הגנב פּטור"*) —
האַק אויף די סכה, וועט נישט זיין אויף איר קיין בלאַטער...

*) ווער עס גנבעט פֿון אַ גנב איז פֿריי.

די ערשטע שוואַלב און די קראָען

אַגוסלט פרילינג האָבן קראָען אויפן פעלד דערהערט —
די ערשטע שוואַלב צעשערט
די שפּילקיים אין דער לופט, אין הימל,
און וועקט די פעלדער פונעם דרימל:
— צווי-צוויטשי! טשווי!
כ'בין דאָ שוין הי!
און איבער היגלען, פלאַכן
וועט זומער-לעב שוין זיין,
און בלוים, און גרינס, און שיין! —
דאָ האָבן זיך די קראָען, פינצטערע מאָנאַכן,
צעקראַקעט האַרט ווי ביין:
— צי דו, אַן עופל שוואַך און קליין,
וועסט זומער מאַכן!
נישטאָ דאָ ווער ס'אָל לאַכן!
נו, זאָג אַליין —
ווי נעמט זיך גאָר צו דיר אַזאַ מין דיבור!
— צווי-צוויטשי! טשוויר! —
דאָ שלאָגט די שוואַלב זיי איבער:
עס פליען שוואַלבן הינטער מיר
אַ גאַנצע זינגענדיקע כמאַרע.

דעם ערשטן פרייהייט-קעמפער מאַכט אַ וואַרע!
כאָטש ער איז איינער, און — נאָך שוואַך זיין שטים:
עס גייען מחנות קעמפער הינטער אים.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער האָן אין וועג

ווי אַ רוח לויפט די באַן:
...דאַמף איז דאָ!
דאַמף איז דאָ!
דאַמף פאַראַן!
אין געלויף
וועג אַראָפּ און וועג אַרויף!
אומגעטראַכט! — — —
נאַכט.
שטאָל און אייזן זינגען פּחד־פולע לידער.
פינצטערניש פאַרמישט מיט שטילקייט און הארמידער.
דעם צעטרייסלטן וואַגאָן
שלאָגט צאָן אין צאָן.
די געפאַנגענע, געפליגל אַלערליי, אין שטייגן
האָרכן, האָרכן, ש... ש... ווייגן.
דאָרשט און הונגער נאָגן, נאָגן.
און די רעדער דרייען זיך און יאָגן:
— טאַ־טאַ־טאַ! טאַ־טאַ־טאַ! —
קרעכץ און זיפץ און — שאַ!
פּלוצעם אָבער טוט אַ קריי דער האָן:
— קוקורייאַראָן! —
גלייך צעגאָנערט זיך דער גאָנער,
ווי אַ בייזער מאָנער:
— מיסטנגראַבלער! שווארץ אַרום —
וואָס זשע קרייעסטו, וואָס? שטום! —
באַלד צעקוואַקעט זיך אַ קאַטשער: — קוואַקאַ־קוואַ:
שטאָק־שטאָק פינצטער — שאַ! —

טוען אַ צעכאָרכל זיך די הינער: — ניטע! ניטע!
נאכט און שחיטה!.. —
חבר רויטקאָפּ אָבער רייסט ארויף דעם קאָפּ,
ס׳גליט ווי קויל זיין קראָפּ:
—ס׳מעג ווי פינצטער זיין און שווארץ —
ליכטיקט אין מיין הארץ!
— קוקורייארון! —
זון! די זון!



אין דער עופות־קאַמער

אין עופות־קאַמער בלאָזט אַריין אַ ווינט דורך שפּאַרעס
און רויסט די עופות איין אַ הייסן סוד:
— פֿאַר אַלע, פֿאַר אייך אַלע, ווער אין פֿרייד און ווער אין
צער איז —
עס רוט אויף אייך דעם אייבערשטנס גענאָד! —
צעפּלאַטערט זיך צעווישן דעם געפֿלינגל אַ בהלה:
— אַוועלכע בשורות ברענגסטו, בלאָזער, אין דיין פֿאָלע?
— דערוואַרט צו אייך אַ הויכגעשטעלטן גאַסט!
— אַ הויכגעשטעלטער, — קרייט דער האָן: קאָן פֿאַלן
אונדז צו לאַסט.
— ער איז אַ רייכער מאַן. ער טראָגט אַ פֿיינעם פוטער.
— אַ פֿיינעם פוטער? — קרייט דער האָן: אוי, קוקאַרייאַראָ!
האָט ליב דאָך פֿעדערן און בלוט ער!
חברים, אויף דער וואַך! עס גייט אויף אונדז אַ וויסטע שעה!
— אוי, האָלדער, האָלדער! — כליפּעט שטיל אַן אינדיק:
אַ שטראָף פֿון גאָט. אוודאי זע'מיר זינדיק.
— אוי־ווייי! אוי־ווייי! —
צעשויבערן זיך הינער מיט אַ העזעריש געקריי...
— העי, שטילער, שטילער, —
שטילט איין דער ווינט די אויפֿגעוואַכטע שרעק:
צו וואָס זיך שרעקן? בעסער פֿרעגט, וואָס וויל ער?
— נו, גוט. נו, גוט. — אַ גאָנער קומט צו זיך: איך פֿרעג. —
שאָרכט שטיל דער ווינט: — ער קומט אַהערצו אויף געיעג

אויף אייערע אינזעקטן, פליי און...
וואָס־טאַכט דער האָן אזעלכע יעלות מיט זיין קרייען?
וואָס וויל ער? אייך די קעפ מיט שרעק פאַרדרייען? —
די עופות ווערן רואיק: זיי פאַרשטייען, זיי פאַרשטייען.

זיי שלאָפן איין, זיך ווינטשנדיק א גוטע נאַכט, ווי ס'פּאַסט,
און חלומען מיט וואַכע הערצער וועגן ליבן גאַסט.

דעם האָנס געקריי דערגרייכט נישט זייער זינען.
דער האָן האָט זיך אַרויסגעכאַפּט פון קאַמער אויפן דאַך
און דאָרט געשטעלט זיך אויף דער וואַך;
מיט אומרו קוקט ער אויס אַלץ דעם באַגינען.

און ווי ס'נעמט גרויען אויף כאור,
און ס'לעשן זיך אין הימל שטערן,
אין קאַמער לאָזט זיין גוואַלד־געקריי זיך הערן:
— קוקאַרייאַראָ! דער טכויר!

שאַרפט אָן די שנאָבלען, עופות, און די קראַלן!
צוזאַמען לאָמיר אים באַפאַלן! —
נאָר ס'איז זיין וואָרנונג, אוי, אומזיסט:
עס האָט דער גאַסט די קאַמער שוין באַגריסט
מיט ש... טעקבאָמבעס (מאָרערן!) —
עס איבלט ביז חלשות, וויי און וויסט!

— מיין העלדזל! — קרעכצט א הינדל: אוי! —
און אירע פעדערלעך פון פחד ווערן גרוי.

— עס שפרינגט אין דיינע פעדערלעך א פלוי, —
שפּאַסט בייז דער ווינט: זי קאָן, חלילה, זיך פאַרטערן. —
דעם הינדלס פעדערלעך באַדעקן זיך מיט רויטן טוי.

געשריי און גוואַלדן, גסיסה־כאָרכל און חלשות,
נאָר האַרט ווי קיזלשטיין — דאָס האַרץ דעם רשעס.

ער וועְרגט, דערשטיקט
און פּליקט,
פּאַרציקט.

העם ווינט, דעם טכויר, פֿאַרשטענדלעך, דאַרף מען כאַפּן
און באַשטראָפֿן;
די עופֿות? זיינען שוין באַשטראָפֿט פֿאַר זייער זאָרגלאָז
שלאָפֿן,
בעת דאָס לעבן שטיים אין קאָן;
אין משל פֿאַר די מענטשן אייביק לעבן וועט דער האָן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די סמעטענע און די זויערמילך

דער פויער האָט דאָס פעלד געאַקערט און געדורשט אַ טרונק.
פון וואָגן האָט די לאַדישקע געטאָן צון אים אַ ווונק.
די סמעטענע מיט איר געל־פּנימדיקן ווערכל
האָט שטיל געשעפּטשעט מיט אַ יוירנדיקן שערכל,
באַרימעריש זיך הייבנדיק צום ראַנד:
— כ׳בין פעט! כ׳בין הוילע שמאַנט!
צום ערשטן וועט דער באַלעבאָס פון מ י ר געניסן! —
די זויערמילך גאַרט אויך פון זיך צו לאָזן וויסן,
אַ שעפּטש צו טאָן פון איר דערשטיקעניש אַ וואָרט.
זי קאָן זיך אָבער גישט קיין ריר טאָן פונעם אָרט.
דערווייל קומט צו דער פויער פונעם אַקער,
אַ דורשטיקער, אַ גליאיקער, אַ פלאַקער,
און זעצט זיך אויפן באָדן, ווי אין שטוב צום טיש,
און מיטן לעפל טוט ער אין דער לאַדישקע אַ מיש,
און — וואָס פון אונטן, ליגט שוין אויבן, העכער...
די זויערמילך דרייט פריילעך זיך אַ טאַנץ,
זי לאַכט מיט אויגנווייסלדיקן גלאַנץ;
די סמעטענע? נישטאָ פון איר קיין זכר!

מיט דער „סמעטאַנקע“ פון אַ פאָלק — אַ קלאַס
געשעט אַמאָל דערזעלבער שפּאַס.

די איבערבעט און דער אינדיק

אן ערב־פסחדיקער, זוניק־ווינטיקער פרימאָרגן.
די באַלעבאָסטעס פטרן אַרויס — צו זייער לויב —
פון אַלע ווינקעלעך דעם שטויב
מיט אַלע פּאַראַיאָרעדיקע זאָרגן:
— פאַרנעמט זיך! פליט געזונטערהייט! —
און ס'כאַפט זיך אויף אַ ווינטל און פאַרווייט.
א רויטע איבערבעט, אן אָפּגעשוונדענע, זיך ליגט צעשפּרייט
מיט אַ קבצנ׳יש בייכל אויף אַ טאַפּטשאַנס לענג און ברייט
און לאָזט זיך מיט הנאה שמייסן,
אָט ווי געבעטן, אַז דער שמייסער זאָל זיך פלייסן:
און נעמט זיי אויף, די שמיץ, ווי אַ געשאַנק
מיט דאַנק; —
אַן אויסטערליש געפלאָכטענער און ביינעוודיקער שטויבער
קלאַפּט אוים פון איר דעם שטויב מיט דער רציחה פון אַ
רויבער:
— פאַרשווינדט און קערט שוין קיינמאָל נישט צוריק!
— קלאַפּ שטאַרקער נאָך! און פעסטער בויקער! —
זיך פאָלדעוועט די איבערבעט פון נחת און פון גליק:
צו וואָס דאָס זשאַלעווען אַן אַלטן הויקער!...
בלאָז־אויף מיין איינגעלעגערט אינגעווייד אין שוים,
עס זאָל פון מיר דער נאָרער שטויב אַרוים,
פאַרשווינדן פון אַ רויך געשווינדער!
(און דאָ צו אירע פעדערן אַ ווענד זיך) קינדער!
כאַפּט פרייערער דעם אָטעם אָפּ אַצינדער —
עס שיינט די זון, און ס'גלעט אַ ווינט אַ לינדער... —

דאַלעבן דאָ גייט חשיבותדיק אַהין און צריק
אַן אינדיק מיט אַ רויט-צעגליטן גוידער,
און אָנגעבלאָזן איז ער — ממש שוידער!
עס גליט דער שטאָלץ ביי אים אין בליק;
ער חנדלט זיך און זעגלט מיט זיין פעכער-ווידל,
און טרימלט אויס, און עיגולט אויס מיט טאַקט און
מיט מאַניר
אַ צירלעכן שפּאַציר,
און גייט אַרוים מיט לשון זייער איידל:
— האָלד-האָלדער! האָלדער! ס'זאָגט איר נישט אויף איר,
דער קבצנטע אין אונטערשטן, אין רויטן קליידל!
עס האָט שוין טאַקע מער נישט וואָס צו טון,
די בלאַנקענדיקע זון —
ווי נאָר אויף דיינע קוואַרע פעדערן איר שיין צו האַלטן,
און ס'ווינטל, — ווי צום גלעטן ליגד דיין רויטן גוף דעם
קאַלטן!
— און דו ווער ביסט, וואָס רעדסט אַזעלכע שטאָלצע רייד? —
פאַרווונדערט פרעגט די איבערבעט איר שטילערהייט.
— דו זעסט נישט מיין געשטאַלט, דאָס שענסטע פון
געשטאַלטן?
דו ווייסט גאָרנישט פונוואַן איך שטאַם? ! —
צעהאָלדערט זיך דער אינדיק פייער-פלאַם,
נאָר פלוצעם מוז ער זיך פאַרהאַלטן —
זיין באַלעבאָסטע טוט מיט פענד
אַ כאַפּ אים אויף די הענט
און לאָזט מיט אים זיך גיין מיט גיכע שפּרייזן.
— האָלד-האָלדער! האָלדער! באַלעבאָסטינקע, וווהין? —
איז איצט דער אינדיק, מער ווי רויט, שוין גרין.
— מע וועט אים דאָרט שוין ווייזן, —
זאָגט שטיל די איבערבעט: ס'איז היינט זיין יום-הדין.

איך בין שוין אַ געניטע —
מע טראָגט אים צו דער שחיטה.
נאָר גאָרנישט, ס'וועט דערפון,
אָ, טייערינקע פעכל־פוכלדיקע קינדער,
נישט טונקלער ווערן אויף אַ האָר די זון,
און ס'ווינטעלע — נישט מינדער.

צי האָט איר אין דעם אינדיק יענעם קלאָס נישט גלייך דערקענט,
וואָס בלאָזט זיך שפּאָטיש קעגן אַרבעטס־מענטשן פּראָסטע
און זעט נישט, ווי עס שטרעקן זיך צו אים שוין שטאַרקע הענט
צו טאָן מיט אים, וואָס אונדזער אינדיקס באַלעבאָסטע?...

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער בושל און די פראָש

אַ בושל פלאַטערט איבער לאָנקעס פריי און נאָבל,
נאָר כ׳צאַפּלט זיך אַ פראָש ביי אים אין שנאָבל:
— קוואַ־קוואַ!
— שאַ־שאַ! —
באַרואיקט אים דער בושל מיט אַ שעפּטש אַ ווייכן
און גלאָצט פאַריסן צו די הייכן:
וואָס טאַכסטו דאָ אַ גוואַלד אַזאַ?
גענוג דיר שוין צו קוואַקען און צו דרימלען
אין די געמויזעכצן און שימלען.
— מיין היים ־ געמויזעכץ — פייכט, און שאָטנדיק, און גרין!
קוואַ־קוואַ! וואָס טראָגסטו מיך? ווהין?
— צו בלויע הימלען.
— אַז מיר איז וויל אין גרינעם, פייכטן זומפּ — קוואַ־קוואַ!
וואָס טויגן מיר די טרוקן־בלויע הימלען? האַ? —
זיך קלאָגט די פראָש פאַרביטערט
און מיט די פיסלעך ציטערט, ציטערט.
— עס איז דער פליערס פליכט
צו העלפן דעם וואָס קריכט, —
דער בושל שעפּטשעט, דורכגענומען
מיט גאָר דער גאווה פון זיין שטאַנד:
כאָטש צו פאַרלאַנגען עס — איז פּלאַטשיק דיין פאַרשטאַנד.
— קוואַ־קוואַ! צום בעסטן איז ביי זיך אין לאַנד.
די היץ אין הימל שרפעט אויס דעם גומען,
און ס׳גליט די זון, כאָטש אומצוקומען.

לאָזט אָפּ אהיים, איך בעט אייך, נאָבלער בושל, אויף דער פריי!

— צו בעטן, זעסטו, איז נישט שיין. ס'איז בעטלעריי.
ביסט נישט באַוווסטזיניק. ביסט אומגעבילדעט. —
דער נאָבלער בושל האַלט אים פיר:
דו ביסט... ביסט ממש, פּראָש, פאַרווילדעט.
ווייל וויפל איז דער שיעור
צו שפּרינגען, ווי אַ פּראָש, אויף אַלע פיר?
שוין צייט צו זיין מיט בושלען גלייך — מיט מיר.
מיר האָבן איצט די ערשטע לעקציע פון פליען.
און שפּעטער וועל איך זיך באַמיען
דיך אויסצולערנען גיין אויף צוויי.
נו, אָט... מיר זיינען שוין געקומען! גיי...
צום קליינוואַרג מיינעם אין גרגרת:
פון טאַטנס מי די קינדער קוסט די פירות.

איך קען אַ גאַנצן קלאַס אַזאַ — אַ לאָרד,
ביי וועלעכן דאָס צביעותדיקע וואָרט
גייט תמיד האַנט ביי האַנט געפּאָרט,
ווי ביי דעם בושל אונדזערן — מיט מאָרד.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער חזיר־האָר

דער בערשטער האָט געטאָן אַ קרעכץ אַזש: — אָך! —
אַ חזיר־האָר האָט אים געטאָן אין האַנט אַ שטאָך,
בעת דער אַרבעט, ווי געהייסן זיך פֿאַרטראַכטן,
ווי שטום געפֿרעגט: — פֿאַרוואָס? פֿאַר וועלכע זינד
בין איך מחויב אין דיין קלעם צו שמאַכטן?
פֿאַרוואָס האָב איך אַזויפֿיל פּיין פֿאַרדינט?
איך בין אין גאָרנישט שולדיק, אויף קיין האָר נישט,
איך פֿיל זיך ממש נישט אין גאָרנישט.
— מעגסט זיין זיך, חזיר־האָר, פֿון בעסטן סאָרט,
נאָר... הער מיך אויס געדולדיק —
באמת, דו אַליין ביסט גאָרנישט שולדיק,
דו ליידסט צוליב דיין אָרט, —
די האַנט אים ענטפֿערט מיט איר צוקן:
ביסט פֿאָרט
געזיצן אויף אַ דבר־אַחרס רוקן.

ווי זויבער־ריין
דו זאָלסט נישט זיין אַליין,
קוים קומסטו פֿון אַ סביבה אַ געמיינער —
קיין צוטרוי וועט נישט האָבן צו דיר קיינער.

װאַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער בער מיטן פוקס
און דער הונט דער סטיגוטער*)

דער זון אנטקעגן, ביי זיין הייל, געהויערט
האָט שווער
דער בער,
און לעבן אים, פאַרטרויערט,
מיט אַ פאַרשפיצט געהער —
דער פוקס, זיין פריינט און שכן.
זיי האָבן צווישן זיך געשפּראָכן:
— אך, צייטן ביטערע! ס'אי' שלעכט! ס'אי' שלעכט!
— באַהאַנדלט ווערן חיות גלייך ווי קנעכט!
דער זעלבסטהערשער, דער לייב, גענומען האָט זיך אַלע רעכט
צו טאָן דאָס אַלץ, וואָס טוט אים ווילגעפעלן —
ער דאַרף בלויז וועלן. — —
ווי פלוצעם רייסן איבער זייער שמועס בייזע טריט.
...צי דער סטיגוטער, גאָט באַהיט!?
ער האָט זיי דאָך שוין „אויסגענישטשעט" ביז אַ לעצטן פּאָדעם —
זיי זיינען נאַקעט־הוילע שוין, ווי אדם.
המם... ע ר, דער הונט, בכבודו־ובעצמו, ער אַליין.
די לעדער־טעקע הענגט אַראָפּ פון צווישן זיינע ציין.
זיין פּרצוף — שטרענג, געמיין,
די אויגן זיינע גליען — פּחדים!
עס וועט אַ פלאַם אַ שלאָג טאָן פון זיי באַלד.
— אין נאָמען פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט פון וואַלד,

---
*
עקזעקוטאָר

דעם לייב, דעם מעכטיקן און גרויסן,
צאָלט איין דעם שטייער פאַרן זיצן ערשט אין דרויסן,
האַוו-האַוו! האַוו! און...
פאַר וואַרעמען די פעלן אויף דער זון.
די לופט, די זון דעם קעניג בלויז געהערן.
עס וועלן דאָ נישט העלפן קיין געשרייען און קיין טרערן!
געוואַלט
איז דאָס געזעגן פון וואַלד.
— באַלד, באַלד... —
נעמט מיט דער לאַפּע רייבן זיך דעם שטערן
דער בער,
און ס'טוט אַ בליץ אַ פונק אין זיין געקלער
און צינדט ביי אים אין האַרץ אַ פייער;
ער טוט אַ רעווע ווילד: אהאַ!
אָט האָסטו, דו געמיינער כלב, נאַ!
דעם שטייער! —
זיין שווער אַראָפּגעלאָזטע לאַפּע וואַשט מיט בלוט זיך רויט
און לאָזט דעם כלב ליגן טויט.
— און איצטער, —
דער פוקס זיך ווענדט צום בער:
לויף, שטעל זיך אויף דער וואַך, צי קומט נישט ווער.
און איך (מיט קלוגע אויגן בליצט ער)
וועל דאָ מיט אַלע כוחות שלעפּן שנעל
דעם פּגר צו דער הייל און אין דער נידער,
אַראָפּשינדן פון אים די פעל,
צערייסן אים אויף גלידער.
בשותפות פּראַווען מיר די סעודה, ווען דו קומסט צוריק.
נו, לויף און קום מיט מזל און מיט גליק!

— איך אייל זיך, — ברומט דער בער: אַ דאַנק דיר פאַר דער ברכה! —

דער פוקס — גענומען זיך פאַר דער מלאכה.

ער מידט זיך פלינק און פלייסיק, און מיט ברען,
און אויך מיט שכל, ווי אַ פוקס פאַרשטייט און קען.
און זע — די גלידער ליגן אויסגעלייגט שוין אין אַ סדר.
ער וואַרט שוין אומגעדולדיק אויפן בער, נאָר — ליידער,
עס זאָמט דער בער זיך זייער לאַנג.
און דאָ דער הונגער רייסט דעם פוקס געדערעם מיט אַ צוואַנג.

אַ רגע, און עס גייט אים אוים דאָס חיות!
עס מיניעט זיך פאַר זיינע אויגן רויטס און שוואַרצס.

ווי לאַנג נאָך וועט ער מאַכן שהיות?
ער טוט אַ כאַפּ דעם כלבם האַרץ
און עסט עס אויף אינגאַנצן.
קוים אָפּגעווישט די וואָנסעס — קומט דער בער צו טאַנצן.
— אַ בו־ו־ו! — באַטראַכט ער אַלץ. זיין בליק — אַ שפּיז:
דעם כלבם האַרץ ווו איז? —
זאָגט ערנסט־שטיל דער פוקס: — לאָז, ליבער פריינט, זיך דינען.

ווי קאָן זיך ביי אַזעלכן גאָר אַזוינס געפינען?
ווייל אויך אַ הונט, קוים האָט אים מיט אַ האַרץ באַשענקט זיין מוטער,
וואָלט דען געקאָנט ער ווערן אַ סטיגוטער?!

מיין משל לערנט נישט אַזוי דעם פיקסלם שאַרפן זין,
כאָטש כ'צי פאַר אים, דעם פוקס, אַנטציקט די שליאַפּע:
דער משל לערנט אונדז: „יש דיין וויש דין" —
באַוויזן האָט דער בער עס מיט זיין לאַפּע.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1938

דאָס שוועבעלע
און דער שייטער האָלץ

עס האָבן שוועבעלעך צעשיט זיך אויף אַ שייטער האָלץ.
אַ דיקע, סענקעוואַטע קלאָץ צעבייזערט זיך מיט שטאָלץ:
— דאַר־גופּימדיקע, הוילע בריות, אָן אַ זכר קאָרע
דערוועגן זיך באַרירן לייביקע (אָן עין־הרע!)
באַקליידטע לייט,
געאַכפּערטע פּאַרשוינען!
נו־נו, איז היינט אַ צייט!
איז היינט דאָס פּראָסטע פּאָלק פּאַרשייט!
— מע וואָלט דעם לייביקסטן, באַקליידסטן מאַן נישט קרוינען,
קוים פעלט אים, גלייך ווי אייך, דער קאָפּ! —
אַ שוועבעלע אים ענטפערט אָפּ,
און עס פאַרשמעקט מיט שוועבל־ריח שאַרפן:
דו וואָלסט שטאָט זידלען אונדז גאָר דאַרפן...
— פאַרמאַך דאָס מויל! —
דער האָלץ־שייטער צעבייזערט זיך אַ גרויל:
מיר וועלן זיך צו אייך אַ נעם טאָן און פאַרטרייבן! —
אָן ווערטער נעמט דאָס שוועבעלע דאָס שטערנדל זיך רייבן,

און ס'פלאַמט באַלד אויף מיט ליכטיקן געדאַנק:
„נקמה!"... מיטן פייער-צינגל נעמט עס לעקן
די סענקעס, און ס'געדויערט גאָרנישט לאַנג —
דער שייטער האַלץ צעפלאַקערט זיך פון אַלע עקן.

הערט אויף שוין, רייכע לייט, דאָס פאָלק צו שרעקן,
און גרויסט זיך נישט אַקעגן דעם, ווי יענע קלאָץ, אָן טאָלק;
עס וועט נישט אייביק דולדן אייער שטעקן,
און ס'וועט נקמה נעמען, ווי דאָס שוועבעלע — דאָס פאָלק.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער משפט איבערן טיגער

די״מסראון

דער קינדערלאָזער לייב געוואָרן איז צו שוואַך און אַלט
צו קאָנען ווייטער קיסרן אין גרויסן ווילדן וואַלד.
סע האָט גערעדט: אין קאַמף פאַר הערשאַפט זאָל אַרויס דער זיגער
דער יונגער טיגער.
נאָר ס׳האָט אַריינגעמישט זיך אין דער זאַך דער ווילדער הונט
(דעם טיגערס ערלעכקייט איז אים נישט ווילגעפעלן)
און מיטן כיטרען פוקס געשלאָסן אַ געהיימען בונד —
דעם טיגער צו פאַרשטעלן
דעם וועג צו הערשאַפט און צו מאַכט.
און איינמאָל אין אַ פינצטערער און שטורעמדיקער נאַכט
באַפעלן זיי אַ מחנה ברוינע וואַלד־חזירים:
— ס׳וועט נישט פאַראַטן אייך די טונקלע פעל, חברים,
איז גייט מיט גאָט און מיט די שויפלען... וואָרצלט אויס,
און מיט די רייס־ציין רייסט אַרויס
דעם אייזנשטאַמיקן און שטאָלבאַבלעטערטן,
פון פאָלק פאַרגעטערטן —
דעם אור־דעמב פונעם וואַלד.
און זעט איר, ווי ער פאַלט,
איז גיך און באַלד
אין זומפּ פאַרקראָכן
און זיך פאַרשטעקט אין שימלדיקע מאָכן. —

דערנאָך ווערט אויך אַרויסגעשיקט די פֿאַלשע שלאַנג:
— וווּהין דו קומסט נאָר, שיפּענדיק פֿאַרשפּרייט דעם קלאַנג —
צי האָט איר נישט געהערט אַ קנאַלן?
דער דעמב דער הייליקער — געפֿאַלן!
שטעלט, פֿייגל, אָפּ אײַן טרויער דאָס געזאַנג!
שטעלט, ביימער, אָפּ דאָס גרינען פֿון די בלעטער!
און ווער האָט דאָס געטאָן? דער טיגער! ער, דער פֿאָלקס־פֿאַרעטער!
ער שענדעט אַלץ, וואָס הייליק איז, און טרעט אויף קעפּ פֿון געטער!
דעם שענדער — שאַנד און שפּאָט!
נקמה פֿאַרן דעמב, וואָס ער געשענדעט האָט! — —
דאָס אויפֿגעהעצטע פֿאָלק האָט אויפֿגעברויזט אין צאָרן,
און אַ מהומה איז אין וואַלד געוואָרן
אויף גאָר זיין ברייט און לענג:
געוואָיעט האָבן וועלף, געצישעט שלענג;
עס ברומען בערן,
און ביבערס אין דעם וואַלד־טייך יאָמערן מיט טרערן;
באַזונדער — יעדע חיה מיט איר קול,
און אַלע פֿאַראַמאָל.
— אַרויסט, חברים קריגער,
נקמה נעמען פֿון דעם טיגער! —
פֿון פֿעל געריסן האָט אויף אַלע כלים זיך דער הונט,
צעצאָרנט און צעפּלאַקערט אַלעמען צום בונט;
ער גיט הער פּוקסן איבער די קאָמאַנדע.
צעיושעט לאָזט זיך אויפֿן טיגער גיין זיין באַנדע
און קערט זיך אום אינגיכן מיט אַ יובלדיק געביל:

— אַקעגן קומט מיט טענץ און מיט געזאַנגען —
מיר האָבן אויסגעשפּילט די שפּיל:
דער יונגער טיגער איז געפאַנגען!
מיט חוצפּה שפּרינגט דער הונט און בילט דעם טיגער און
געזיכט:
סע וועט דיך שטעלן פאַרן העכסטן הייליקן געריכט!
עס וועט דאָס פאָלק דיין קאָפּ פאַרלאַנגען! —
נאָר איידער וואָס־און־ווען — און שוין
באַשטימט דער הונט פאַר זיך אַליין אַ לוין:
די קיסרלעכע קרוין.
און ווי אַ צייכן פון זיין דאַנקבאַרקייט דער גרויסער,
אַלס וויצע־קעניג גלייך דעם פוקס ווייַלט אויס ער.
און ס׳ווערט איינגיכן פאַרן העכסטן טריבונאַל
אין קיסרלעכן פּאַלאַץ אויסגעטיילט אַ זאַל;
אַלס פאָרזיצער די פאַלשע שלאַנג באַקומט דעם רודער,
און ס׳ווערט באַשטימט דעם פוקס אַ כיטרער ברודער
אַלס פּראָקוראָר;
די ברוינע וואַלד־חזירים מעלדן זיך אַלס עדות.
און ס׳ווערט אַהין צונויפגעזאַמלט גאָר דער יונגער דור,
ער זאָל גערעכטיקייט, געזעץ זיך לערנען פון די זיידעס.
דער משפּט הייבט זיך אָן — — —
עס טרעטן חזיריש אַרויס די עדות,
דער פּראָקוראָר האַלט העצערישע ריידעס —
דאָס לעבן פונעם טיגער שטייט אין קאָן.
נאָר ע ר שטייט שטאָלץ; זיין וואָרט איז אומגעבויגן;
ווי פאַקלען פלאַמען זיינע אויגן;
עס ציטערט נישט זיין טאָן;
ער קוקט אַדורך די קראַטן, ווי אַ זיגער,
דער יונגער טיגער.

און ענדלעך שטעלט דער פּאָרזיצער, די שלאַנג, זיך אויף פון אָרט:
— באַשולדיקטער! דו קריגסט דאָס לעצטע וואָרט. —
דער טינער דעקט דעם אמת אויף, אָנשטאָט א לאַנגער ריידע,
און ענדיקט: — איך דערקלער בפני כל עם ועדה —
כ׳בין אומשולדיק און ריין!
איך בעט — דאָס פאָלק אליין
זאָל משפּטן, צי דאַרף איך גיין
פאַר פרעמדע זינד אויף דער עקידה? —
און ס׳האָט דאָס פאָלק געטאָן א יובל: — ניין און ניין!
די שלאַנג, די ברידער פוקסן ביידע,
און אויך דער סאַמע ראָדנע הונט אליין —
ווו דו שטייסט איצטער, זאָלן שטיין!

ווען נידערטרעכטיקייט און פאַלשקייט אינעם לאַנד רעגירן,
זיי מוטיק — צום געווויסן פונעם פאָלק צו אַפּעלירן:
דאָס פאָלק וועט נישט פאַרפירן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער אשמדאי און שלמה המלך

עס האָט דער מלך שלומה פּעסט באַשלאָסן ענדלעך:
אויב ס'איז נישט מיגלעך אונטערקויפן מיט קיין שוחד־רענדלעך,
און נישט מיט כבוד אויך, דעם אשמדאי — אָט דעם בונטאַר,
וואָס העצט דאָס פאָלק און שטעלט אַרויס מיך קעגן אים צום נאַר,
און וויל מיין טראָן מיט זיינע הענט די אומריינע דערלאַנגען,
און שאַנד פאַרשאַפט ער מיינע טויזנט ווייבער, שאַנד און צער, —
דער אשמדאי זאָל ווערן אומבאַדינגט געפאַנגען! —
עס זיינען אים כסדר שפּיצליעס נאָכגעגאַנגען
און דורך אַ כיטרע שפּיצל אים פאַרשיכורט... שוין —
דער אשמדאי ווערט גלייך געשמידט אין קייטן;
ער מעג זיך צו דער תּליה גרייטן!
עס ציטערט שוין נישט אויפן מלכס קאָפּ די קרוין:
אַ מייסטער האָט אויף איינעם פון די קייטנס רינגען
דעם שם־המפורש — יהוה — אויסגעקריצט.
קיין כוח קאָן אים שוין, דעם אשמדאי, נישט העלפן איצט!
און ס'ווערט דורך שטעט געפירט דער אשמדאי: די קייטן קלינגען,
מע טרייבט אים, ווי אַ הינטשלעגער, אַ הונט.
נאָר פון זיין קעל שפּאַרט פאָרט אַ טראָציק זינגען —
עס זינגט דער אשמדאי דאָס ליד פון בונט.
און איינמאָל, ווען עס נעמט אויף טאָג קוים בלאָען,
באַצירט מען זיינע פיס, דעם אשמדאיס, מיט טלאָען,

דעם קאָפּ — מיט הערנער פון אַ באָק,
און אויף די הערנער —
אַ קראַנץ פון דערנער:
עס זאָל מיט שפּאָט באַגעגנען אים דער טאָג.
און פאַרן מלכס פּאַלאַץ שטעלט מען אים ארויס אין דרויסן;
דער מלך איז דערמיט, פאַרשטייט זיך, אויסן:
עס זאָל פון דעם בונטאַר אין דערנער־קרוין
אראָפּנעמען אַ מוסר־השכל דעם המון,
דער גולם...

דער אשמדאי האָט דורכגעשפּיזט דעם עולם
מיט ניכטערן און בליצנדיקן בליק,
און ס'האָט דער עולם זיך אַ ריס געטאָן צו אים — אַ לאַווע.
נאָר אויף אַ רינג דערזען דעם שם־המפורש — יהוה,
אַ טראָג געטאָן האָט ער זיך, ווי אַ כוואַליע, אויף צוריק. —
ביינאַכט האָט מען דעם אשמדאי אריינגעפירט צום מלך.
דער מלך איז געווען גוט אויפגעליינט און פריילעך.

— הער אויס, —
געבליבן אויג אויף אויג, טוט שלומה אים אַ שטויס:
פאַרבייג פאַר מיר דיין קאָפּ און ווילן,
זאָג צו צו דינען מיינע צילן
פון היינט און ווייטער ערלעך און געטריי,
און כ'לאָז דיך פריי!

באַרעכן זיך...
— איך וועל נישט ברעכן זיך, —
האַקט איבער אים דער אשמדאי און פּלוצעם זיך צעלאַכט: —
צי ווייסטו, וואָס עס האָט דער עולם היינט געטראַכט,
הנם ער האָט פאַר יהוהן זיך דערשראָקן?
„...דעם מלך שלומהס נאָט איז שוואַך, אָן מוט:
עס גליווערט שוין ביים זקן
זיין געטלעך בלוט —

ער קאָן שוין נישט באַווייזן
צו האַלטן פעסט דעם אשמדאי אָן אייזן;
ווען ס'וואָלטן זיין די קייטן מיט זיין נאָמען פון פּאַפּיר,
וואָלט באַלד דער אשמדאי באַפרייט זיך מיט אַ ליאַדע ריר."
— דו לעסטערער! — צעצערנט זיך דער מלך: דו סאַטיר! —
אויף דעם צעשמייכלט זיך דער אשמדאי (ס'איז גוט און וויל אים):

— יאָ, יאָ, אַזוי האָט שטיל דער עולם
אין האַרץ געטראַכט:
און זיין געזאַלבטער מלך, יהוהס, איז אַ גולם...
עס האָבן טייל אַפּילו אויפן קול געלאַכט. —
צעיושעט קריצט דער מלך מיט די ציינער:
— דו מיינסט, כ'פאַרשטיי נישט דיין כוונה, יונג געמיינער?!
איך זאָל אַראָפּנעמען דעם שם-המפורש פון דעם רונג,
עס קריכט די פאַלשקייט, ווי אַן אָל, אַרויס דיר פון דעם צונג —

און דערמלט וועסטו, קין,
מיט גאָר דיין טייוול-כוח זיך באַפרייען,
און קענען מיר דעם בונט באַגייען,
און אָנצינדן אַ פייער אין מיין נעסט...
נאָר... הםם... דער רונג דער אייזערנער וועט ווערן מאָרגן
מיט קופּער-בלעך ארומגעשלאָגן פעסט —
עס זאָל דער שם-המפורש זיין פאַרבאָרגן
פאַר אויג און שיין;
עס זאָל אים דער המון נישט זען, קיינער זאָל נישט לאַכן:
ער וועט געהיים דיין טייוול-קראַפט באַוואַכן,
און דו וועסט שיכור און פאַרחלשט זיין פון פיין
אָנשטאָט פון וויין;

און איבערמאָרגן... קרינסטו אַן „עליה" —
דעם שענסטן „מפטיר" אויף דער תליה. —
צעשמייכלט זיך דער אשמדאי: — פאַר איבערמאָרגן
זאָל יהוה זאָרגן!
דערווייל — געזאָלבטער, גיב רשות אַרויסגיין פאַר דער
מיר...
— אַרויס! — זידט אויף דער מלך: אייטערדיק געשוויר! —
ווען ס'האָט אים מאָרגן אינדערפרי
אַרויסגעפירט, דעם אשמדאי, אין דרויסן
(מיר ווייסן שוין, וואָס ס'איז געווען אויסן)
און אַ געשמידטן אים געוואָרפן אויף די קני, —
איז טאַקע, לויט דער מלך האָט באַפוילן,
דער שם־המפורש אונטער קופּער־בלעך געווען פאַרהוילן.
דער עולם האָט געטאָן זיך צו דעם אשמדאי אַ צי
און שטיינגעבליבן אין דעם קרייז פון בליק זיינעם דעם
שטאָלצן,
וואָס האָט גערופן, און באַפוילן, און דאָס האַרץ געשמאָלצן.
און ס'האָט דער עולם זיך אַ וואַרף געטאָן אַנטציקט
אויף זיינע קייטן... זיי צעריסן און צעפּליקט.
און איידער ס'האָט דער מלך שלומה דאָס דערבליקט
פון טראָן פונוויטן,
דערזעט ער שוין דעם אשמדאי פאַרשווינדן אַ באַפרייטן.
— אך, יהוה! — שריים דער מלך שלומה: ווו זשע איז דיין
קראַפט? —
און קוקט אין לערן הימל, ווי אַ תם, פאַרגאַפט;
עס ציטערן ביי אים די קעניגלעכע קניען,

און ס'פֿאַלט אַרויס אַ שניי אויף זײַנע האָר פֿון גרויל.
אויף דעם קומט אָן אַ טויב־שטאָפּעט צו פֿליען
און ברענגט אים פֿונעם אשמדאַי אַ בריוועלע אין מויל:
„די קראַפֿט איז נישט אין דעם, וואָס איז... נישטאָ פֿון אויבן,
נאָר גראָד אין די, וואָס זײַנען אונטן בלינד־פֿאַרבלענדט פֿון
גלויבן...״

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער נאָדלער און דאָס פייגעלע

עס האָבן יאַטלעך אין אַ האַרבסטיקן פאַרנאַכט
צו זיך אין שטוב אַריין געפאַנגענע געבראַכט:
אַ פייגעלע, פון שרעק צעפעדערט און פאַרציטערט,
און אויך אַ נאָדלער, אָנגענאָדלט און פאַרביטערט.
זיך אָנגעטישעט, לאָזט מען פריי זיי פון די הענט,
נאָר ס׳בלייבט נאָך אַלץ פאַר זיי די תפיסה — טויבע ווענט.
דאָס פייגעלע שטרענגט אָן זיך מיט די לעצטע כוחות
און טוט אַ הייב זיך און אַ פלי,
און ,ווי די סטעליע אין דער שטוב נישט הויך איז,
דערפליט עס מיט אַ שוואַכן „פי! פי־פי!“.
עס בלייבט דאָרט שטיין פאַרשטאָרכעט אין אַ ווינקל,
אַן איינציק פליגעלע אַראָפּגעלאָזן מאַט,
נאָר ס׳איז זיין בליק שוין פריילעכער — אַ פינקל:
וואָס הערט זיך אונטן ביי דעם נאָדלער? שאַט, נאָר, שאַט!
דער נאָדלער ליגט זיך אין זיין שטעכעדיקער הילע —
אַן אומבאַוועגלעכע, אַ גרויע קנויל:
וואָס טוט ער דאָרט? צי טוט ער תפילה?
צי איז ער גלאַט זיך אויפצוהייבן פויל?
און מיטאַמאָל — אַ ריר זיך און געטומען שיטן,
ווי אַרבעס, דריבנע, שנעלע טריט —
ער דרייט זיך אין אַ קרייז אַרום אַ פוסטן מיט.
— אַז גאָט באַשירעם און באַהיט! —

טוט שטיל אַ פּישטש דאָס פייגעלע פון סטעליע:
וואָס דרייסטו זיך אַרום, ווי חסר־דעת,
ווי אויף דער גאַנצער וועלט אין כעס?
דו זעסט דאָך, אַז די יאַטישע קאַפּעליע
קומט אַלעמאָל אַהער אַריין
און ,ווי אויף שפּילקעס, זיצט נישט איין, —
איז קאָן, חלילה, דאָך — נישט אויסגערעדט זאָל זיין...
— דו פליענדיקע שמה! —
שלאָגט איבער אים דער נאָדלער מלא־חימה:
איך וויל נישט, גלייך ווי דו,
געניסן פון דער רו,
נישט זוכנדיק קיין אויסגאַנג פון דעם מצב,
ווי אַ בהמה פון דער האַנט פון קצב...
— איך וויל דיר... — וויל דאָס פייגעלע אים וואָרנען פאַר
געפאַר,
נאָר ס'לאָזט אים נישט דער נאָדלער: — גרויסער נאַר!
מע מוז זיך ראַנגלען, קעמפן מיט אַ יעדן גזר.
דו מיינסט, דו ביסט שוין ביי דער גאולה, זיצנדיק פון אויבן!
וואָס גלאָצסטו אַזוי נאַריש צו די שויבן?... —
דער נאָדלער וואָלט אַזוי מיט רייד געשאָטן און געשיט,
אָט ווי מיט אַרבעס, מיט די טריט,
און נישט געוואָרן מיד,
ווען ס'וואָלט אים נישט אַ יאַט — פאַרשטייט זיך, אַז נישט
גערן —
אַרויפגעטראָטן אויף דער נאָז...
עס טוט דורך זיינע נאָזלעכלעך דאָס בלוט אַ שאָס,
און פון די אויגן רינען רויטע טרערן.
צום נאָדלערס „פרייהייטס־קאַמף" געקומען איז אַן עק.
דעם יאַט, זיין אומברענגער, באַפאַלט אַ שרעק —

ער עפנט ראַש דאָס פענצטער אים אַרויסצוואַרפן.
— אָט דאָס האָב איך בעדאַרפן! —
דאָס פייגעלע, פון פרייד צעציטערט, פישטשעט אויס
און — ווי אַ פייל, אַ שאָס ארויס!

קוים האָסטו נישט קיין קראַפט צו קעמפן, זאָלסטו זיך פאַרטייען
און, ווי דאָס פייגעלע, וואַרט אָפּ אַ גינציקע מינוט:
דו וועסט מיט הוילע רייד זיך נישט באַפרייען,
און האָסטו, ווי דער נאָדלער, ליב אַרומצושטייען —
ווי ער, באַצאָלן וועסטו מיט דיין בלוט.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

שמשון הגיבור און די זלידניע פליג

װען שמשון, דער באַרימטער גיבור פֿון תנ״ך,
האָט לייכט דעם לייב, דעם חיות־קעניג, ביינגעקומען,
„צעפּליקט אים, װי אַ לעמל״ — לאָז מיך, לייב, געמאַך! —
האָט אויפֿן טויטן לייב אַ פֿליג גענומען
אַרומקרייזן און זשומען.
אין שאָטן פֿון אַ פּאַלמע, אויפֿן גרינעם גראָז,
איז שמשון זיך געלעגן אויסגעצויגן,
זיך אָפּגערוט מיט צוגעמאַכטע אויגן.
פֿאַרגלוסט זיך דאָ דער פֿליג זיך שטעלן אויף זיין נאָז,
װי אויף אַ טייטל, אָדער װײַנטרויבן אַ הענגל,
און טאָן זי מיטן פּיסקל־צװענגל
אַ צוויק.
דער גיבור — לייכט אַ שאָקל מיט די לאָקן,
די פֿליג — אַ טראָג זיך אָפּ דערשראָקן.
נאָר תיכף קומט זי אויף דער נאָז צוריק
און בייסט אַריין אין איר זיך האַרבער, טיפֿער.
באַמיט דער גיבור לייכט די האַנט אַ טרייב צו טאָן דעם שטיפֿער.

די פֿליג — מיט ציטער זיך פֿון אָרט אַ ריס.
נאָר גלייך צוריקגעשטעלט זיך און — אַ ביס!
דעם גיבורס נאָז זידט אויף און טוט אַ ניס:
— אַפּציאָ, דו פּלישתּערין געמיינע! —
די פֿליג — זי שווידערט אויף,
א װירבל זיך אַרויף,
נאָר זאָמט זיך בלויז אַ רגע איינע —

אָט זעסטו, אין אַ מזלדיקער שעה!
זי איז שוין ווידער אויף דער נאָז פון גיבור דאָ.
נו, וואָס וועט איצט דער גיבור טאָן איר, דער פאַרשייטער?
ער הייבט זיך אויף פון אָרט,
און אָן אַ וואָרט
אין וועג אַריין זיך לאָזט ער ווייטער.
— אַ ריז אַ מאַנזבל — ווו זשע איז זיין כוח,
אַז איך, אַ שוואַכע פליג, באַזיג אים! ? —
מיט שפּאָט פליט נאָך די פליג אים.
— צו גבורה גוט איז האָבן שכל אויך ! —
האָט איר אין פינטל גלייך געטראָפן
אַ פוקס, וואָס איז פאַרביינגעלאָפן :
ס׳איז נישט כדאי קיין קאַמף און זיג,
ווען ס׳איז דער שונא בלויז אַ זלידניע פליג.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די זון, דער באַרג און דער שאָטן

אַנומלטן האָט צווישן בערג דער העכסטער באַרג
מיט שטיינעריק-עקשנותדיקן קאַרק
אַקעגן זון, וואָס לייכט שוין אויפן מזרח העל זיך,
געטאָן אַ שטעל זיך:
— פאַרנעם מיין פעלדזיק וואָרט!
נישט לאָז אין וועג אַריין אויף פוסט זיך.
נישט ריר זיך, זון, פון אָרט!
ס'וועט איבערברעכן אויף מיין ברוסט זיך
דיין שטראַלנדיקער שפּיז.
עס רעדט צו דיר אַזוי פון צווישן בערג אַ ריז! —
די בערג אַרום געוואָרן זיינען טיף דערשיטערט.
די טשערדעס, וועלכע האָבן זיך געפּיטערט
אויף די שיפּועים זייערע — פאַרציטערט
דעם אָטעם האַלטן איין, פאַרכאַפּט:
פון ו ו ע מ ע ן ו ו ע ר וועט זיין צעקלאַפּט?!
עס וואָלט ביים באַרג דער מוט זיך אפשר לאַנג נישט האַלטן,
ווען ס'וואָלט נישט (הינטער אים באַהאַלטן
אין לעכער און אין שפּאַלטן)
זיין זון, דער שאָטן, אים געבלאָזן אויפן פליך:
— איך! איך!
וועל העלפן, פאָטער, דיר אין קריג דעם שווערן.
דער זיג וועט אונדז געהערן! —
צעפינצטערט זיך דער באַרג: — מיר וועלן פעלדזנפעסטע שטיין!
— אין רויטע ריקעס בלוט צו מיינע פיס וועט זי דערגיין.

נאָר אויפן עזות פונעם באַרג דעם פינצטער־שוואַרצן
צעשמייכלט זיך די זון מיט שפּאָט אין לייכטנדיקן האַרצן.
איר שטראַליק פּנים לאַכט:
— צו וואָס עס האָבן פעלדזענע געהירן זיך דערטראַכט! —
זי גייט אַלץ העכער, העכער — גאָרנישט זיי אַקעגן.
ווי טעפּיכער זיך שפּרייטן אויס פאַר איר די וועגן.
פּאַמעלעך, איינגעהאַלטן שפּאַנט זי, נאָר מיט ברען און בראָט,
ביז ענדלעך טוט זי זינעריש אַ טראָט
שוין אויפן סאַמע פליך פון אונדזער באַרג דעם קנאַקער:
ער ווערט אַרומגעכאַפּט פון אַלע זייטן פון איר פלאַקער.
...„מיין זון? מיין שאָטן?“ קוקט דער באַרג פאַרבלענדעט
זיך ארום
און זוכט דעם שאָטן אום פאַרצווייפלט־שטום.
נישטאָ קיין זכר פונעם זון דעם שאָטן אין די שפּאַלטן!
דער פּחדן האָט שוין לאַנג זיך אונטער דרערד באַהאַלטן.

ווי אָפט מיר האַלטן גאָרנישטן פאַר היפּשע לייט,
דערפאַר בלויז, ווייל זיי שטעלן זיך אויף אונדזער זייט!
און הילף פון זיי — ווי פונעם שאָטן האָט דער באַרג
דערהאַלטן.

דער בעלמער רב
און דער בעלמער קוימענקערער

ס׳איז אויך צום כעלמער רב דערגאַנגען: — הערט חידושים!
— נאַ דיר
דער כעלמער קוימענקערער, זאָגט מען, איז אַ גביר,
און עולם שמועסט — נישט קיין גביר דאָרט, נאָר אַן אַדיר!
איי וואָס? ווי ווערט מען דאָס אַן אדיר גלאַט, נישט מיר
נישט דיר?
אָט פרעגט קיין קשיות נישט: דערויף איז כעלעם — כעלעם
און האָט אויף אַלץ אַ תירוץ פון פאָרויס:
דאָס וווּנדער איז דאָ גאָרנישט אַזוי גרויס —
אַ גביר אַ לאַמעדוואָווניק... שאַ און שטיל... אַ נעלם.
נאָר ס׳איז דער כעלמער רב געבליבן זיצן טיף פאַרקלערט:
אויב ס׳איז דער כעלמער קוימענקערער שוין אַן עושר,
געשיקט זיך ס׳אָל דער כעלמער רב אַ קבצן זיין? און יושר?
צי האָט, חלילה, נישט די קרוין פון תורה קיין שום ווערט?
און ס׳איז דער רב געפאַלן אויף אַ לומדישער המצאה:
ביי מיר איז דאָ אַ זון (זאָל זיין ער מיר אויף לאַנגע יאָר!),
ביי אים — אַ טאָכטער, זאָגט מען, — קאָן דאָך זיין אַ פּאָר!
און ס׳וועט דער שידוך זיין אונדז ביידן נישט לרעה:
וועט האָבן ע ר דעם כעלמער רב פאַר אַ מחותן — מיך;
און אים, דעם אַדיר, האָבן וועט פאַר אַ מחותן — איך. —
און ס׳האָט דער רב דעם קוימענקערער שטיל צו זיך געלאָדן
און אויסגעלייגט פאַר אים דעם ענין: — איך בין גרייט
— כאָטש שוין!
נאָר פאַרן זון זיך אויסגעביטן האָט ער אַ מטמון,
(זאָל אויך דער רב אַ גביר זיין אָן דעם קוימענקערערס שאָדן),

ווייל ער, דער רב, פאַרקויפט דאָך אים דער תורהס קרוין.
— איך הער אייך, כעלמער רב, איך הער און שטוין, —
הייבט אָן דער קוימענקערער זיין פאַרוויכערט בערדל קנעטן
און בליאַסקען מיט די לאַכעדיקע ציין:
עס זאָל אַ רב גאָר פון אַ קוימענקערער שפּעטן!
— חלילה! שפּעטן גאָר! רב קוימענקערער, ניין!
אַזעלכעס קאָן דאָך גאָט אין הימל נישט פאַרליידן.
איך מיין באמת...
— כ'וועל עס גלייבן, רבי, סיידן
דער כעלמער רב וועט אָנטאָן זיך די שאַנד
און אויסקערן דעם קוימען דאָ מיט מיר ביינאַנד. —
דער כעלמער רב איז מסכים. וואָס? ער האָט אַ ברירה?
אַדורכלאָזן אַזאַ הזדמנות — פּשוט אַן עבירה!
און אונדזער קוימענקערער, אַ געשיקטער אין זיין פאַך,
שפּרינגט גלייך אַרויף מיט די מכשירים אויפן דאַך
און צו דער אַרבעט פלייסיק נעמט זיך.
דער רב, אין שטוב ביים קוימען, שטייט און שעמט זיך,
נאָר... קיינער זעט דאָך נישט. ווי נאָר די באָמבע
ברענגט דעם שטריק,
גלייך טוט ער אים אַ כאַפּ, ווי עמעץ כאַפּט זיין גליק,
און נעמט אים ציען, ציען.
דער קוימענקערער, קוים דערפילט עס אין די הענט,
הייבט אָן צו ליאַרעמען: — עס ברענט ביים כעלמער רב!
עס ברענט! —
גאַנץ כעלעם נעמט אַהער פון אַלע גאַסן, געסלעך פליען;
ס'איז קינד און קייט פאַרזאַמלט דאָ ביינאַנד,
און אַלע זעען כעלמער רב אין גאָר זיין שאַנד —
ער ציט דעם בעזעם פונעם קוימען מיט דער איידלער האַנט;
די אויגן זיינע, דורך די ברעמען, און די באַקן גליען...

דערווייל איז אונדזער קוימענקערער אויך שוין דאָ:
— אָט זיינען, כעלמער רב, דער סופר, די נבאים,
דער שמש און די כלה — לאָמיר שרייבן תנאים,
און זאָל גאָט העלפן אין אַ מזלדיקער שעה!
— דער נדן אָבער, — שטאַמלט שטיל דער רב: איז דאָך
נישטאָ...
— וואָס־וואָס? — הייבט אָן דער קוימענקערער שרייען
בייז מסוכן:
איך זאָל אייך געבן שוין די פּויזנט רענדלעך אויף די
הענט?
וואָס איז מיט אייך דער יחוס? קוימענקערער וואָס
איר זענט!

איר קאָנט מסתם די שיינע לייט, וואָס פאַר דאָלאַרן
זיי זיינען זיך משדך מיטן אשמדאַי אַליין.
זיי ווילן אונדז (און אפשר זיך אַליין?...) נאַרן:
ס'איז זייער טרייף געוויסן כשר־ריין;
דער טייוול ווארפט זיי נישט דעם אמת אין די אויגן —
ליידער!
ווי ס'האָט דער קוימענקערער דאָס געטאָן ביים רב אין חדר.

לאָדזש, 1948 — 1949.

די פליג, דער שפין און די גריל

אַ יונגע חוצפּהדיקע פליג — אַ פליגל קליין און גרוי,
האָט איינמאָל ברייט צעפליגלט זיך אין שטוב, צעלאָזט אַזוי
אין דער געדיכטער, וואַרעמער און לערער שטילקייט,
צעיאַכמערט מיט גערויש און רעש, מיט ברום און זשום, —
אַז ס'האָט געדאַכט: אַ קינדערישע מיל גייט.
זי האָט זיך פרעך געטראָגן אין דער לופט, אַרום, אַרום
און, קרייז אין קרייז אַזוי זיך קרייזנדיק,
און, קיילעכדיק אַזוי „די וועלט" באַרייזנדיק,
און, קונצן מיידעמיש באַווייזנדיק, —
אַרויפגעפליגלט העט צום אונטערן סופיט,
ווו ס'איז אַן אָדלער ־ בילד געהאָנגען.
אַצינד, פון האַוועניש און גרויסן ברען שוין מיד
און איינגעשטילט די פליערישע פליגענע פאַרלאַנגען,
זי שטעלט זיך אָפּ צעשויבערט־ווילד
אין סאַמע מיטן בילד
און זשומעט פריילעך מיט נצחון:
— זייט עדות, שטומע ווענט,
צו וואָסער הייך מע קאָן דערפליען מיט טאַלענט
אפילו אין אַ מיטן אינדערוואָכן!
איך שטיי —
אויף אָדלערישע פליגל
אָן מורא, פעסט און זיכער, ווי אויף ווענט פון ציגל!
איך גיי —
אויף אָדלערישע אברים רמ"ח!
אַך, סאַראַ וווּנדערלעכע זאַך!

עס האָט אַנומלטן געזשומעט מיר די באָבע זיסל,
אַז אָדלערס קאָנען קרייזן אַזש צום הימל;
ווען ס'וועט דער אָדלער אויפוואַכן פון דרימל,
און טאָן אַ פּאַטש מיט זיינע גבורהדיקע פליגל — פּאַך; —
איז לעכערט ער דאָך דורך סופיט און דאַך,
איז וועט דאָך שוין נישט פעלן גאָר קיין סך
איך זאָל צו דעם סופיט דעם גרויען גרייכן!
נאָר, ליידער, ווייזט ער נישט אַרויס דערווייל קיין צייכן,
ער זאָל בדעה האָבן זיך צו טאָן אַ מינדסטן ריר —
נישט ניך אַזוי וועט ער דערוואַכן,
איז לאָמיר זשע דערווייל אַ פּרוו טאָן מאַכן
צום קינינגלעכן קאָפּ אין קרוין אַ פלי־שפּאַציר. —
זי טוט אַ פלי און — ווי און ווינד איז איר:
אַ קלעפּיק פּעדעמל פאַרטשעפּעט איר אַ פיסל —
זי טוט אַ זינק אַריין, ווי אין אַ שיסל.
זי שטעלט פּאַמעלעכן די טריט,
באַהיט
און — ווי און ווינד איר! —
ווי עמעץ טוט אַ בינד איר
אַ פיסל נאָך אַ פיסל — אַלע פיר,
אַז נישט צו טאָן זיך פונעם אָרט קיין ריר!
זי קולעוועט, און גוואַלדעוועט, און ברומעוועט, און זשומעט
אַ נאָגנדיקן ניגון מיט אַ וויינענדיקן אומעט,
און מיט די שוואַכע גוף־און־פליגל רייסט זיך פון דער נעץ;
זי קרייזט און דרייט זיך,
און זי, פאַרשטייט זיך,
נאָך מער פאַרדרייט זיך; —
צי איז געקומען שוין איר קיץ?

זי בלייבט פֿאַרפּלאָנטערט־אומבאַהאָלפֿן ליגן,
פֿונדאנען זיך שוין נישט אַרויסצוקריגן.
און דאָ — זי ווערט פֿון אימה געל און גרין —
עס קריכט צון איר פֿון קרוין אַרויס אַ שפּין!
(די שפּינען וווינען אונטער קרוינען שוין פֿון אַלטע צייטן):
— דו ווילסט אויף פֿרעמדע פּלייצעס צו דעם הימל רייטן,
עס זאָל דיר אָנקומען די רייזע לייכט, אָן צער?! —
זאָגט גיפֿטיק איר דער שפּין: אַ נישטיק פֿליגל בסכהכל,
און אויסגעקוקט אזש אויפֿן הימל אַ ספּעקטאַקל!..:
דערפֿאַר... —
דער שפּין האָט זי פֿאַרכישופֿט מיט די גיפֿטנדיקע אויגן
און זי געזויגן אַ פֿאַרחלשטע, געזויגן.
— די פֿליג האָט אפשר זיך פֿאַרדינט דעם סוף:
פֿאַר נאַרישקייט און חוצפּה קומט אַ שטראָף.
נאָר דו, דו שפּין, איר בלוטזויגער, איר נאָגער, —
האָט ערגעץ אין אַ שפּעלטל שטיל
מיט גרויס פֿאַרדראָס און טיף געפֿיל
געגרילט אַ גריל:
מיט וואָסער רעכט ביסטו געווען דיין קרבנס מוסר־זאָגער?!

וואַרשע, 1936 — לאָדזש, 1948

דער קוימענקערער און דער מילנער

אַנומלט אין אַ הייסן תמוזדיקן טאָג,
ווען אין דער טיף פון טייך איז קיל נאָר,
ווען לעסטיק ווערט די זון דעם מענטשן, ווי אַ פּלאָג, —
ביים טייך־ברעג טרעפן זיך אַ קוימענקערער מיט אַ מילנער.
— אַ ווייסטער־שיסטער חלום אויף דער וואָר!
ווי קומט אַהערצו דער שוואַרציאָר?! —
דער מילנער טייטלט מיטן פינגער אויפן קוימענקערער.
ווערט ער, דער שוואַרצער, אויפגעבראַכט נאָך מערער
און טוט דעם ווייסן מילנער אַ פאַרפאָר:
— אַז ווי געפעלט ער אייך אַשטייגער,
דער וויים־תכריכימדיקער פגר?!
— דו שוואַרצער טייוול, — שרייט דער מילנער: שוין
פאַרמאַך דעם פּרעס!
—פאַרנעם זיך! גיי צו זיך אין רו אריין, צעשטויבטער מת! —
דער קוימענקערער שרייט אים איבער: ביסט געקומען שטיקן?
— דערשטיקט ווער, האָלאָוועשקע, אין דיין ריס און רויך! —
און יעדער ברענט און בראָט דעם צווייטן מיט די בליקן:
אָט־אָט באַפאַלט מען זיך מיט צאָרנדיקן כוח,
און דאָס מחלוקת קריגט אין פּעטש אַ תיקון.
ווי פלוצעם טוט אויף זיי דער טייך אַ הויך
מיט קילער פייכטקייט און מיט שטילן נחת:
— צו וואָס זיך שלאָגן, קינדער? וואַרפט אַראָפּ די לאַכעס
און נידערט פון דעם ברעג צו מיר אַראָפּ,
און וואַשט זיך, זייפט זיך פון די טריט אַזש ביזן שפּיץ פון
קאָפּ.

און נאָכדעם — מונטער
אַ טוק אין מיר זיך אונטער,
און איר דערזעט דאָ גלייך
(עס שמייכלט שטיל דער טייך) —
דיזעלבע הויט ביי אייך.

צו פעלקער, וועלכע קעמפן צווישן זיך פאַרביסן,
דאָסזעלבע זאָגט דער טיפער קלוגער טייך פון וויסן
און לאָזט די גאַנצע וועלט מיט שלום גריסן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דאָס גלאָז־בראָך
און דאָס אייבערשטע פון שטייסל

באַוואָפנט מיטן אייבערשטן פון שטייסל אין דער האַנט,
שטויסט גלאָז־בראָך אין דעם שטייסל, רואיק, שטיל, דער לאַבאָראַנט.

דאָס גלאָזוואַרג פּלאַצט אין ווינד־און־ווייען,
מיט שפּליטער־פונקען שפּריצט
און בייז, צעצאָרנט קריצט:
— ווי ס'קאָן די ראָד פון לעבן אויף צוריק זיך דרייען!
אַ פלאַש מיט ווייַן געווען, מיט שטרוי־הילע באַשיצט,
מיט טריוואַקס פּעסט פאַרזיגלט;
פון מיין געטראַנק באַרוישט, באַפליגלט,
פאַרפוצטע פאָרלעך האָבן קעגן מיר געטאַנצט;
מיט זשיראַנדאָלן־ליכט האָב איך געגלאַנצט.
ביז איינמאָל... כ'בין פון גליק געוואָרן שיכור,
אַ פאַל געטאָן, צעבראָכן זיך אויף שטיקער.
אויף מיסט־הויפנס געוואַלגערט זיך דערנאָך...
איז ווייניק דען מיין בראָך?
צעשטויבט ער מיך צו שאַנד, צעמאָלט מיך נאָך אויף שטויבן. —

און ס'גלאָז־בראָך, אומבאַהאָלפן אין זיין צאָרן, וויינט:
— דאָס אייבערשטע פון שטייסל מיט זיין גראָבן קעפּל מיינט,
אַז ווער עס איז פון אויבן,
דער מעג זיך אַלץ דערלויבן. —

גערולדיק אויסגעהערט, צעשמייכלט זיך דער לאַבאַראַנט
און שטויסט אַלץ ווייטער מיטן אייבערשטן אין האַנט:
— שוין העכסטע צייט, מיין גלאָזבראָך, זאָלסט צום שׂכל
זיך דערשטויסן,
וואָס ס'איז מיט דיר דאָס אייבערשטע פון שטייסל אויסן.
עס מאַכט פון דיר אַ דינע פיינע מעל, ווי בלויער שניי,
אויף פּרווון אַלערליי,
וואָס וועלן פאַרן ווילזיין פון די מענטשן דינען. —
דאָס שטויסט ער דיר אַ לעצטן מאָל אַריין אין זינען.

ס'האָט תמיד אונדזער ליידן אויך אַ טיפן זין,
כאָטש מיר, ווי ס'גלאָזבראָך, זעען אומרעכט בלויז דערין.

באַשקיריע, 1942 — מאָסקווע, 1946

דאָס גרויע שטיקל טייג
און דאָס געבעקס

דערזען לעם זיך אַ גרוי פאַרוואַלגערט שטיקל טייג:
— ווי קומט אַהערצו אין קרעדענס דער דלות?! —
עס טייטלען אָן אויף אים פאַרשפּיצט די חלות,
און צו די רונדע בולקעס — זיך אַ נייג.
די בולקעס נעמען אויך זיך פּוכלע בלאָזן:
— ווי האָט מען גאָר געקאָנט דערצו דערלאָזן?!
ס'איז איינגעבאַקן אונדז אין האַרץ דאָס לאַנד
פון אויפגאַנג און פון גלאַנץ, און ס'איז אַ שאַנד...
— צו לאָזן אים זיך וויילן דאָ אַ רגע! —
אַ קוילעטש פלעכט אַריין זיך אין געשפּרעך:
ווי פלעכט מען זי אַרויס, די נגע?
זי שמעקט מיט זויערלעכן שימל פּרעך.
— אָן עקל טוט דער רויער יונג אין מיר דערוועקן!
כ'בין אויסגעבאַקן, אויסגעברוינט גאָר פיין,
און ס'גייען מיר די ראָזשינקעס נישט איין, —
צעלאָזט זיך ברייט אַ יוסטער פיינקוכן פון בעקן.
אַן אייער-בייגל טוט מיט עקל זיך אַ דריי
און בלייבט פאַרחלשט ליגן: ווינד-און-וויי!
מיט ביטערניש פון צימרינג ליגט פאַרקלעמט אַ ראָגל
און דראָט דאָס שטיקל טייג מיט טעספן נאָגל.
דער פולגעפאַקטער פלאָדן רירט זיך שווער פון אָרט,
און ס'רינט פון אים אַ זיסער פאָדעם סלינע:
— אָן אָרט פאַר שלעפערס איז אין אַ מלינה! —
עס סמאַקעווען געהיים אַ ביטער וואָרט
דער האָניק-לייקעך און דער ווייסער צוקער-טאָרט,
און ס'טונקלט זיך אויף זיי דער זיוו-השכינה.

— וואָס טוט מען? און וואָס הייבט מען אָן צו טאָן?! —
מאָנט מרה־שחורהדיק אַ מאָנדל מאָן,
דאַרט איין, גייט איין פאַר קרענקונג, ווי אַ שפּאָן:
פאַרפּעסטעט איז די לופט אין מיין מדינה. —
דעם קעזקוכן פאַרגייט אַ זויערקייט אין נאָז,
אַזש ס'גלוסט זיך אים אַ נים טאָן ביז צום פּלאַצן;
דער מעלצוקער אים שטעכט אין אינגעווייד, ווי גלאָז,
ווי ס'וואָלטן קעץ דאָרט מיט די נעגל קראַצן;
ער גרעפּצט: — מע דאַרף אַ ברענץ טאָן אין די טאַצן!
— וואָס טויגן ניין מאָס רייד! —
אַ קומיש־ברייטל רעדט צעזעצטערהייט
און שפּאַרט פון כעס אַרויס די ברוינע מאַנדלען:
— דאָ דאַרף מען האַנדלען!
אַרויס, מצורע! פּלאָג! —
די באַלעבאָסטע עפנט דעם קרעדענס און טוט אַ זאָג:
— צערעדט, צעשריגן זיך. איר זייט אַ מבין?!
דאָס גרויע שטיקל טייג — דאָס איז דאָך אייער הייוון.

פאַראַן אַ פאָלק, וואָס ווערט פון פעלקער פיל געשענדט
און צייטנווייז פאַרלענדט,
און ס'האָבן אַלץ די ברידער נאָך דעם ברודער נישט דערקענט.

די ברוינע קאַשע
און דאָס געלע הירזשיקל

די ברוינע קאַשע האָסט די געלע הירזש שוין כּמה יאָרן.
פֿאַר וועלכע זינד? פֿאַר וועלכן, פֿרעגט איר מיר, חסרון?
נישט שוין־זשע איז די סיבה בלויז די פֿאַרב,
דאָס הייסט — ביסט נישט פֿון מיין קאָליר, איז: שטאַרב!?
אַריינלאָזן אין חקירות לאָמיר זיך פֿאַרשפּאָרן.
זאָל זיין, אַז אָן אַ שום פֿאַרוואָס, פֿאַרוועז.
איך וויל דערציילן בלויז: אַנומלטן דערזען
אַ חברה ברוינע קאַשעס אין אַ טעלער —
אַ הירזש אַ געלער
אַריינגעכאַפּט זיך צווישן זיי!
ווי קומט אַהערצו נישט קיין ברוינער?
די ברוינע קאַשעס טוען זיך צום הירזשיקל אַ דריי:
— דו, שרעטעלע, אַזעלכער און אַזוינער!
ביסט איין־אַליין,
מיזער און קליין —
און חוצפּהדיק דערוועגסטו זיך, ווי גאָלד, צו שיינען!
...וואָס־וואָס? האָסט תּשק נאָך, זיך אויסצוטענהן?
דערווייזן אפשר, אַז דו גאָלדיקסט זיך דערפֿון,
וואָס כאָטש ביסט פּיטשעמאָנטשיק, שיינסטו ווי די זון?
צי גאָר, דו עזותדיקער הירזשיק געלער...
קיין וואָרט נישט! שאַ!
דו ביסט אַליין אַ זונעלע אַזאַ?

איז הער־זשע, הירזשיק, שנעל טראָג אָפּ זיך, שנעלער!
שוין קייקל זיך אַרױס פון טעלער
צו אַלדי וויסטע נעלע יאָר! —
די קאַשעס אונדזער הירזשיקל פון אַלע זייטן דריקן,
זיי ווילן עס צום טויט דערשטיקן.
דאָס הירזשיקל ווערט בלאַס גאָר־גאָר
און קוקט אַרום מיט שרעק זיך:
וואָס טוט מען, גאָט אין הימל? אַ?
כאַטש נעם אַליין און עק זיך!
ווי דאָ דערזעט עס — ס'לינט אַ הייטל פון אַ קאַשע... שאַ:
צו ראַטעווען דאָס לעבן איז דאָך דאָ אַן עצה!
אַ כאַפּ דאָס ברוינע פּעלצל אויף דער פּלייצע,
און שוין —
דאָס נעלע הירזשיקל צו לייטן גלייך איז — ברוין!

צי קאָנען שוין די ברוינע קאַשעס ס'הירזשיקל פאַרטראָגן?
איך מיין, מיין לייענער, אַז דיר איז איבריק דאָס צו זאָגן:
ווייל וואָסער פּעלץ עס זאָל דער ייד נישט נעמען טראָגן,
די ברוינע שמעקנס הערן אים נישט אויף צו שלאָגן.

מאָסקווע, 1945—46

דאָס פלעמל און דאָס ליכט

געשעפטשעט האָט אַ ווינטל צון אַן פלעמל פון אַ ליכט:
— דו האָסט זיך אויסגעוויילט אַן אויסטערלישע פליכט,
צו זיין געבונדן תמיד צו דעם חלבענעם שטעמל;
דו, דו — דאָס הייליקע און ציטעריקע פלעמל,
וואָס קעמפסט מיט סטרא־אחראדיקער מאַכט,
מיט פינצטערניש פון נאַכט,
און גליסט ביי איר אין הארץ — אַ פלאַמיק קווייטל,
האָסט זיך באַהאָפטן מיטן שנויץ פון קנייטל!
— דו פלוידערסט, ווינטל, אָן אַ זין, —
דאָס פלעמל ענטפערט שטיל און דין:
מיין כוח ליגט דאָך בלויז דערין,
וואָס זיי, דאָס שטעמל און דאָס קנייטל, קענען
זיך מקריב זיין אין פיין און ברענען;
אָן זייער פיין
וואָלט איך נישט זיין;
דורך זייער פיין
גייט אויף מיין שיין!

אַזוי איז אויפגעגאַנגען דורך דער פיין
פון אונדזערע מיליאָנען קדושים און מארטירער
דער אָרעאָל פון לויטער שיין —
דער ווידערשטאַנד אין געטאָ פון די קעמפער און די פירער.

לאָדזש, 1947

דאָס ביבער־פאָלק
און די שוואַרצע פעסט

צום ביבער־פאָלק, וואָס מידט זיך אומדערמידלעך
און פירט אַ לעבן ערלעך, פרידלעך,
געקומען איז אין געסט
די שוואַרצע פעסט.
דאָס ביבער־פאָלק קומט אום דורך אַרבע־מיתות־בית־דין
און מינערט זיך פון שעה צו שעה.
אַ ביבער־פאָלק, קומט אוים, איז בלויז געווען,
און מער נישטאָ.
נאָר ווען עס גייט די שוואַרצע פעסט אַריבער,
באַווייזט זיך דאָ און דאָרט פון וואַסער־גריבער
קוים זשיפּיענדיק — אַ ביבער;
זיי קוקן זיך פריטשמעליעטע אַרום
און האָרכן: ווי דאָס ביבער־לאַנד איז שטום!
נאָר אויסטערליש! — די ביבערס לאָזן נישט קיין טרערן.
אַדורכגעזאַפּט מיט איין געפיל, זיי קלערן:
דאָס גאַנצע ביבער־פאָלק איז ערשט אין אונדז אַליין...
איז נישט קיין צייט פאַר טרויער און געוויין.
און ס'לאָזט אַ ביבער־שטים מיט מוט זיך הערן:
— צום בויען, ברידער, שאַפן, זיך פאַרמערן!

צי דאַרף איך, ברודער, געבן דיר דעם נמשל צו פאַרשטיין,
ווען ער איז אונדזער פאָלק, און דו און איך אַליין?!

דער בוים, דער פניאַק
און זיינע ריטלעך

מ'האָט אָפּגעזעגט אין וואַלד אַ פעסטן בוים.
דער עכאָ האָט צעקרעכצט זיך פון זיין פאַלן.
פאַרבליבן אויף זיין פּניאָק פאַריתומטע פיר ריטלעך קוים,
ווי דינע שטראַלן.
ווער ס'טוט אויף זיי אַ קוק,
לויפט דורך זיין לייב אַ צוק,
עס שניידט אים פאַרן האַרצן.
דאָס ווייסע לייב פון פּניאָק די צייט נעמט שוואַרצן.
און ווען דער ווינטער קומט מיט פרעסט און שניי צו גיין,
פאַרשטאַרט דער פּניאָק בלייבט שטיין,
געהילט אין שניי, ווי אין תכריכים ווייסע.
און זיינע ריטלעך זעט מען אויך שוין נישט אַרויס.
נאָר הערט אַ וווּנדערלעכע מעשה:
דער ווינטער נעמט צונויף די פרעסט און גייט אַרויס.
עס שמעלצט דער שניי און רינט אַריין דעם וואַלד אין שוים.
באַווייזן זיך, ווי עופעלעך געבאָרענע פון וואַסער,
דריי ריטלעך קרעפּטיקע, געקנאָספּלט-גרין!
בלויז איינס פאַרבלייבט, ווי פריער, דין
און שוואַכער נאָך און בלאַסער.
עס שטעקט אַריין די זון אין וואַלד איר בלאָנדן קאָפּ,
פאַרפלעכט אין זיין געצווייג דעם שטראַלנדיקן צאָפּ,
און צו די ריטלעך אונדזערע די דריי זי לאַכט אַראָפּ.

די ריטלעך שמייכלען איר אנטקעגן פון באגינען.
זיי ציען מיט די קנאָספּלעך זיך צו איר:
— נעם מיט אונדז, זון, מיט זיך אויף דיין שפּאציר!
— ווי מעגן מיר זיך דאָס פארגינען, —
דאָס קראנקע ריטל וווּנדערט זיך: צו אָטעמען און גרינען
אויף אונדזער פּניאָקס פארשווארצטן ראנד...
ס'איז יעדער אייער קנאָספּן־שימער — שאנד!
און יעדער גרינער אָטעם־צי — אומזיטלעך! —
דאָס ריטל אויף די אויגן וועלקט, גייט איין —
הערט אויף צו זיין.
נאָר זיי, דער דריילינג ריטלעך,
פארבלענדט פון חיותדיקער שיין,
מיט לעבנס־ווילן אָנגעלאָדן,
באמערקן נישט דעם טויט פון דעם געטרייען תם.
אין זיי לעבט אויף אויף כ'ניי דער שטאם,
וואָס וואָרצלט פעסט אין באָדן
און טרייבט אין זיי א שפּרודלדיקן זאפט:
— איילט צו! מע דארף ממלא זיין דעם שאָדן.
וואקסט, קינדערלעך, און שאפט!

נישט די זיינען די טרייכטע זין פון פאָלק, וואָס קלאָגן
אויף זיין פארטיליקונג און גייען אוים אליין. נאָר די,
וואָס היטן אויף אין הארצן אונטער אש, צו טראָגן
פאר דורות וויטערע, זיין אָפּגעראטעוועטן גלי.

רב וואָלף און דער פוקס

דער ווינטער קאָוועט איין דעם וואַלד מיט פראָסט און שווייגן.
די נאַכט פאַרבאָרגט דעם קאָפּ אין שניי אויף צווייגן.
עס ציטערן פון קעלט די שטערן איבער זיי,
און ס'גליווערט די לבנה אין אַ דרימל.
ביים ראַנד פון וואַלד פאַרגייט זיך אין געוואָי און וויי
רב וואָלף, פאַררייסנדיק די באָרד צום הימל.
— וואָס יאָמערסטו, רב וואָלף? — בלייבט שטיין אַ פוקס,
וואָס לויפט פאַרביי:
דו ביסט, חלילה, קראַנק און פרעסן גלוסט זיך דיר פאַר דריי?
— אַז וועמען קריכט אין קאָפּ איצט, — קרעכצט רב וואָלף:
דער מאָגן?
דער אומגליק פון מיין פאָלק איז נישט צום איבערטראָגן.
אוי, וואָס וועט זיין?
מיין פאָלק גייט איין:
פון הונגער נאָגן זיינע זין די לאַפּעס אין די היילן,
און ריפּן לייכטן זיך דורך פעלן, אַז מע קאָן זיי ציילן. —
— כ'פיל מיט, כ'פאַרשטיי
דיין ווינד־און־וויי, —
זיפצט אָפּ דער פוקס מיט ביטערער העוויה:
נאָר זינדיק איז דער מאָגן און פאַרשייט די ציין,
און מ'איז דאָך מערנישט ווי אַ חיה —
מע מוז אַ זאָרג טאָן אויך פאַר זיך אַליין.
(און ער, רב וואָלף, הערט אַלץ נישט אויף צו קלאָגן).
איז הער, רב וואָלף, וואָס כ'וועל דיר זאָגן.

ביים עק פון דערפל שטייט אן אלטער שטאל,
אין שטאל — אַ קראַנקע שקאַפּע;
אין טויער טו אַ שטוים בלויז מיט דער לאַפּע,
און גלייך ביסטו געהאָלפן.
— אזוי־וי? —
האַקט אָפּ רב וואָלף אין מיטן זיין געוואָי,
און ס'יאָגט אַ ווינט זיך נאָך רב וואָלפן.
— אזוי־וי?! — שפּעט נאָך רב וואָלפן אונדזער פוקס דער ליץ:
רב וואָלפן האָט אַ שיין געטאָן אַ הוילער ביין צום פּרעסן,
און גלייך האָט ער צו וואָיען וועגן בראָך פון פאָלק פאַרגעסן.

די אויפריכטיקע דיכטער האָב איך ליב און שעץ.
דעם וויינענדיקן גראַמענפלעכטער וויל איך זאָגן:
הער אויף, רב וואָלף, דאָס פאָלק—שטאָט זיך אליין, באַקלאָגן.

דאָס טינט־וואַסער, די פעדער
און די טינט־פאַרב

עס האָט אַמאָל דאָס טינט־וואַסער געגומען טראַכטן:
„צי איז באַשערט אויף אייביק מיר פאַרשווארצט אַזוי
אין פלאַש, אין ענגער תפיסה, דאָ צו שמאַכטן?
אוי ווינד און ווי איז מיר און אוי!
צי קאָן נאָך פון מיין לעבן זיין וואָס ערגער?
אז תמיד בין איך, ווי דער טרויער, שווארץ,
דער קאָרעק שטיקט מיך, ווי אַ פינגער פון אַ ווערגער —
ווי זאָל נישט פּלאַצן, גאָט, דערפון דאָס האַרץ!
וואָס ס׳איז פון מיר געוואָרן!
א וויסטער חלום איז עס, צי די וואָר? —
איך וואַרף אַן אימה אָן, ווי אַ שוואַרציאָר,
אויף ליכט און שטראַל, וואָס כ׳האָב אַזויפיל יאָרן
מיט זיי אין שפּיל און שטיפעריי פאַרבראַכט.
אין פריידן און אין קוועלן,
אין שטראַלן און אין העלן
צוזאַמען האָבן מיר אין טייך געשמייכלט און געלאַכט; —
און איצטער וועל איך אייביק פינצטער בלייבן, ווי די נאַכט!“ —

און ווי ער איז אַזוי פאַרצווייפלט ביטער,
דערשפירט ער (גאָט, וואָס קומט דאָ פאָר?!)
דער קאָרעק איז נישטאָ שוין?... דאָס איז וואָר!
עס נעמט אים דורך אַ שטראַלנדיקער ציטער —
„מיר דאַכט, עס האָט אַ שיין געטאָן אויף מיר די זון!“
די פלאַש, זיין תפיסה, נעמט זיך ביי׳גן... און:
— בול־בול! בול־בול! — און פריילעך רינט ער,
דער טינט... פון פלאַש אַרויס — אַריין אין טינטער.

„איז וואָס זשע פון דעם טויש געווינט ער?"
ווי פלוצעם טוט אים ווער א ריר:
— קום, ברודער, מאַכן אַ שפּאַציר.
אויף פרייער לופט איז פריילעכער, געזינטער.
פאַר דיר אַן אָפּרו אַ פאַרדינטער. —

און ס'טוט די פעדער אים אַ צי אַרויס, אַ פיר:
דער וועג — אַ פרייד! אַ בויגן ווייס און בלאַנק פּאַפּיר.
נאָר ס'פילט דאָס וואַסער: „כ'טריקן איין נאָך יעדן ריר".
— אוי־ווי, די ווייטיקן און צרות מיינע, —
באַווייזט עס קוים צו ענדיקן דאָס לעבן מיט אַ טענה:
פאַרוואָס פאַרשוואַרצט געוואָרן אָן אַ ברעג?
פאַר וועלכן שטאַרב איך אָן אַ צוועק? —
נאָר הינטער אים האָט אויפגעגלאַנצט זיין פאַרב די פיינע:
— אַ לויב צו דיין אומוויסנדיק מאַרטירערטום, אַ לויב!
ביסט, לויטער וואַסער, נישט אומזיסט פאַרשוואַרצט געוואָרן —

איך קאָן נישט אָן דיין הילף קיין אותיות געבאָרן,
עס וואָלט אַ ליאַדע בלאָז פאַרווייט מיך, מיך דעם לייכטן שטויב,
און ס'וואָלט דער מענטש קיין וויסן אָן מיין שריפט זיך נישט דערוואָרבן:
האָסט נישט אומזיסט געלעבט אין פיין, און נישט אָן צוועק געשטאָרבן.

עס טרעפט, אַז אויך דער זין פוןליידן פון אַ גאַנצן דור
ערשט נאָך זיין אומקום ווערט פאַר די וואָס בלייבן לעבן קלאָר.
און אין דעם ליכט פון זיינע יאָרצייטן ־ מנורות
עס גייען נאָך זיין שפּור די קומענדיקע דורות.

וואַרשע, 1934 — לאָדזש 1949

דער קריטיקער

קלמן ליסן

אין אפריקע. ביינאכט. דריי רייזנדער אין וואלד.
זיי שלאָפן. פלוצעם — א פארבלוטיקטער געוואלט
רייסט אויף די שטילקייט און די אויגן...
אז ווינד און ווי
צו זיי!
פון דריי געבליבן צוויי —
מיט א י ם א טיגער אָפגעצויגן...
— ווי שרעקלעך! ווי אכזריותדיק! — זאָגט איינער שטיל:
עס רייסט מיר אויס דאָס הארץ, איך חלש...
— באמת, — זאָגט דער צווייטער: ס'איז געשריגן מיט געפיל,
נישט מער — קיין האָר נישט מוזיקאליש.

אזוי האָב איך געהערט, ווי ס'האָבן קריטיקער גערעדט:
— אין געטאָ האָט דאָס ליד געשריבן דער פּאָעט! —
זאָגט איינער און מיט זיפץ זיין וואָרט באגלייט ער.
— עס האָט אָבער קיין ריטעם נישט... אָט זעט, —
אים ענטפערט ק ר י ט י ש אָפּ דער צווייטער.

אַ באַלקאָן

עס האָט אַנומלט אַ באַלקאָן געמאַכט זיך הארץ, באַשלאָסן:
— גענוג צו זיין געשמידט צום שטאַם — מיין אַלטע וואַנט!
עס איז אַ ווייטיק און אַ שאַנד —
איך האָב נאָך פון דער פרייהייט קיינמאָל נישט גענאָסן! —
און ס׳טוט זיך דער באַלקאָן פון וואַנט, זיין שטאַם, אַ ריס
צום רחבותדיקן הימל אויבן:
איר זעט? ווי דורך אַ נעפּל שטויבן
ער פליט... צום מויערם פיס.
ווי מיסט מע רוימט דערנאָך אַוועק זיין גרוז פונדאנען,
און ס׳קרייט נישט ווען זיין געדעכעניש קיין האָן.

כ׳דערצייל אייך וועגן א באַלקאָן,
און האָב אינזינען — אונדזערע מאַראַנען,
ווייל ווער עס רייסט, ווי דער באַלקאָן, פון שטאַם זיך אָפּ —
אין שאול־תחתיה פאַלט אַראָפּ.

דושניקי־זדרוי, יולי, 1947

דער אלטער דעמב און די בערעזקע

דאָס איז געשען אין יענע אַלטע טונקלע צייטן,
ווען ס'פלעגן אין די אורוועלדער מכשפות רייטן
אויף בעזעמער און הערשעווען מיט פינצטערן געוואַלט.
אַ שטורעם האָט געווילדעוועט אין דעם געדיכטן וואַלד,
נאָר ס'האָבן זיך די שטאַרקע דעמבעס נישט געשראָקן.
דער ווינט האָט בייז געוואָיעט און געשאַלט:
— זייט גרייט! סיי יונג, סיי אַלט.
עס קומט דער אומקום באַלד! —
נאָר ס'רוישט צו זיך אין גרויער באָרד אריין אַ דעמב אַ זקן:
— ס'איז נישט דער ערשטער שטורעם, נישט דער לעצטער אויך:
ס'וועט פאַלן פון אונדז איינער, און אַ צווייטער, און אַ צענטער,
אויסגעשורשט דורכן שטורעם, צי פון דונער אַ פאַרלענדטער,
מיר אַלע אָבער, ווי אַן אורוואַלד, וועלן זיין בכח
ביז אייביק אַלע שטורעמס איבערטראָגן.
— און מיר, בערעזעס, זיינען איידל, שוואַך, —
האָט שטיל גענומען די בערעזקע לעבן אים זיך קלאָגן:
מיר ציילן אין דעם וואַלד זיך נישט קיין סך —
ווי וועלן מיר דערהאַלטן זיך דורך שטורעמס ביי דעם לעבן?
די וואָרצלען קריגן ווייניק זאַפט,
די שטאַמען האָבן קנאַפּע קראַפט,
די בלעטלעך ציטערן פאַרשלאַפט... —
ווי דאָ האָט אַ מכשפה אין דער הייך גענומען שוועבן,
און די בערעזקע האָט דערהערט
אַ דומפּע שטים פון אונטער דרערד:
— איך קאָן דעם זאַפט, וואָס דיך דערנערט,

אויף דעמבן־זאפט פארטוישן אין דיין שורש;
און אויב נאך נישט בשלמות דו אליין
וועסט ווי א דעמב אין אורוואלד שטיין —
א שטארקער דעמב וועט זיכער זיין דיין יורש...
— אוי, ניין! אוי, ניין! —
האט ציטעריק גענומען די בערעזקע ריידן
צום דעמב, דעם זקן, ווי אן אייניקל צום זיידן:
אוודאי וואלט איך וועלן, ווי א דעמב, זיין שטארק,
איך זאל דעם שטורעם רואיק טראגן אויף מיין קארק,
נאר כ'וויל נישט... ניין! מיט זיך אליין זיך שיידן,
אפילו פארן פרייז פון דעמבענעם גן־עדן.
ווי גרויס עס זאל נישט זיין מיין שרעק און פיין,
איז נישט קיין דעמב, נאר א בערעזקע וויל איך זיין —
אליין און, נ א ך מיר, אלע מיינע דורות,
מיר זאלן לייכטן אינעם וואלד, ווי זילבערנע מנורות. —
דער אלטער דעמב האט זיך צערוישט, אהין, אהער, אראפ
און די בערעזקע אנגעקושט א פולן קאפ
און אויסגעצערטלט אירע ציטעריקע בלעטער:
— ביסט קלוג, מיין אייניקל. פון עקלדיקסטן וועטער
איז עקלדיקער דער פארעטער,
וואס זאגט זיך אפ
פון דעם געשטאלט, וואס ס'האבן אים געשענקט די געטער.

איך האב באגעגנט דא נישט לאנג
א יידיש מיידל — צארט און שלאנק,
ווי די בערעזקע, מיט א זילבער־שמייכל,
נאר, ליידער, אן דעם ביימלס הארץ און שכל:
זי האט פאר מיר זיך פארגעשטעלט אן טאלק
אלס טאכטער פון אן אנדער פאלק.

קראקע — לאדזש, יאנואר, 1949

אַ ליקוי־לבנה

עס זיינען ווייט פון אונדז די זון, לבנה, שטערן,
און פירן זיי אַ שמועס — ווער וועט זיי דערהערן!
נאָר איינמאָל, אין אַ שטעטעלע אַ קליינס, ביינאַכט,
(איך האָב געשלייכט זיך שטיל, אין זיך פאַרטראַכט),
האָב איך דערהערט ווי שטערן האָבן שטיל געלאַכט.
די אויגן אויפגעהויבן, זע איך, ווי דעם שטעטלס דרימל
איז דורכגעוועבט מיט זילבער־פעדעם ביזן הימל —
עס הענגט דאָרט די לבנה אָנגעגאָסן פול מיט ליכט
און מאַכט דעם הימל שימערן אין אַלע עקן;
נאָר אומצופרידן־ברוגזלעך איז איר געזיכט
און דאָ, און דאָרט פאַרטונקלט אויך מיט פלעקן.
זי פליסטערט בייז: — עס וועט מיך אייער חוזק נישט דערשרעקן!

מיין שיין איז זילבערדיק, און לינד, און קיל,
און ס'קאָן איעדער שפּיגלען זיך אין מיר ווי פיל
ער וויל!
און כבוד געבן מענטשן אָפּ, דער קלענסטער און דער גרעסטער,

דער זון, מיין אָפּגעגילטער גאווהדיקער שוועסטער;
זי וויל מיט מיר צוזאמען אויפן הימל גאָרנישט זיין,
ווי זי אַליין בלויז וואָלט פאַרמאָגט די בעסטע שיין.
און ס'איז דאָך גאָר קאַפּויער! —
דער ווייטער ענטפער פון דער זון האָט נישט דערגרייכט מיין אויער.

דערפאַר האָב איך דערפילט און אויך דערהערט,
ווי ס'ציטערט, דרייענדיק זיך, אונטער מיר די ערד
און זאָגט: — מע מוז זיך גלייך אריינמישן. פאַרפאַלן.
זי קאָן באַלד נעמען שטויסן מיט די הערנער־שטראַלן.

איך וועל זיך טאָן מיט גאָר מיין קראַפט אַ דריי
און מאַכן אַ צעווישנשייד צעווישן זיי. —
געזאָגט — געטאָן, און — ווינד און וויי!
זי הענגט שוין, די לבנה, ווי אַ פינצטערער לאָמטערן.
נאָר העלער לייכטן אויף, צעשטייכלטע, די שטערן
און פליסטערן: — זי האָט זיך זיכער שוין דערטראַכט,
אַז בלויז די זון איר טוט מיט ליכטיקייט דערנערן,
און זי פאַר זיך אַליין וואָלט תמיד שוואַרץ זיין, ווי די נאַכט.

און ערשט זאָלט איר דעם נמשל, פריינט, דערהערן:
עס וואָרענען די אַלטע קלוגע שטערן —
די לענדער, וואָס געדענקען נישט צו דאַנקען יענעם לאַנד,
וואָס האָט באַפרייט זיי מיט איר זיגערישער האַנט,
דערוואַרט, ווי דער לבנה, בראָך און שאַנד!

לאָדזש, אַפּריל, 1949

דעם אינוואלידס ארבל

אין שטאָט, פאַרנאַכט.
דער רויש אין גאַס האָט זיך געלאָשן.
אַן אינוואַליד (אַ האַנט פאַרלוירן אין אַ שלאַכט)
זיצט איינגעהויקערט אויף אַ באַנק, פאַרשמאַכט,
און הערט — זיין רעכטער אַרבל גייט ארוים מיט לשון
צום לינקן אַרבל אויף דער צווייטער זייט:
— ס'אַ שאַנד מיט דיר צו קומען צווישן לייט!
עס איז באמת מיר אַ פּלא
אויף אונדזער באַלעבאָס
פאַרוואָס
ער טראָגט אויף זיך אַזאַ מין פוסטע כלי.
— און דו ביסט וואָס? —
דער לינקער אַרבל פרעגט באַשיידן.
— דו פוסטער נול! —
נעמט העכער נאָך דער רעכטער אַרבל ריידן:
ער פרעגט נאָך! איך — בין פול
מיט אָנגעמאַרכטע ביינער,
מיט מוסקולירטן לייב און דופּקדיקן בלוט,
מיט זאַפט און מוט,
(דו גאָרנישט-שבגאָרנישט איינער!)
מיט קראַפט,
וואָס שאַפט!
אָט פאָלג מיט גוטן אוים מיין עצה —
טראָג אָפּ באַצייטנס זיך פון פּלייצע

צון אַלדי פוסטע יאָר!
— באַליידיק מיך, באַליידיק.
עס איז דיין חשבון — צדק;
ס'וועט יעדער פולער אַרבל זאָגן: עס איז וואָר... —
פאַרקרימט זיך וויטיקלעך דער לינקער אַרבל מיט אַ ציטער
און קאָרטשעט זיך מיט טויזנט פאַלדן ־ ווערעם ביטער:
נאָר האָרך און וויל פאַרשטיין —
איך בין נישט ליידיק, ניין.
כ'בין פול... מיט אַש און גלי פון נישט געלאָשענער נקמה;
איך בין אַ לאַגל פול מיט וואָרנענדיקער קלאָג,
וואָס פראָטעסטירט פון מיר אַרויס ביינאַכט, בייטאָג:
„פאַרוואָס האָט מענטשנס אברים געשניטן די מלחמה?
און, מענטש באַהיט, אַז זי זאָל ווערן נאָכאַמאָל באַנייט!"

ס'האָט גאָרנישט אויסגעלערנט זיי די צייט,
די גאָלד־געשטאָפּטע, רעכטע לייט,
וואָס ס'איז מיט שמאַלץ פאַרוואָקסן זייערע נשמות —
עס שמעקט זיי תמיד גוט דאָס בלוט פון די מלחמות.
דאָס ליידנדיקע פאָלק אָבער געדענקט און ווערט נישט מיד
צו פּראָטעסטירן, ווי דער אַרבל פון דעם אינוואַליד.

וואַרשע, 1929 — 1949, לאָדזש

דער פרידן אין וואלד

עס האָט אַמאָל די פאַלשע שלאַנג
פאַרשפּרייט וואַלד־איין וואַלד־אויס אַ קלאַנג:
— דאָס חיה־האַרץ האָט זיך פאַרקערט צום גוטן,
באַרואיקט האָבן זיך דיווילדע בלוטן —
אַ סוף צו האַס און קריג!
דעם לייבס געבריל איז פרידלעכע מוזיק;
דער בער באַוועגט זיך מיט דער קו אַהין און צריק —
זיי טאַנצן ביידע גראַציעז און אומדערמידלעך;
דער וואָלף שפּאַצירט געאָרעמט מיט דער ציג
און זינגט איר ליבע־לידלעך;
דער טיגער רייט זיך אויפן רוקן פונעם ווילדן פערד
גאַנץ פרידלעך,
און — הערט!
נישט בלויז עס שרעקט זיך נישט דאָס פערד,
ס'איז גליקלעך, וואָס אַזוינס איז אים באַשערט;
דער פוקס — דעם וואַלדס סאַטיריקער, שטאַט אָפּ וויזיטן
ביי ווילדע גענדז און קאַטשקעס (ס'זאָל זיך ווער עס הי‌טן!),
ער וויצלט זיך און טרייבט לצנות, שפּעט,
דערלויבט זיך אויך אַוועלכער צנועה טאָן אַ גלעט,
און יענע — שמייכלען, לאַכן, ווערן ממש פעט.
עס זיינען חיות זיך מכבד פון די פּיסקלעך: — ביטע,
נו, שעמט זיך נישט, געניסט און עסט!
גענוג געלעבט אין שנאה יעדערער באַזונדער. —
און — הערט, באַוווינער פונעם וואַלד — אַ שענער וווּנדער:
דער סאָלאָוויי — דעם וואַלדס פּאָעט, זיך פלעכט אַ נעסט

צעווישן די פאַרשפּיצטע הערנער פון אַן אָקס אַ ווילדן
און, ווי פון בוים־געצווייג אין שאָטן מילדן,
ער זינגט אַרויס און טרעלט:
„ס'איז פרידן שוין אויף גאָרער וועלט!". — — —
ס'האָט פריידיק אויפגעשווידערט דאַן דער וואַלד דער גאַנצער.
די טשערעפּאַכע האָט אַרויסגעטאַנצט פון שיצנדיקן פּאַנצער —
זי דאַרף אים שוין נישט מער!

געגומען קלאַפּן מיט די פּאַנצער - שאָלן, ווי מיט טאַצן;
עס האָבן מאַלפּעס זיך אַרויסגעלאָזן אויף אַ שער,
פאַרפּוצט מיט ווייסע רויזן אין די לאַצן;
און ווי אַ שוואַך באַשעפעניש — דער האָז, די מויז —
האָט זיך אַ לאָז געטאָן אַרויס
פון נאָרעס און פון היילן — — —

אָ, ניין. כ'בין נישט אימשטאַנד
אייך אויסדערציילן,
וואָס ס'האָט זיך דעמלט אָפּגעטאָן אין וואַלד פון ראַנד צו ראַנד!
נאָר ווילט איר וויסן קורץ און שאַרף דעם סוף, איז בימע:
דער וואַלד האָט קיינמאָל נישט געזען אַזאַ מין שחיטה.

ווי ביי די חיות אינעם וואַלד — כל־זמן
עס איז אַ רויבערישער קלאַס פאַראַן,
און ס'ווערן צווישן מענטשן רעכט פאַרטיילט פאַרשידן,
וועט פאַר דער מענטשהייט זיך נישט איינשטעלן קיין פרידן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער פּאַלאַץ און די ציגל

אין דער לבנה שפּיגלט זיך די שטילע נאַכט.
דער ווייסער פּאַלאַץ שטייט זיך דרימלענדיק־פאַרטראַכט,
פאַרפלאָנטערט אין אַ נעץ פון שטראַלן זילבער־גרינע —
אַ שלאַנקער שוואַן, פאַרגליווערט אין געזאַנג.
נאָר... שאַ! ווער וועקט זיך עס אין אים מיט שנאה?
— דער מויערער געהאַט האָט אין געדאַנק
פאַר שפּעטע דורות אָפּצוהיטן
בלויז מיך,
איך זאָל אויף זאַמד און שטויב זיך נישט צעשיטן!
— קוקט אָן דעם יחסן פון דער קיך,
שוין נישט געווען קיין חשובערס, פאַר וועמען זיך צו זאָרגן!
— און מיך
מיט זאָרג אין פונדאַמענט האָט ער פאַרבאָרגן! — —
אַהאַ!... עס קריגן זיך מיט דומפּע קולות פאַראַמאָל,
פאַרקלעמט אין זאַמד און וואַפּנע, זיינע ציגל אָן אַ צאָל.
דער פּאַלאַץ שמייכלט מיט לבנה־שטראַלן
און רעדט אַריין צו זיך אַליין
אין אַלע זיינע צימערן און זאַלן:
— הערט אויס מיך, קינדער, שטיין פון מיין געשטיין!
אַ יעדער ציגל האָט זיין ווערט פאַר זיך אַליין,
ווייל ער איז דורכגעגאַנגען פייערן און פלאַמען
(נישט ווייניקער פון צווייטן, אָבער אויך נישט מיין),
נאָר גאָר דאָס חשיבות אייערס שטעקט אין אייך צוזאַמען

אַראַנק דעם געניאַלן אַרכיטעקט,
וואָס האָט צו פאָרעם אייך באַהאָפטן און געוועקט,
און איר האָט פאַר דער וועלט דער נאָרער
זיין קינסטלערישן טרוים אַנטפּלעקט —
ער שטייט אין מיין געשטאַלט אַ וואָרער.

ס'האָט משה אויסגעשלאָגן לויטער וואַסער פון אַ שטיין;
און אונדזער מוסר־השכל דרינגט אַרויס פון זיך אַליין
אַ קלאָרער—
ווען צווישן פעלקער וועט נישט זיין פון שנאה מער קיין שפור,
וועט אויפשטייגן די מענטשהייט צו דער העכער
קולטור.

1949 — 1938 וואַרשע,

דער שיכור און די גאַז־לאַמטערנס

אַ שיכור גייט אַמאָל אינמיטן נאַכט, אינמיטן גאַס
און זינגט אַ זמר הייזעריקלעך־נאַס.
די גאַס איז לער. די גאַז־לאַמטערנס גלאָצן: אַ ספּעקטאַקל!
דער שיכור חלומט, אז עס בריט אים אין דער האַנט אַ פלאַש
מיט י״ש,
און טראָגט זי צו צום טויל, און ברומט אַריין אין איר אַ
„שהכול“.
ער פּלאָנטערט מיט די הענט און פיס און מיטן קאָפּ,
און טוט זיך אומגעריכט (צום וויפלטן שוין מאָל?)
אַ וואַקל:

— פּאַמעלעך! סטאָפּ!
אָט קלייבט ער אויפן ברוק די שערבלעך פון זיין שטערן.
געשעט אַ נס — אַ גאַז־לאַמטערן
פאַרהאַלט אים פאַר דער ברוסט: — בלייב, ברודער, שטיין!—
דער שיכור קוקט אים אָן: אַ פּראָסטער חי־וקים: — שיין!
אַ דאַנק דיר, סלופּ, פאַר די געראַטעוועטע ציין.
דו האָסט געהאַנדלט ברידערלעך, נישטאָ זיך וואָס צו שפּאַרן!
און זיי מיר אָפּגעהיט דערפאַר פאַר אַלערליי געפאַרן...
איך קוקט זיך צו אַזוי גאַנץ ווייט לענגוים דער גאַס —
וואָס זע איך? אחדות, ברודערשאַפט איז נישט קיין שפּאַס.
פאַראייניקט שטייען דיינע ברידער — שורות גאַז־לאַמטערנס
און קושן זיך איינאַנדער אין די העלע שטערנס...
זיי הענגען אויפן הימלס שוואַרצן האַלדז — אַ קראַנץ...
אָ, ברידער! כ׳גיי אַרוים אַקעגן אייך אין טאַנץ! — —

דער שיכור רייסט זיך אָפּ פון סלופּ און טענצלט ווייטער,
צעפלאָקערט פון התפעלות און פון שכרות, ווי אַ שייטער,
און רייסט זיך מיט מתיקות אויפן קול:
— דער רוח זאָל מיך כאַפּן!
איך מוז ז'אָם אחדות פון די סלופּעס מיט די הענט באַטאַפּן,
איך וויל ארומהאַלדזן אַ וועלט מיט סלופּעס פּאַראַמאַל!
נאָר ווײ! עס האַלדזט זיך נישט ארום קיין צוויי אַפילו.
צעוואַקלט ער זיך, כאַפּט ארום אַ סלופּ און וויינט
מיט טרערן רירנדיקע, שטילע:
— ס'איז נישט, ווי איך האָב עס געמיינט...
איר ווייזט ווי ברידער זיך ארויס פּ אַ ר ל ײ ט ן
און בלויז פ ו ן ו ו י י ט ן;
נאָר אויף דער וואָר שטייט יעדער אָפּגעזונדערט אויף זיין אָרט,
און צו זיין ברודער — נישט קיין וואָרט!
נישט אַנדערש, כלעבן,
איר זענט זיך שונאים אויפן לעבן.
עך-עך! אָך-אָך!
די וועלט איז נישט געלייטערט נאָך...
פאַרשטייט זיך
(איך פיל אַליין עס), אַז זי דרייט זיך,
זי דרייט זיך, ווי ביי מיר אין קאָפּ די מיל,
נאָר כ'זע נישט, ברודערקע, דעם ציל,
אויב זי דערדרייט זיך נישט לחלוטין
צום בעסערן, צום גוטן...
וואָס שווייגסטו, גולם, סלופּ,
און ענטפערסט מיר נישט אויף מיין טענה?
איך טו דיך באַלד פון זיך אַ שטופּ
מיט אַלע כוחות מיינע,

און טוסט אַ פֿאַל צו דרערד און קלייבסט די ציין! — —
ס'איז נישט דער סלופּ געפֿאַלן — ער אַליין
און כראָפּענדיק געבליבן ליגן.
און איבער אים — הגם דער גאַז־לאַמטערן האָט געשוויגן —
האָט העל געשיינט מיט ליכטיקער מחשבה זיין געזיכט:
„מיר גיסן זיך צוזאַמען ברידערלעך מיט אונדזער ליכט".

ווי די לאַמטערנס, לאָמיר, ברידער פֿעלקער, זיך צוזאַמענגיסן
אַריבער גרענעצן פֿון לענדער מיט דעם ליכט פֿון וויסן.

די בלומען און די קראָפּיווע

אין גאָרטן, אויף אַ בייט אַ פאַרביקער פון בלומען,
אַ שטענגל קראָפּיווע פון ערגעץ־ווו האָט זיך דערנומען.
פונוואַנען דאָס? דאָס שפּריכוואָרט האָט אַן ענטפער אונדז פאַרגריים:
„עס וואַקסט, ווי קראָפּיווע, ווו ס'האָט עס נישט פאַרזייט".
פאַרוווּנדערט און זיך מיניענדיק אין די קאָלירן,
די בלומען קוקן זיך איינאַנדער אָן,
און מיט אַ שרעקעוודיקן בלאַסן טאָן
הייבט איינע אָן
מיט אונדזער קראָפּיווע אַ שמועס פירן:
— זאָל פריד זיין, גאַסט, צו דיר! וואָס טוסטו הי?
— איך ברי! —
איר ענטפערט גלייך די קראָפּיווע מיט חריפות עכטער.
— דו בריסט? — אַ צווייטע פרעגט איר ציטריק: ביסטו דאָך אַ שלעכטע!
— עס ליידן, — קומט איר ענטפער: בלויז די אומגערעכטע.
— נו, גוט, —
אַ דריטע בלום שוין פרעגט מיט מוט:
איז בריסטו וועמען?
— די האַנט, וואָס וויל אַ בלום באַליידיקן, פאַרשעמען.
— אָ, קראָפּיווע געערטע! —
פרעגט האָפערדיק אַ בלום אַ פערטע:
און ווער האָט דיר באַפוילן ווי אַ וועכטערין דאָ שטיין?
— מיין דרייסטקייט, מיין געווויסן און מיין האַרץ אַליין!
— ווי הערלעך און ווי שיין! —

עס ווערן איבעראַשט דערפרייט די בלומען:
ראָס לעבן קאָן אונדז איצט שוין וויל באַקומען.
ס׳וועט קיינער נישט דערוועגן זיך מיט אונדז זיך שלעכט באַגיין.

אָן פחד מעגן מיר זיך בליען, וואַקסן און זיך צירן
אין אַלערליי קאָלירן,
ביז ס׳קומט דער אָוונט, און מע מוז שוין שלאָפן גיין —
עס היט אונדז פרייוויליק־געטריי דער בריענדיקער
וועכטער! — —

אויף דעם צעקלינגט זיך איבער זיי אַ יונג געלעכטער.
דאָס פנימל צעלויכטן, ווי אַנטקעגן זון אַ רויז,
לויפט אָן אַהער אַ יינגל פונעם הויז —
אַ שטיפערישער יאַט אַן עכטער.
ער קאָן זיך אויף דער בלומענבייט נישט אָנקוקן צו זעט —
איר בלומען־פאַרבנשפיל האָט אים אויפסניי געפלעט.
ווי דאָ דערזעט ער: צו די בלומען
אַ גרינער גאַסט מיט זילבער־הערעלעך געקומען.
ער טוט אַ בייג זיך איין
און איידל אַזוי, פיין
(אַ קנאַפּ געניטער)
אַ ריר אים אָן.
און זעט — ער טוט אַ ציטער:
דער גאַסט האָט אים באַוויזן וואָס ער קאָן....
אַ בריעניש גייט אויף אין זיינע פינגער.
ער בלאָזט אויף זיי, נאָר ס׳ווערט דערפון נישט גרינגער...
זיין פנימל איז רויטער פון אַ צוויק,
אַ בעכער פיין — זיין בליק,
און ס׳צינדט זיך אָן אין אים אַ צאָרן.
געטריבן ווי אַ פערד פון שאַרפע שפּאָרן,
ער טוט אַ לאָז זיך אויף די בלומען: פליק!

ער פליקט אַ יעדע בלום, צערייסט זי, טיים זי,
און פון דער בלומענבייט ווערט שנעל
אַ וויסטער תל.
און זי, די קראַפּיווע — דער מויל־העלד? — ווי געשטאַנען,
שטייט זי:
וואָס איז? פאַר פרעמדע לעבנס וועט זי איינשטעלן איר פעל?!

איך קאָן פאַרברענטע פאַטריאָטן
מיט פולע טיילער פאָטערלאַנד און זיג,
נאָר קומט עס צון אַ קריג —
פאַרוקן זיי זיך גלייך אין שאָטן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

מי און שאַפונג

דער רויכזייל און דער פלאם

עס האָט אַ רויך ־ זייל זיך געצויגן שפּילעוודיק צום הימל,
צעגאַנגען אינעם בלוי מיט ברוינעם שלאַנגענעם געווימל
און פון אַ פלאַם, וואָס האָט געהויערט אויף אַ שייטער האַלץ,
געחוזקט שטאָלץ:
— דו ווייסט אַפּנים נישט וואָס הייסט דאָס — פריי זיין
און איינעמען דעם רוים מיט שטיפעריי;
זיך רייסן מוטיק אינדערהויך און בייזיין
דעם פלי ־ פאַרמעסט פון אָדלערס אויף דער פריי.
דו ליגסט זיך איינגעזויגן אין דעם שייטער —
אַ פיאַווקע אָנגעזויפט מיט בלוט לרוב,
און נישט דו הייבסט זיך העכער, נישט באַוועגסט זיך ווייטער,
ביז ס'קומט דיין סוף!... —
מיט קנאַק און פרייד דער פלאַם אים ענטפערט פונעם שייטער:

— נענוג דיין קרייזלדיק און וויסטיק פלוידעריי!
דו גייסט די וועלט אָן שפור פאַרביי:
דער הימל איבער דיר — אַ זויבער ־ בלויע שיסל,
נישטאָ אין איר אַפילו אויף קיין זכר — רויך.
און איך, כאָטש כ'פלי נישט פויגל־אינדערלופטן הויך,
פונדעסטוועגן טו אויף אַ ביסל:
דאָס טעפּל, וואָס דו זעסט לעם מיר דאָ שטיין,
הייבט באַלד שוין אָן אין זידן צו פאַרגיין.

די ליידיקגייערס, וועלכע ברענגען נישט דער וועלט קיין נוצן,
זיך האָבן ליב, ווי אונדזער רויך, אין פּראַזעס הויכע פוצן.
ווי ער, זיי וועלן אויך
פאַרגיין אָן שפּורן — רויך.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער שניי־מענטש און דער ווינט

דער מענטש געמאַכט פון שניי
איז איין וואָך, אָדער צוויי
געשטאַנען אויפן פראָסט אין דרויסן,
פאַרגאַפט געקוקט מיט מויל און אויגן אויף דער וועלט
און, ווי דער תם פון „מה־נשתנה", ברייט געקוועלט:
— איך האָב באמת זיך מיט וואָס צו גרויסן —
איך טו נישט גאָרנישט נישט, און גאָרנישט מיר נישט פעלט!
איך אָטעם מיט מחיהדיקן פראָסט און קוויק די אויגן
מיט הימל־בלוי אויף ווייסן שניי, אין ווייטקייטן צעצויגן,
און , ווי אַ קרוין, די זון — אויף קאָפּ מיינעם צעהעלט.
גוויל איך... בין קלוג. קיין קלוגערער פון מיר איז נישט
פאַראַנען. —
נאָר פּלוצעם איז אַן אָדליגע אַנטשטאַנען.
ס׳דערפילט דער שניי־מענטש ווי אין קעל אים קרעלט,
און ס׳נעמען פויזען לויע וואַסער־ווערעם
בגנבה אין דער טיפעניש פון די גדערעם.
צעוויינט ער זיך מיט אלע אברים און קלאָגט:
—אַך, ס׳איז מיר עקלהאַפטיק וואַרעם!
אַך, גאָט, דערבאַרעם זיך, דערבאַרעם!
איך האָב קיין קינדהייט און קיין יוגנט נישט פאַרמאָגט,
געוועז אַ זקן שוין צו מיין געבוירן, —
פאַרוואָס זשע קומט עס מיר אַזוי־אָ פרי צו ניין פאַרלוירן? —
אויף דעם האָט אָנגעיאָגט אַ וואַרעמער, נאָר שטרענגער ווינט
און אים געטאָן אַ שינד
זיין נאַסן אויער:
— דיין ווי איז גרויס, נאָר ס׳וועט נאָך דיר נישט זיין קיין
טרויער,

און קיינעם וועט נישט טאָן דיין אומקום באַנג:
פֿאַרליידיק גייער
און ליידיק שטייער
נישטאָ איז אויף דער וועלט קיין פּלאַץ אויף לאַנג! —
דער שניימענטש האָט אַ פֿאַל געטאָן און זיך די נאָז צעשלאָגן.

דער משל שיקט דעם ווינט, ער זאָל זיך ווייטער טראָגן
און ווו ער טרעפֿט אַ פּוסט־און־פּאַסטניק אים צו זאָגן:
—„דאָס פּוסטאונפּאַסטעווען די מאַמע איז פֿון יעדער זינד“—
צעשמעלץ זיך, ווי אַ שניימענטש, און פֿאַרשווינד!

וואַרשע, 1927 — לאָדזש, 1949

צוויי בלייפעדערס

אויף אַ שרייבטיש אין אַ שטילן קאַבינעט
האָבן זיך צוויי בלייפעדערס צערעדט.
איינער איז געווען נאָך שפּאָגל־ניי, און שלאַנק, און שטאָלץ,
קליין — דער צווייטער, אָפּגעשיילט פון פאַרב דאָס האָלץ.
שמייכלט האָפערדיק דער נייער מיטן שימער פון זיין פאַרב:
— נאָך נישטאָ אין מיר דער מינדסטער קאַרב;
איך בין יונג, אין סאַמע פולן גלאַנץ —
וועלן פריילעך גיין מיט מיר אַ טאַנץ
שרייבער־פינגער איבער וויס־פּאַפּירענעם פּאַרקעט.
— עט! —
רופט זיך אָפּ דער אַלטער רואיק, אָבער רוי:
ס'איז נאָך נישט אַזוי —
ס'איז דאָס לעבן נישט קיין טאַנץ,
און נישט אייביק בלייבט מען יונג און גאַנץ.
איך בין אויך אַמאָל געווען ווי דו...
— לאָז צורו! —
שרייט דער נייער שטאָלץ:
זעט נאָר ווער סע לערנט מיר דאָס לעבן צו דערקענען —
אַ פאַרוואַלגערט ברודיק שטיקל האָלץ!
אין דער קיך גיי ברענען! —
זאָגט דער אַלטער מיט אַן ערנסט קלוג געזיכט:
— מילא, וועסט זיך עם דערוויסן שפּעטער
פון דער אייגענער דערפאַרונג אויף די ווייסע בלעטער,
אַז מיר זיינען נישט צום טאַנץ געבוירן, נאָר צו פליכט...

— און דאָס לעבן? און די שיינקייט? און די פֿרייד?! —
פֿאַלט אַריין דער נייער, ווי אַ גולם, אין די רייד.
— זיי נישט אַזוי היציק, —
ענטפֿערט אים דער אַלטער מיטן בלײַשטיפֿט-צינגל שפּיציק:
ס'ליגט דער זין פֿון אונדזער לעבן נישט אין אויסערלעכן פּוץ,
נאָר אין גרויער פּראַצע טעגלעכער צום מענטשנס נוץ;
עס איז פֿריידיקער אין פֿליכט-דערפֿילונג אויסצוגיין אָן גלאַנץ,
איידער תמיד גלאַנצן אין אַ פּוסט-דרעסנדיקן טאַנץ.

די בלייפעדער און דער שניצער

— ווי עס פייניקט מיך דיין יעדער דריי — א גרויל! —
קרעכצט די נייע בלייפעדער אין שניצערס מויל:
גזלן! שינדסט פון מיר דאָך לעבעדיקע פאסן! —
נאָר דער שניצער שניידט זיך טיפער, טעמפנדיק די שארף:
— כ'לייד אליין... דו זעסט; נאָר כ'טו וואָס איך באדארף.
און דו — הער אויף מיט די גרימאסן!
ס'איז דאָך דיין באַרוף
מענטשלעכע געדאנקען אויף פאפיר צו קריצן
מיט דיין גוף —
מוזסטו אָנעמען פאר ליב צו לאָזן זיך פארשניצן,
חריפותדיקער ווערן זאָל דיין שפּיץ.
פארטיק!: ניי און קריץ;

תמיד איז אזוי אין לעבן, פריינט, פארפאלן! —
ליידן צייכענען דעם וועג צו אידעאלן.

ווארשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער טאָג, די נאַכט און דער פֿויער

פֿאַרנאַכט־צו האָט דער טאָג דעם פֿויער
פֿאַרטרויעט זיין געמיט, זיין טרויער:
— עס שפּאַנט אַהער שוין די ציגיינערין, די נאַכט,
מיט רויט־לבנהדיקן ציגאַרעט, פֿאַרטראַכט,
און לאָזט אַריין דעם אָוונט־רויך אין מיינע אויגן,
ביז איך וועל ליגן ווי אַ סגי־נהור אויסגעצויגן...
— איך ווייס? —
דער פֿויער שטילט אים איינעט מיט אַ שמייכל:
עס טונקלט שוין, ווייזט אויס, מיין טאָג, דיין שכל.
סע באָדט זיך דאָך אין דיר דעם גאַנצן טאָג אין שווייס;
צי איז נאָך נישט באמת צייט שוין צו געניסן,
כ׳וואָלט וועלן וויסן,
אַ ביסל רו?
איז וועך זשע גיט עס? אפשר דו? —
באַגינען וועקט די נאַכט דעם פֿויער,
פֿאַרטרויעט איר געמיט אים און איר טרויער:
— ער קומט שוין אָן, דער טאָג, דער גזלן, גוואַלד!
ער רייסט מיר אָן רחמנות אויס די שטערן — אויגן,
נעמט דורך מיין גוף מיט ווייסן קרעץ, און באַלד
וועל ליגן איך אַ טויטע אויסגעצויגן...
— דו מאַכסט די מענטשן, נאַכט מיינע, בלויז שלאַבעריק און פֿויל
און קאָרמשעסט זיי צוזאַמען אין אַ שלאָפֿנדיקער קנויל, —

שלאָגט איבער אירע רייד דער פּויער אינדערמיטן:
געבענטשט זאָל זיין דער רוף פון וועקנדיקן פרי,
וואָס מאָנט צו אַרבעט און צו מי
און שוימט אויף פרייד אין די געבליטן.

ס'האָט יעדער מעלות און חסרונות — נישט פאַרגעס;
נוץ אויס אַ יעדנס מעלות, ווי דער פּויער דעם מעת-לעת.



די זויל און די אָל

עס האָט אמאָל אַ זויל זיך בייז צעסקריפּעט
און וויטיקלעך צעכריפּעט,
אַדורכן העמערלס קליפּ-קלאַפּ, אין שוסטערס האַנט:
— נו, מילא, אייך, די פּלעקלעך, אייך פאַרשטיי איך,
עס איז מיר איינגענעם אפילו אייער ריח,
ווייל איר באַהעפט מיך צו מיין שטיוולס קאַנט;
איר טוט מיך וויי, נאָר אָן תרעומות נעם איך אָן עס —
איר בלייבט אין מיר און ברענגט אַליין זיך ווי קרבנות.
די אָל אָבער, דו פּלינקע מויז,
וואָס קריכסט אַריין און קריכסט אַרויס
און ווערסט לסוף פאַרשווונדן,
פאַרוואָס מאַכסטו מיר אָן אַזויפיל וווּנדן?
פאַרוואָס דער אומפאַרדינטער, גאָר אומזיסטער וויי?
צון אַלדי רוחות גיי!
— דו רעדסט, במחילה, ווי אַ נאַריש יונגל, —
האָט זי אַ שטאָך געטאָן די אָל
מיט שאַרפן צינגל:
באַרעכן נאָר צו מאָל,
צי וואָלטן דען די פּלעקלעך אין דיין האַרטן לייב געקראָכן,
ווען דו וואָלסט נישט אַפריר
פון מיר
געוואָרן דורכגעשטאָכן?
ס'איז, ליבע פריינדין, חל
אויף דיר דער אַלטער כלל,
וואָס איז נישט אויסצומיידן:
די בריק,
וואָס פירט צו גליק,
געבויעט איז פון ליידן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער קאַליע זייגער,
דער זייגערמאַכער און דער קאַמפּאַס

עס האָט אַמאָל אַ קאַליע זייגער זיך פֿאַרגלוסט צו שטראָפֿן
זיין שווייגנדיקן שכן: — מיסטער קאָמפּאַס! רק געפֿאָפֿן?
אָט טוט אַ קוק אויף מיר, ווי כ'אַרבעט אויף די כלים טריי,
און ס'לאָזט מיין קלינגער אָפּט זיך הערן פֿראַנק און פֿריי!
וואָס איז עס פֿאַר אַ שטייגער אָפּצונאַרן הייזער
מיט אָנשטעל, מיט אַ גאָרנישט־ווייזנדיקן ווייזער!
— קום, קריפּל ליבער! — טוט דעם זייגער פֿון דער וואַנט
אַ שלעפּ דאָ אומגעריכט אַ זייגערמאַכערס האַנט
און נעמט אים, ווי אַ פּשוט קלעצל, טראָגן.
— ווהין? — צעטרייסלט זיך דער זייגער: און פֿאַרוואָס?
— איך וועל דיר, — זאָגט דער זייגערמאַכער: זאָגן —
עס האָט פֿאַרמסרט דיך דיין באַלעבאָס:
עס אַרבעטן די רעדער שלעכט ביי דיר אין מאָגן,
און אויפֿן שכל איז דיין קאָפּ אַביסעלע דערשלאָגן.
דו גייסט און פּלוידערסט, רעדסט צו גיך
און ווייסט נישט ווען אַ שעה צו שלאָגן.
— און איך,

כאָטש כ׳העננ, קמינור - זיינער, ווי עס דאכט זיך ריר,
פארשלאָפן, —
טוט קוים אַ ציטער דאָ דער קאָמפּאַס שטיל:
טו דאַך מיין אַרבעט און דערגרייך מיין ציל —
אָט ווייז איך פינקטלעך: דאָ איז צפון!

פאַר מענטשן, וועלכע ווירקן ווי דער קאָמפּאַס — אונדזער
שבת!
נאָר „קאַליע זייגערס" טרעפן אויך זיך צווישן לייט — אַ סך:
אָ, וועלכער מייסטער וועט זיי מאַכן ריידן צו דער זאַך!

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער שפּיגל און דער לאָקש

דער שפּיגל שמייכלט מיט אַ שטאָלצן שימער:
— איך נעם אריין אין זיך דאָס גאַנצע צימער
און אַלץ, וואָס איז אין דעם אריין!
— נו, זייער פיין, —
צעשמייכלט זיך דער קלוגער לאָקש מיט שיין:
נאָר וועמען, כ'בעט דיך, טוסטו דערמיט דינען,
דו זאָלסט דערמיט זיך האַלטן גרויס?
נישט וויכטיק, וואָס עס איז ביי דיר דערינען,
נאָר וואָס דו גיסט פון זיך אַרויס.

אויך מענטשן זיינען דאָ, וואָס שטאָפּן זיך מיט וויסן,
און כאָטש עס טוט דערפון קיין צווייטער נישט געניסן,
ווי אונדזער שפּיגל, זיינען זיי פאַררײסן.
אַזעלכע וואָס וואָלט זאָגן אונדזער קלוגער לאָקש?
— דו ביסט געלערנט, נאָר אַ גלאָקש!

לאָדזש, 1947

די האָלאָוועשקע, דער ברענענדיקער שייטער און די זון

אַ האָלאָוועשקע האָט זיך שלאַנק געצויגן
צום הימל מיט אַ זייל פון שוואַרצן רויך
און, גאָר שוין הויך
זיך אויסגעשפּרייט, צוריק זיך צו דער ערד געצויגן
און, פול מיט שפּאָט אין שטאָלץ,
אַ ווענד געטאָן זיך צו אַ ברענענדיקן שייטער האָלץ:
— חברים שייטלעך! אייביק שטעקט איר אין אַ גרענעץ.
ס'איז אייער שטח גרויס — אַ גענעץ!
און אייער פלאַם — אַ הונט געבונדן אויף אַ קייט!

אָט זעט, ווי איך האָב הויך און ווייט זיך דאָ צעשפּרייט
און צי זיך אַלץ נאָך העכער, ווייטער! —
אויף דעם האָט זיך צעפלאַקערט קנאַקעדיק דער שייטער
און אָפּגעענטפערט חדווהדיק, צעקוועלט,
צעהעלט:
— ס'איז אמת, שוואַרצער ברודער.
צו וואָס אָבער דאָס מאַכן אַ גערודער
און ריידן שיין אַזוי און הויך?
האָסט פול געמאַכט מיט זיך די וועלט... מיט רויך.

— דו האָסט, — גיט צו די זון: פאַרשטעלט מיין ליכט פאַר מענטשנס אויגן.

און ער, דער שייטער, כאַטש צום הימל נישט געפלויגן,

ווייל ס'איז זיין פלאַם — „א הונט געבונדן אויף א קייט“ —

ברענגט מענטשן וואַרעמקייט, און שיין, און פרייד.

אויב שוואַרץ זיינען די מעשים דיינע, ווי דער רויך, מיין ליבער,

וואָס נעמסטו, ווי די האָלאָוועשקע, מיט דיין שם זיך איבער?!

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער עלעקטרישער לאָמפּ
און דאָס חלבענע ליכט

געזיצן איז דער שרײַבער בײַ זײַן שרײַבטיש און געשריבן.
ווי פּלוצעם איז זײַן לויפנדיקע פעדער שטיין געבליבן.
עלעקטערישער קורצשלוס האָט מיט זיך געבראַכט
דעם חושך פון דעם דרויסן אין דער נאַכט.
דער שרײַבער האָט זיך אומעטיק פאַרטראַכט,
די אויגן זיך מיט פינצטערניש געריבן:
נו, וואָס איז אים אַצינד צו טאָן פאַרבליבן?
שוין! אוים געגוס, און אוים דערפילונג פון זײַן פליכט!
אויף זײַן פאַרלאַנג ברענגט עמעצער אַרײַן אַ ליכט
און שטעלט עס אויפן טיש פאַר זײַן געזיכט.
און ווידער נעמט דער שרײַבער זיך פאַר זײַן מלאכה.
נאָר — ווײ! — נישטאָ אין איר קיין מזל־ברכה:
דאָס חלבענע ליכט פאַר אים גיט קאַרגלעך שײַן,
הגם עס שמעלצט פון שטאָלץ און זעלבסטצופרידנקייט זיך פײַן;
דאָס שרײַבן גיט נישט קיין געגוס איצט — פּײַן!
ווי טוט מען זיך אַן עצה?
— ברײַנג אײַן פאַר מיר דעם קאָפּ און פּלײצע! —
מיט חלב זידנדיקן טוט דאָס ליכט אַ שפּריץ:
פאַר מיר געבוינגן, אײַנגעקאָרטשעט זיץ
און אָנגעשטאָכן האַלט דײַן בליק אויף פעדערס שפּיץ! —
דער שרײַבער פאָלגט אין שעפערישן פיבער,
נאָר זײַן געדאַנק די פעדער יאָגט אַריבער.

— גענונג! — בלענדט אויף דאָ אומגעריכט
דער לאָמפּ מיט זיין עלעקטריש ליכט
(אינצווישן האָט עס דער מאָנטיאָר פאַריכט):
הייב אויף דעם קאָפּ! זייַ פריי, דער רוקן נישט געבויגן!
מיט פאַרגעניגן דין איך דיינע אויגן...
ניין, דאנק מיר נישט — נישט נייטיק — און נישט בענטש.

אייך זאָגן, וואָס מיין משל מיט די ליכט איז אויסן?
די ליכט באַלייכטן אונדז אַ ל יי ן פון דרויסן:
וואָס חלבענער, שפּלער עס איז אַ מענטש,
אַלץ שטייט ער מער ביי זיך איינגרויסן.

דרושניקי־זדרוי, אווגוסט, 1947.



דער ברונעם־זוויד און דער פלומפּ

— מיר האָבן איין בארוף און אויך דיזעלבע צילן:
מיט וואַסער לויטערן דעם מענטשנס דורשט צו שטילן, —
האָט פאר א פלומפּ געקרעכצט אַ ברונעם־זוויד:
און זע נאָר, שכן מיינער, ווי פארשיידן
דאָס וואַסער דאָ פאַרהאַלט זיך צו אונדז ביידן —
מיט דיר דערפרייט זיך עס, מיט מיר — אַז גאָט באַהיט!
ווי הויך איך בין נישט, בייג איך זיך צום ברונעם מיטן
עמער,
אָט ווי אַ ליאַדע יונג,
און שטעק אַריין צו אים אין אומעטיקן דעמער
מיין קליטשקע ־ צונג,
שעפּ אָן דאָס וואַסער, שלעפּ עס
און צי מיט אַלע מיינע כוחות, צי
(אַ ברירה האָב איך? ס'איז אַ תירוץ עפּעס!),
און ערשט נאָך שווערער מי
מיר גיט זיך איין דאָס וואַסער קוים אַרויסצוקריגן.
און דו — ווי נאָר דו הייבסט זיך אָן צו וויגן,
טוט גלייך דאָס וואַסער גוט און וויל
אַ קרייז אַרוים זיך פון דיין מויל,
אַ זילבער ־ בלויער רעגנבויגן,
און ס'העלן אויף דעם וואַסערפירערס אויגן,
ווען ס'פילן זיך די עמער אָן מיט זילבער און מיט בלוי. —
אויף דעם געענטפערט האָט דעם ברונעם ־ זוויד דער
פלומפּ אַזוי:
— דו ביסט דערפאר דעם וואַסער, שכן־לעב, דערווידער,

דו פויגל אײנער אויסגעטײטשטרעװעט פון האַלץ,
װײל תמיד שטײסטו אויף דײַן אײנציק פּיסל שטאָלץ
און טוסט אַ טובה, װען דו לאָזט אַראָפּ זיך אין דערנידער. —
צעבײזערט זיך דער ברונעם - זװיד: — און דיך, דעם לומפּ,
פאַרװאָס איז דיר דאָס װאַסער אַזױ גערן? —
און ס'ענטפערט מיט אַ שטים װי פון דער ערד דער פּלומפּ:
— צוליב דעם שײנעם טאַט פון מײַנע רערן.
באַנגערנדיק פאַרלײכטערן דעם מענטשן אין זײַן נויט,
געגאַנגען זײַנען זײ מסירת - נפשדיק אַקעגן טויט —
פאַרמשפּט זיך אויף אײביק אין דער ערד צו ליגן;
און שטעלט פאַר מיר אַ לײדיק עמער עמעצער אַרױס —
דעם לעצטן אָטעם דריקן מיר פון זיך אַרױס,
כּדי ער זאָל דאָס װאַסער װאָס צום שנעלסטן קריגן.
דאָס װאַסער אײלט דערפאַר דורך אונדז מיט שטראָמענדיקן גאַנג
און טוט זיך אָן אַנטפּלעק מיט פרײדיק-פאַרביקן געזאַנג...

באַגעגנט װערן ד י מיט גינציקײט און פרײדן,
װאָס טוען זײער פליכט, װי אונדזער פּלומפּ, באַשײדן
און מיט מסירת-נפש — נישט צוליבן דאַנק
און נישט פון כּבוד װעגן.
דער דאַנק און כּבוד לויפן זײ אַלײן אַנטקעגן.



די פּלאַקאַטן און די בוינגס פון אַ בוך

עס האָבן זיך געטראָפן אין געדויש פון דרוקעריי
מיט בוינגס פון אַ בוך פילפאַרביק - שרייאיקע פּלאַקאַטן.
— הערט אויס מיין קול! — צעשרייט זיך אַ פּלאַקאַט פאַר
דריי:

ווי נאָר מע וועט אינדרויסן אונדז באַשטאַטן,
צעשרייען וועלן מיר זיך אויף דער טויבער וועלט,
אַזש וואָרפן וועט עס זי אין היץ און קעלט.
מיר וועלן מענטשן כאַפּן פאַר די אויגן,
און פון די שאַרבנס זיי געצויגן און געצויגן.
מיר וועלן זיי די אויערן צעשפּאַרן און אַריין
אין זיי מיט קלאַנג און פילקאָלירטער שיין.
מיר וועלן אונטער שאַרבנס אויסהענגען ווי גלעקער
די בשורות אונדזערע און... אַ-ו-ו-ך!
— דו האָסט אַ לאַנגן לעקער, —
צעשאָרכען זיך די בוינגס פון אַ בוך:
דו שרייסט, מאכסט אָן אַ טומל, אַ גערודער,
נאָר ס'טוט דאָסזעלבע באַלד דיין ברודער,
און היפּש איז אייער צאָל.
איר גאָרנלט אַלע פאַראַמאָל,
און יעדער איינער שרייט דעם צווייטן איבער
מיט נאָר דעם אָנשטעל פון אַ גיבור,
און אַלע ווערט איר הייזעריק, פאַרלירט דאָס קול.
— ווי וואַגט איר! — זידן אויף, ווי אינדיקעס, פּלאַקאַטן
און שטיקן זיך מיט רויטאונברוינאונבלויען כעס:
אין אייער טאַטנס טאַטן!

מיט וועמען, שטויבן־פרעסערס! טרייבט איר, שפּאַס?
אָט... זיינען מיר שוין אויף דער גאַס! —
נאָר ס׳ענטפערט זיי דער יונג, וואָס קלעפּט זיי אוים אויף
אלע ראָגן:

— אייך הערן לאַנג וועט בלויז די וואַנט,
וואָס וועט אייך איר אויף פּלייצע צונעקלעפּטע טראָגן
און זיין בגוואַלד מיט אייך ־ביינאַנד,
ביז רעגנס וועלן טאָג און נאַכט אייך צוואָגן,
און ווינטן — דאָס געביין אייערס צעטראָגן.
— און זיי, די בויגנס פון אַ בוך? און זיי?
צו וואָסער יתום וועלן זיך דערשלאָגן? —
צעלאָזט אויף אים זיך אַ פּלאַקאַט מיט אַ געשריי,
דערנאָך — די אנדערע, נישט דווקא לויט אַ ריי.
— זיי שרייען נישט. זיי שאָרכען קוים, ווי שניי, —
דער קלעפּער ענטפערט מיט אַ שמיר פון קליי:
צעפליען זיך נישט אויך באַזונדער.
זיי ריידן איינער נאָכן צווייטן שטיל
מיט קאָפּ און מיט געפיל.
זיי וועלן אויפטאָן ווונדער —
ווייל ברידערלעך פאַרייניקט אין אַ בוך צום זעלבן ציל,
וועט זייער ווילן און באַגערן
דער מענטש דערפילן און דערהערן,
און שענער ווערן.

ווו ס׳קומט צו אייניקייט פון אמתן געפיל,
ווערט אַלץ דערגרייכט באַשיידן, אין דער שטיל;
איז נישט פאַראַן קיין אחדות — דעמלט וועלן
די שענסטע רייד, וואָס דאַרפן אונדז נעפעלן,
דעם מיאוסן אמת נישט פאַרשטעלן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דאָס פּוצבערשטל און די קאָפּאָטע

— גענוג געקראָכן מיר אין די גערעדעם,
ווי מיט אַ טשערדע ווילדע וואַלד-חזירים!
אַן עק! אַ סוף!
כ'וויל מער נישט זיין ביי דיר אין גלות!
אָט טו איך אַ פאַרהייב די פּאָלעס
און — מאַרש צום רבֿ! —
אַזוי האָט בייז גערעדט פון שטויב און בלאָטע
צום בערשטל די געבערשטלטע קאָפּאָטע.
— קאָפּאָטע, אשת-חיל, האָב געדולד און צייט.
עס פּאַסט דאָך נישט באַווייזן זיך אַזוי פאַר לייט.
כ'פאַרזיכער דיר, ס'טנישט האָבן קיין חרטה, —
געענטפערט האָט דאָס בערשטל פריינטלעך-שטרענג
און ווייטער זי געבערשטלט אין דער ברייט און אין דער לענג.
די שמוציקע קאָפּאָטע:
איך טרייב פון דיר מיט חזיר-האָר דעם שמוץ,
מיט זייער האַרטקייט כ'זויבער דיך און פּוץ.
— ווי לאַנג דאָס זיינען זיי עס פון אַ חזירישן רוקן? —
צעבייזערט האָט זיך די קאָפּאָטע שטאַרקער: ווי געטיין!
מיט זיי, די חזיר-האָר, דו ווילסט מיך מאַכן ריין?! —
געענטפערט האָט דאָס בערשטל מיט אַ רייב מסוכן,
ווי ס'וואָלט אַ קריץ געטאָן מיט שאַרפע ציין:
— דערוואוגסט זיך נאָך, פאַרדריפּעטע קאָפּאָטע,
צו זוכן ביי אַ צווייטן פאַראָיאָרדיקע בלאָטע!

אין זכות טאָקע פון רייניקונג, דורך שטאַרקער פּיין,
די חזיר - האָר געוואָרן זיינען זויבער - פיין,
און ס'מעג דיך אָנשטיין גראָד זיי זאָלן דיינע פוצער זיין. —
געקריגן אָנגעזידלט, ווערט זי, די קאַפּאָטע, ווייכער:
— נו, מסכים, נאָר איך בעט דיך — לאָז פון מיר אַ זכר!
דו רייבסט אַזוי דאָך, אז איך בין פאַרביי!
צי בין איך ערגער דען פון דעם און יענעם?
— נישקשה, — רייבט דאָס בערשטל ווייטער: ס'איז כדאי.
וועסט באַלד אַרויס פון גהינום
און זיין
געלייטערט, ריין און פיין.

וואָס גוט איז, זוך אין דעם נישט קיין אַמאָליקע חסרונות —
פאַר דעם ווי ס'איז אַצינדער שעץ עס און באַלוין עס.

ווארשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די באַרשט

אַנומלט האָט די שול־באַרשט זיך צעצערנט
און ביי דער סאַמע שוועל
זיך בייז געטאָן אַ שטעל:
— מע זאָגט נאָך, קליינוואַרג, אַז איר זענט געלערנט!
ווער אַקערט תמיד מיט דער נאָז די ערד
און ווו אַ שטויבעלע פאַרקערט
מיט חשיבותדיקער באָרד מיט זיינער?
ווער רייניקט עס אַ מינדסטן שפּור פון שיך?
די גאַנצע וועלט וועט מודה זיין, אַז — איך!
נאָר קומט צו כבוד — גאָט אין הימל מיינער! —
מע שטעלט מיך אינעם מיאוסטן ווינקל פונעם הויז —
אָוועקגעוואָרפן מיך, להבדיל, ווי אַ שרץ.
און ווו איז, פרעג איך, יושר? דרך־ארץ?!
פון היינט און ווייטער וועל איך מער נישט קערן. אוים! —
עס זאַמלען זיך אַרום דער באַרשט די שילער קליין און
גרוים:

צי זאָל מען מיט איר טרייבן שפּאַסן?
צי גאָר לפנים זיך אויף איר צעכעסן?
ווי דאָ באַווייזט זיך שמייכלענדיק דער לערער אויף
דער שוועל,

און ער פאַר אַלע פּטרט אָפּ זי שנעל:
— רב באָרד! איר האָט זיך נישט מיט וואָס צו איבערנעסען.
ס'איז וואָר, אַז איר פאַרקערט די שטויבן פון דעם דיל,
נאָר זאָגט, איך בעט אייך, טוט איר עס פון אייגענעם געפיל?

איר צווינגט מיך, איך זאָל אייך פאַרשעמען
און אָפן אויסדערציילן אייער שאַנד —
איר קערט נישט, אויב עס צווינגט אייך נישט קיין פרעמדע
האַנט.
אויב גלוסט זיך אייך אַ חשוב אָרט אין שטוב פאַרנעמען
און נישט דאָרט ערגעץ אין אַ ווינקל שטיין,
איז מוזט איר וויליק, איר אַליין
אָן צוואַנג, זיך תמיד האַלטן ריין...

און איך קאָן שרייענדיקע מוסר - זאָגער, וועלכע
צוליב פּרנסה בלויז זיי קערן אוים די וועלט,
און כאָטש אין תוך אריין זיי זיינען בערשט אַזעלכע,
ווי אונדזער באַרשט — אויך כבוד האָבן זיי צום געלט.

וואַרשע, 1929 — לאָדזש, 1948

דאָס מלבושים־בערשטל

הערט אויס אַ מעשה אויף חידושים.
אַ באַלעבאָסטע זאָגט אַמאָל צום בערשטל פון מלבושים:
— קום, פּוצערל, אַהער! איך האָב דיר וואָס צו זאָגן —
איך וויל דיך צוואָגן. —
און תיכף איר ארויסגעזאָגטן ווילן
זי נעמט דערפילן.
גיסט הייסע וואַסער אין אַ שיסל,
שיט זאָדע אויף אַריין אַביסל
און וואַשן, באָדן, רייניקן זי נעמט עס;
זי פּוצט עס, און זי קעמט עס.
ביים בערשטל שטעלן בייז זיך אָן די האָר:
— צו וועלכע גוטע יאָר?!
דעם פּוצער, מיך, וואָס כ'פּוץ
איעדערן פון שטויב און שמוץ,
מיך גייסטו מאַכן ריין?!
נו, זאָג אַליין!
— ס'איז אמת —זאָגט די באַלעבאָסטע מיט אַ שמייכל:
נאָר הער מיט קורצע האָר און לאַנגן שכל:
ביסט טאַקע פאַר דיין אַרבעט ווערט אַ לויב.
נאָר ווען מע האָט צו טאָן כסדר בלויז מיט שטויב,
פאַרגנבעט זיך נישט ווילנדיק אַ שטויבל אויך צום פּוצער.
און בימלעכווייז ווערט ער אַליין — אַ שמוצער...

איר אַלע, וועלכע רייניקט ווי די בערשט די גאָרע וועלט —
זעט, טוט אַמאָל אַ רייניק אויף דאָס אייגענע געצעלט.

דער שול־טאָוול און דאָס קריידל

דער שוואַרצער טאָוול פון דער שול
געוואָרן איז אַנומלט
(די שילער האָבן שטאַרק געטומלט)
צעמישט און דול
און מיטן קריידל אָנגעהויבן זיך צו קריגן:
— געטוג געשוויגן!
וואָס קריכסטו, ווייסער חברהניק, אַרום
אַהין, אַהער אויף מיר און גלייך און קרום
און מאַכסט מיך מעליק גאָר איננאַנצן?
אָן עק!
אַוועק
צו אַלדי ווייסע רוחות טאַנצן! —
דאָס קריידל שמייכלט ווייס
און, ווי אַ קלוגער גרייז,
רעדט שטיל עס און געלאַסן
אָן בייזער און אָן שפּאַסן:
— הער, טאָוול, אויס,
וואָס קומט אַרויס
דערפון וואָס רעדסט מיט שוואַרץ אַליין?
דיין שוואַרץ־לשון וועט קיינער נישט פאַרשטיין.
קוים ווילסטו נישט בלויז רעדן צו דעם בוידעם,
דערלויב מיר קודם
פאַרשרייבן דיינע טענות ווייס אויף שוואַרץ,
זיי זאָלן זיך צום מענטש אין אויג דערקלייבן,
און כ'שווער דיר ביי דער ווייסקייט פון מיין האַרץ —
ווי יענע וועלן פּסקענען, אַזוי וועט עס פאַרבלייבן...

קוים קאָנסטו אָן דעם חברס הילף זיך נישט באַגיין,
צו וואָס זשע זאָלסטו קענן אים אין גרויסן שטיין?

דער לעשער
און דער בויגן בלאַנק פּאַפּיר

— ווי דו ביסט העסלעך, ברודערקע מכשיר! —
צום לעשער רעדט אַ בויגן בלאַנק פּאַפּיר:
דיין פּנים — שמוציק און באַזעצט מיט פּליאַמעס,
און דיין נשמה — אויך מסתם געגנוג געמיין, —
ווי קומסטו נאָר אין מיינע דלת־אַמות?
באַשיידן־שטיל דער לעשער שעפּטשעט: — ניין.
ווי דו בין איך געוועזן ריין און ציכטיק,
און מיין נשמה איז אויך איצט נאָך ליכטיק.
נאָר איך האָב נישט געקאָנט זיך צוקוקן צום צער
פון דיינע ברידער, ווען זיי זיינען אין געפאַר —
אַ קליעק פון טינט זאָל זייער ווייסקייט איבערפירן,
די אותיות, די קינדער זייערע, פאַרשמירן,
און מיט מסירת־נפש האָב געשווינד
אריינגעזאַפּט אין זיך די פּליאַמעס טינט
פון וויפל שוין פּאַפּירן!
— וואָס־וואָס? — צעבייזערט זיך דער בויגן בלאַנק פּאַפּיר,
ווען עמעץ טוט אים גראָד פון אָרט אַ ריר,
און ס'נעמט אַ פעדער אויף זיין שטח שרייבן:
איך וויל פונדעסטוועגן אָן דיר, דו שמוציקער, פאַרבלייבן. —
נאָר דאָ דערפילט ער, ווי דער פעדערס שפּיץ
מאַכט פּלוצעם זיך אַ וויץ
און טוט מיט טינט אויף אים אַ שפּריץ.

— אוי - ווי איז מיר! און ווי איז מיינע ווייסע יאָרן!
עס גייט מיין גאַנצער גלאַנץ אַצינד פאַרלאָרן, —
פאַרחושכט ווערט דער בויגן בלאַנק פאַפיר.
— שוין - שוין! — טוט שנעל דער לעשער זיך אַ ריר:
כ׳פאַל צו צו דיר
און שוין דעם טינט דעם גאָרן
איך זייג און נאָג פון דיר ארויס,
ווי ברייט דו ביסט און גרויס,
און כ׳קוש דיך, ברודער, אויס.

דו וועסט זיך מיט קיין שוואַרצער אַרבעט נישט פאַרשוואַרצן,
אויב לויטער איז ביי דיר אין האַרצן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די ווייסע פאסטריגע, דער שווארצער פאַרעם און די נייגאשין

— איך גראָב נישט, ווי דער שווארצער פאָדעם פון מאַשין,
קיין ריוועס,
וואָס קיינער ווייסט נישט ווו עס ווערט פאַרפאַלן זיין געביין, —
געשאָרכט האָט די פאַסטריגע און געשטשירעט ווי מיט ציין;
איך בין ביי לייטן גאָר אין גרויסער חשיבות —
מע לאָזט מיך אויפן שטאָף מיט גאַנצע שפאַנען גיין.
ס'איז אויך קיין חידוש נישט — בלויז איך אַליין
דעם שטאָף דעם שוואַרצן מיט מיין ווייס באַחן.
— עך, פלוידער־פאָדעם, שוטה! (נאַ דיר אויך דיין טיטול)
ביסט חשוב, אָבער בלויז אַ גאַסט ביים שטאָף, —
פון רויש אַרויס איר זאָגט די נייטאַשין מיט ביטול:
אינגיכן צו דיין חשיבות קומט אַ סוף —
עס וועט דער שוואַרצער פאָדעם דיך פאַרטרעטן,
נישט זייער העפלעך וועט מען דיך פאַרבעטן:
„גענוג. ביסט איבריק שוין. פאַרנעם זיך. גיי!"
און ער, דיין שוואַרצער ברודער, וועלכער גראָבט די ריוועס,
געניטן וועט שוין תמיד פון דעם בגדם חשיבות,
ווייל ער דער עיקר איז אין דעם גענייי...

היינט ווייסן עס שוין אַלע, אויך דער מינדסטער —
ס'קומט כבוד גראָדע די, וואָס שאַפן אין דער פינצטער.

וואַרשע, 1929 — 1948, שוויעראַדוו־זדרוי

מרת האָדל די נאָדל, דער פֿאָדעם
און דאָס שניידערל רב נאָדל

די שלאַנקע יונגפֿרוי מרת האָדל,
וואָס דינט ביים שניידערל רב נאָדל —
די שפּאָגל־נייע נאָדל
האָט שלאַנק, און שמאָלץ, און לייכט
זיך דורך אַ שטאָף געשלייכט.
זי האָט זיך מיטן שפּיץ אַ וועג אַדורכגעשטאָכן
און אַלץ פֿאָרויס, אין זילבער־גלאַנץ, פֿאָרויס געקראָכן.
איז איינמאָל הערט זי מיט אַן אויערלעכעלע זיך צו:
ווער גיט עס מיר כסדר נישט קיין רו?
אַהאַ! אַ גרויער פֿאָדעם... פֿפֿו!
גייט נאָך מיר טראָט ביי טראָט מיט שאַרכן דולע,
שלעפּט נאָך זיך מיר, ווי נאָך אַן אַלטער בתולה
איר גראָווער צאָפּ,
און טרעט נישט אָפּ.
פֿאַרקראָכן אין מיין אויער גאָר און דולט אַ קאָפּ!
האָט אפֿשר אין מיין בלאַנק זיך, אין מיין שטאָלטנעקייט
פֿאַרקאָכעט?
נאָר מיט אַ שלעפּער ווער וויל האָבן דאָס צו טאָן! —
דער פֿאָדעם אָבער ציט זיך ווייטער, פֿאַרמלאָכהט,
און ס'גייען אים דער נאָדלס שאַרפֿע רייד נישט אָן;
ער שלענגלט זיך און דרינגט אַריין אין שטאָף פֿאַרבאָרגן,
פֿאַרייניקט אים, באַהעפֿט געטריי:
און כאָטש ער זעלבסט אַלס קרבן פֿאַלט דערביי
און ווערט אַלץ מינערער, ער שמייכלט צו אַ זאָרגן.

און אָט איז אויסגענייט דער פאָדעם ביזן סוף,
נאָר נישט באַהעפט פאַרבליבן איז אַ שטיקל שטאָף:
דאָס שניידערל, רב גאָדל, טוט אַ זיפץ פאַרדראָסיק:
— אצינד, מיין פריינט, איז דאָסיק...
עס האָט דיך, מרת האָדל־נאָדל, גאָר און גאַנץ
פאַרבלענדט דיין גיין פאָרויס אין זילבערדיקן גלאַנץ
און האָסט זיך איינגעשמועסט — ביסט די שלימותדיקסטע כלי; —

איז נו, איז מילא.
גראָב ווייטער מיט דער נאָז אין שטאָף,
און וועסט אַליין דערגראָבן זיך לסוף,
אז אָן דעם פאָדעם ברענגט נישט דיין מלאכה
קיין מזל־ברכה.

נישט איינער האַלט זיך גרויס,
ווי אונדזער מרת האָדל, בלויז
צוליב זיין גיין אין פאַלשן גלאַנץ אין איינגענעם פאָרויס,
כאָטש די וואָס גייען הינטן זיינען וויכטיקער דורכויס.

דער מיקראָסקאָפּ און די שויבן

— וואָס שטייט איר, גלאָצערס, אין די פענצטער דאָ־ם כסדר? —
פון פראָסטע שויבן לצעוועט אַ מיקראָסקאָפּ:
וואָס איר באַווייזט — דאָס זעט דאָך יעדער,
וואָס אויגן שטעקן נאָר ביי אים אין קאָפּ.
— און דו? — אים פרעגן שטיל די שויבן:
מיט וואָס ה אָ ס ט ו זיך עס אַזוי צו לויבן?
און האָסטו נ י ש ט, איז גלייכער שוויינ.
— איך בין, — זאָגט שטאָלץ דער מיקראָסקאָפּ: אַן אויסטערליש געצייג
אין הענט פון אויסדערוויילטע און מושלמים,
פון הויכגעלערנטע חכמים,
ווייל א י ך
מאַך קלאָר גענוי אויף אַלע פלאַכן
אַ יעדעס פינטעלע און שטריך
פון זאַכן.
פון אַלע פּלאָאימדיקע סודות אין דער וועלט
בין איך דאָך דער אַנטפּלעקער!
בין איך דאָך עס דער וועקער,
וואָס וועקט דעם מענטשנס גייסט: „ארויס פון דיין געצעלט —
דיין אויג איז מער מיט נעפּל נישט פאַרשטעלט!“.

— עס וואָלט נענוג געווען שוין זיך אליין צו לויבן,
הנם ביסט ווערט א לויב —
דו ביסט א ווונדער פון א שויב! —
אים ענטפערן עניוותדיק די שויבן:
און מיר? מיר טוען אויכעט עפעס־וואָס —
מיר לאָזן נישט אריינגיין דורך די פענצטער - לעכער
(קאָנסט פרעגן גלייך ביי אונדזער באלעבאָס)
קיין רעגן, ווינט און קעלט אין די געמעכער;
מיר לאָזן אָבער דורך די זון צום מענטשן אין דער שטוב,
ער זאָל נישט פינצטערן א לעבן אין א גרוב.
און ס׳איז נישטאָ ביי אונדז קיין שום נשיאת - פּנים,
מיר דינען אלע גלייך:
סיי אָרעם און סיי רייך,
סיי קלוגע, סיי נ א ר אָ נ י ם.

עס טרעפט, אז אויך געבילדעטע זיך לויבן זייער שיין
און מאַכן זיך דעם צוויטנס מעלות נישט פארשטיין,
הגם אָן יענעמס קאָן זיך קיינער נישט באגיין.

ווארשע, 1938 — לאָדזש, 1949

די ווייסע מעל און די שווארצע קוילן

פרימאָרגנדיקע לייַדיקייט און שטילקייט אין דער שטאָט.
ס'באַגעגנען זיך צוויי שווערע וואָגנס ראָד בייַ ראָד.
מיט זעקלעך מעל, געטורעמט זאַק אויף זעקל — איינער,
דער צווייטער — פול מיט גלאַנצנדיקע קוילן־שטיינער.
— גוטמאָרגן, קוילן! — טוט אַ שאָרך די מעל צופרידן־ברייט
און שפּריצט ארוים דורך זעק מיט ווייסער פרייד.
— גוטמאָרגן, מעל? — מיט קרעכץ די קוילן פרעגן:
נישט אַנדערש, ס'גייט דיר גאָרנישט אָפּ אויף דיינע וועגן.
— און איר זענט, קוילן, עפּעס צופיל גלאַנציק־שוואַרץ,
ווי ס'וואָלט געווען אַ נעסט פון טרויער אייער האַרץ —
וו'הין לאָזט איר זיך דען פירן מיטן מאָרגן?
— מיט וואַרעמקייט די מענטשן צו פאַרזאָרגן.
— איז וואָס זשע זאָרגט איר, קוילן? אדרבא, גיט באַשייד.
נעמט מיר — כ'פאַר ווערן שפּייַז פאַר מענטשן,
זיי וועלן פאַר דער זעט מיך בענטשן —
איז דאָס טאַקע דער מקור פון מיין פרייד.
עס וועלן די געבעקסן מיינע גלאַנצן, פּעכלען
אַנטקעגן קינדערס אויפגעשיינטע שמייכלען.
ווי מילד פרימאָרגנס איז דער שמייכל פון אַ קינד!
נישט אַנדערש, שוואַרצע קוילן — איר זענט בלינד.
— פאַרקערט! — צעקרישלען זיך מיט קרעכץ די קוילן:
מיר זעען... פייכטע קעלערן, ווו שטרוי־זעק פוילן
און פרעגט, פאַר וועלכע זינד?
דער פריפּעטשיק איז חושך, און די קינדער פרירן,
און ס'קאָנען נישט די פירערס אונדז אַהינצו פירן!
נישט אַנדערש, ווייסע מעל, אַז דו ביסט בלינד! —
די מעל און קוילן זיך צעפאָרן יעדער אין זיין דעה.

דער נמשל, זאָגט, באַטראַכט פון ביידע זייטן אַ מטבע.

די פינפטע ראָד

פאַרקראָכן איינמאָל אין אַ טיפן זאַמד,
די אויטאָ-רעדער דרייען זיך און זיפצן דורכאַנאַנד:
— כסדר לויערן אויף אונדז געפאַרן,
ווי שווער עס איז אין זאַמדן זיך צו שאַרן,
און ס'זאָל עס ווער אַ פלייצע אונטערשפאַרן!
און זי —
די יחסנטע, „די פינפטע ראָד פון וואָגן“,
זי זעט, מיר דרייען, שאַרן זיך דערשלאָגן,
ס'קומט אָן אונדז מיט דער שווערסטער מי
אַ יעדער ציִ,
און זי —
זי ליגט זיך רואיק, בהרחבה,
זי זאָל זיך טאָן צומאָל אַ ריר!
אונדז העלפן ליגט אַפילו נישט אין איר מחשבה.
אויף אונדזער פיין זי מאַכט זיך אַ שפּאַציר.
איז אָנגעקומען דאָ אויף אַלעם גרייטן
און רייט זיך אויפן צווייטן.
— ס'איז אמת, — זאָגט דער שאָפער: אייך איז נעבעך שלעכט!
און הילף צו פאָדערן איר האָט די פולע רעכט,
נאָר קענגן איר, דער ראָד דער פינפטער, זייט איר נישט גערעכט
(איך מוז עס, טייערע, אייך אָפן זאָגן) —
ציִ האָט פאַר איר דען אויך אַן אַקס דער וואָגן?

וואָס קאָן
זי טאָן?
אייך העלפן קרעכצן, שרייען?
זאָל עמעץ נאָר פון אייך
זיין אַקם באַפרייען,
און זי וועט גלייך,
נישט לאָזנדיק זיך בעטן,
די ערשטע בעסטע אייערע פאַרטרעטן.
— וואָס, וואָס? — צעשרייען זיך די רעדער אלע פיר:
מיר זיינען זיך ביז היינט באַגאַן אָן איר.
זי זאָל זיך נישט דערוועגן טאָן קיין ריר
צו קומען אונדז פאַרטרעטן —
מיר וועלן איר דעם קאָפּ צעפּלעטן!

כ'קאָן כלל-טוער, וואָס חלשן: אַ ביסל רו!
און זידלען יענע, וועלכע העלפן זיי נישט צו.
איר וועט זיך אָבער נישט ביי זיי דערבעטן
צו לאָזן פון אַ צווייטן זיך פאַרטרעטן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער ביבל־שפּראָץ און די טיטשקע

זיך אויסגערוט אין ווייכן, שוואַרצן גריבל,
צעשפּאָלטן פונעם אָנגעווירטן זאַפט
און פול מיט פרישער, יונגער קראַפט —
האָט אויסגעטשוכעט זיך פון שלאָף דאָס זריעה - ביבל.
אַצינדער לאָזט זיך עס אַרויס אין גאַנג
מיט אַ צעגרינטן קינדערישן שפּראָצל.
עס ווערט באַגעגנט מיט אַ חדוותדיק געזאַנג
און שטראַלנדיקן „סקאָצל!"
פון לופט, און שיין, און זון.
איז אונדזער ביבל, ווי אַ נאַריש יינגל,
געוואָרן גאַוותדיק דערפון
און האָט אַרויסגעשטעקט דאָס שפּראָצל - צינגל
דער גאָרער וועלט;
עס האָט אַריינגעיאָגט אין צינגל אַלע קרעפטן,
די גאָרע שפּילנדיקע זעפטן
און — אויסגעצערט שוין — זיך געפּעלט.
דאָס צינגל - שפּראָצל האָט געדאַכט נישט לאַנג — אָן שהיות
אַ ריס געטאָן זיך מיט אַ שטיפערישן לויף,
ווי אַ ספּיראַל, אַרויף!
נאָר פּלוצעם — אַך, ווי מיאוס! —
אַ טיטשקע שטעקט דורך דעם ספּיראַל אין דרערד.
דאָס שפּראָצל וויקלט בייז זיך, ווי אַ שלענגל:
„באַשערט
מיין שטענגל
אין וועג אַ צוים,
וואָס זאָל מיך שטערן
זיך אויסצוּוויקלען לויט די אייגענע באַגערן;

נו, גוט. איך וועל דערווייל פאַרוואַנדלען אין אַ בוים
דעם חרפּה - זייל, דעם שטעקן —
איך וועל פּאַמעלעך אים פאַרדעקן
מיט בלעטלעך און מיט בליעכץ-שוים;
מיין ווילן אָבער איז — אַריינצושלענגלען זיך אין רוים,
אַריינצוּוואַקסן אינעם הימל און פאַרכאַפּן שטערן —
די וועלט זאָל מיר געהערן!
נישקשה, כ'וועל דעם שטעקן איבערקומען, און אויפסניי
אַ ריס טאָן זיך צום הימל פויגל-פריי!..."
דער שפּראָץ האָט אָנגעשטרענגט געקלעטערט אָן און אויפהער,
איעדן טאָג אַלץ העכער וויקלט זיך אַרויף ער,
און מערער אַלץ די טיטשקע זיך מיט גרינס פאַרדעקט,
ביז ס'קומט אַן אויגנבליק — די טיטשקע איז געעקט!
דאָס גרינס האָט זי פאַרשלונגען אָן אַ זכר.
דער שפּראָץ, קוים אָנגעווירן די אחיזה אינדערהויך,
באַמיט זיך שוין אומזיסט צו שטייגן העכער,
צו קרייזלען אינדערלופטן, ווי אַ רויך —
עס פאַלט זיין קעפּל צו דער נידער,
און ער דערהערט
אַ שטילע שטים פון צווישן זיינע גרינע גלידער:
— אָן מיר, דעם שטעקן גרונטגעפעסטיקט אין דער ערד,
וואָלסטו ביז איצט נאָך אויף דער ערד
אין שטויב געלעגן;
אָן מיר וועסטו זיך זיכער צו די שטערן נישט דערקריגן. —
דער ביבל-שפּראָץ האָט זיך באַדענקט און שטילגעשוויגן.

עס ציט דיך צו די הימלען, יונגערמאַן? גאַנץ שיין.
נאָר אָן אַ פראָסטן שטעקן לאָז זיך גאָרנישט גיין.

שוויעראַדוווו - זדרוי, 1948 — 1929.

דער סאָלאָווײ און דאָס פּאַסטעכל

עס גוססט דער טאָג מיט די קלאַנגען.
די זון האָט געזעצט זיך, פאַרגאַנגען.
שאַ־שטיל איז אין רוים פון דער וועלט.
נאָר אײנער, אַ פויגל אַ יונגער,
דער קעניג אַלײן פון די זינגער,
שטײט אַלץ אויף אַ צווײַגל און טרעלט.
אויף ווײטן פון לאָנקעס און פעלדער,
אויף דרימל פון טײכן און וועלדער
פאַלט נאָלדיק און העל
אַ טרעל נאָך אַ טרעל;
ווערט אײנער פאַרקלונגען,
אַ צווײטער פאַרשלונגען —
אַ דריטער קומט שנעל;
און טרעלן, צוזאַמענגעגאָסן, פאַרגײען
אין ערגעצן, טונקלע, ווי זעלישע ווײען;
אָן עכאָ, פול בענקשאַפטן, רופט,
מיט ציטער גײט אויס אין דער לופט...
דאָס פּאַסטעכל איז נאָך זײַן טשערדע געגאַנגען
און פון דער מעלאָדיע געוואָרן געפאַנגען.
פאַרכישופט, צינדט אָן זיך אין אים אַ באַגער,
צו זינגען דיזעלבע מעלאָדיע, וואָס ע ר.
ער שנײַדט פון אַ ווערבע אַ צווײַגל און מײַסטערט;
ער נעצט עס און קײַט, מאַכט עס ווײך, און באַגײַסטערט
ער פורעמט דאָס פײַפקל, און לעכלעך שנײַדט אויס;
דאָס האָלץ פון דער שאָלעכץ נעהיט ציט אַרויס;
און ווידער געמיט זיך מיט שטיל און מיט קלינגל —

פֿאַרשטאָפּט שוין דער דנאָ, און עס שטעקט שוין אַ צינגל.
שוין פֿאַרטיק דאָס פֿייפֿל! ער שטעקט עס אין מויל,
ער זינגט נאָכן פֿויגל, זיי זינגען אינצווייען... — — —
דיזעלבע געפֿילן פֿון בענקשאַפֿט און ווייען — — — —
אָהאָ! די מעלאָדיע ווי פֿיין און ווי וווּיל!
ווי לויטער די טרעלן, ווי איידל די טענער!
— איך שפּיל, ווי דו זעלבסט, סאָלאָווייִ! —
דאָס פּאַסטעכל טוט אַ געשריי:
נאָך שענער! —
דער פֿויגל בלייבט שטיל, און זײַן קעל איז פֿאַרמאַכט.
דאָס פּאַסטעכל שמייכלט. דאָס פּאַסטעכל לאַכט.
נאָר נעמט ער זיך ווידער אַליין שוין צו שפּילן —
פֿאַרשטאָפּט איז דאָס פֿייפֿל פֿאַר צאַרטע געפֿילן,
זיי ווערן דערשטיקט אין זײַן קעל.
— צום טייוול גיי שנעל! —
אַ וואָרף טוט דאָס פּאַסטעכל ס'פֿייפֿל דערצערנט.

מײַן משל וואָס לערנט?
ווען ס'לאָזט זיך נישט פֿירן פֿון חכם דער נאַר,
פֿאַרשאַפֿט ער סיי זיך און סיי אַנדערע צער.

די שטיינער און דער הונט

עס האָבן אויף אַ פעלד צוויי גרויע שטיינער
אויף זייער שטום־לשון זיך שטיל צערעדט
(אַ לשון, וואָס עס הערט נישט קיינער,
חוץ זעלטן אַ באַגייסטערטער פּאָעט):
— אָט ליגן מיר אַזוי זיך שטום, — זאָגט איינער:
און קיינער דאַכט גאָר נישט — דאָ ליגן שטיינער,
וואָס זיינען פול אַליין מיט רויער קראַפט,
און קאָנען צוקוקן זיך בלויז ווי עמעץ אַנדערש שאַפט,
ווייל ס׳האָט זיי די נאַטור פאַרשטיינערט און פאַרזינלט...
— ווי גרוים און גרוי ס׳איז, ברודער מיין, —
שרייט אויס דער שטיין דער צווייטער: אונדזער שטומע פּיין
צו ליגן אָנגעשפּאַנט, פול ווילן און — אַרומגעיגולט:
„איר קאָנט בלויז ז יי ן,
און מער — קיין ריר פונדאַנען!"
דו ליגסט, אַ שטומער, גרויער שטיין,
פאַרשמידט דורכוים אין זיך אַליין,
אַקעגן אַלץ, וואָס שאַפט צעווישן יאָ און ניין,
און דו ביסט — בלויז פּ אַ ר אַ נ ע ן...
— ווען וועלן מיר דערלעבן שוין די שעה, —
נעמט ווידער ריידן
דער שטיין דער ערשטער אומעטיק און גראָ:
די גרויסע שעה פון שאַפן און פון פריידן!
עס זאָל אַ שווינג טאָן איבער אונדז דער האמער שווער
און אויפטרייסלען דער וועלטס געהער,

אַרויסשלאָגן פון אונדז אַ זריעה - וואָרף פון פונקען
פון נאָר דער קראַפט, וואָס ברויזט אין אונדז פאַרזונקען,
און ווארפן אין שוואַרצאַפּל פון דער וועלט... — —
נאָר דאָ האָט גראָד זיך אָנגעיאָגט אַ הונט און זיך געשטעלט,
פאַרהייבנדיק אַ הינטערשט פיסל, איבער איינעם...
און ס'האָט דאָס שטומע לשון אָפּגענומען ביי די שכנים.

אויך איך, דער משל-דיכטער, בין אין פעלד געווען,
געהערט די שטיינער ריידן און דעם הונט געזען,
און פאַר די ליידנדיקע שטיינער טיף געליטן:
איך קאָן אַזעלכע „שטיינער" צווישן מענטשן אויך,
וואָס זיינען פול מיט שאַפונגס-ווילן און מיט כח,
באַליידיקטע פון הינטישע פאַרגרעבטע זיטן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1949

דער הויקער און דער אויער

אן אויער האָט פאַרנומען שטיל געוויין פון הינטער זיך.
האָט ער זיך אָנגעשפּיצט , דער אויער, אויף דער גיך:
„ווער וויינט?“... דער הויקער אויף דער פּלייצע וויינט עס,
אַזוי ביטער.
— וואָס וויינסטו, הויקער ליבער? — פרעגט ער מיט אַ
ציטער:
דער גוטער יאָר דיר ווייסט פון וואָס דו ליידסט!
בחשיבות און הרחבה אויף דער פּלייצע רייטסט;
עס פאָדערט קיינער נישט פון דיר קיין שטאָך מלאכה,
און ס׳קומט דיר אָן פון אַלע גלידער ס׳מזל־ברכה...
— דערפאַר טאַקע איך וויי... צוליב מיין פוסט און פּאַסט.
דאָס גאַנצע לעבן פאַל איך אַנדערע צו לאַסט.
איך וויין... ווייל ווי אַ פּיאַווקע כ׳נאָג דאָס בלוט פון
ברידער, —
האָט ווייטער שטיל געוויינט דער הויקער אין דער נידער.
דער אויער פרעגט קיין וואָרט נישט מער.

איך האָב באַגעגנט מענטשן, אויך אַזעלכע פּאַראַזיטן;
וואָס האָבן, ווי דער הויקער אונדזערער, געליטן
און שטילערהייט געלאָזט אַ טרער.

דער סאָלאָוויי און דער האָן

ווען ס'האָט דאָס עופעלע, דער סאָלאָוויי,
אַרויסגעפּיקט זיין קעפּעלע פון איי —
פון קליינעם, קיילעכיקן, ווייסן טורעם,
נעגרייט האָט זיך אין גרויסן וואַלד אַ שטורעם.
צום באָדן האָבן צוגעטוליעט זיך די גראָזן: — ש-ש-אַ!
מיר וועלן אומקומען נאָך איידער ס'קומט דער רעגן! —
און קראָען - רייען, גלייך ווי שוואַרצע זעגן,
דעם גרויען רוים צעזעגן מיט אַ „קראַ!“:
— מאַכט וואַרעם! קראַ! מאַכט וואַרעם!
פון אַלע זייטן ציען שוואַרצע כמאַרעס. —
עס דונערט און עס בליצט, און ס'רעגנט שוואַרץ,
און ס'צאַפּלט אין דעם סאָלאָווייעלע דאָס האַרץ.
עס וואָיען ווינטן און פאַרוואַרפן נאַסע שטריק אויף צווייגן,
אויף זיי — געהאָנגענע אין אַ פאַרגליווערט שווייגן.
דאָס טויט-דערשראָקן עופעלע, דער סאָלאָוויי,
האָט צריק פאַרשטעקט דאָס קעפּעלע אין איי
און, צאַפּלענדיק אינגאַנצן שוין, געגומען וואַרטן,
דער בייזער שטורעם זאָל אַריבער מיט זיין נאָרער שרעק.
ביז ס'האָט די זון אים מיט אַ שטראַל אַ צאַרטן
אַ גלעט געטאָן: דער שטורעם איז אַוועק!
דער וועג איז פריי פאַר דעם פאַרשפּאַרטן. —
נאָר ווינד איז אים און וויי! —
ס'איז אונדזער סאָלאָוויי
פון יענער איבערלעבעניש פאַרבליבן אַ נישט-דרייסטער,
אַ צווייפלער, אַ נישט-גלויביקער אין זיך אַליין:
ווייל... וואָס מישטיינסגעזאָגט פאַרשטייט ער? און וואָס ווייסט ער?

און זיין געזאַנג — צי איז עס נישט געמיין?
ער זינגט, נאָר אויפן הערצל איז אים נעבעך בימער;
מיט ציטער
איז דורכגענומען זיין אַ יעדער קלאַנג;
אַ שאָרכען פון זיך שרעקנדיקע בלעטער — זיין געזאַנג.
עס דאכט זיך אים: זיין זינגען ווערט פון קיינעם נישט
באַוואונדערט,
ער האלט דערפאר זיך פון חברים תמיד אָפּגעזונדערט
און שפרינגט אַן אומעטיקער אום פון צווייג אויף צווייג,
און זינגט צו זיך אליין: דו קאָנסט נישט זינגען — שווייג!
אַ צווייט מאָל — מיט אַ קול פון תחינות
ביי יעדן איינעם בעטלט ער מבינות:
— ווי מיינסטו, פריינט, קלינגט העל
מיין טרעל?
און מיין מעלאָדיע — ווארעמט, צי לאָזט קאלט זי?
צי גלעט זי דאָס געהער, צי שפּאַלט זי?
צי פילט זיך נישט אין איר אליין קיין שפּאַלט, קיין ריס?
צעגייט זי אין די אברים זיך זויער, אָדער זיס? — —
און אָט אזוי כסדר, ווייטער
די פראַגעס קייט ער,
פארמאַטערט אלעמען און זיך אליין נאָך מער.
ביז איינמאָל פרעגט ער ביי דעם האָן. — זינג אויף. איך
הער! —
בלאָזט אָן זיך גאַווהדיק דער האָן, און ס'פּלאַמט זיין
קאָפּ — אַ שייטער,
און מעשה ,, מבין הערט ער אוים דעם סאָלאָוויי.
ער טוט שוין זיין חזניש גערגעלע אַ דריי,
עס הייסט — ער איז זיך מכין ,,די קריטיק צו מאַכן".
ווי פּלוצעם הייבט אַ פוקס דאלעבן אָן צו לאַכן.

און לאַכט, און לאַכט אַלץ העכער, אַלץ אַרויף.
— אוי-ווײ! — צעקרעכצט זיך אונדזער סאָלאָוויי: הער אויף!
איך וועל שוין מער נישט זינגען... —
און ס'הייבט דער סאָלאָוויי די טרערן אָן צו שלינגען.
— מיין ליבער סאָלאָוויי! —
באַרואיקט אים דער פוקס: פאַרשטיי,
אַז נישט פון דיין געזאַנג איך מאַך עס דאָס געלעכטער.
דו ביסט אַ זינגער דווקא גאָר אַן עכטער:
עס איז געזאַנג אַפילו דיין געוויין.
איך לאַך... פון דיר אליין,
וואָס פילסט זיך אַזוי נישטיק-קליין,
און — פון דעם האָן, ווייל, כ'בעט דיך זייער,
ווי לאַכט מען דאָס נישט בלויז ביי דעם געראַנק,
אַז וועגן סאָלאָווייאישן געזאַנג
וויל משפטן אַ שרייענדיקער קרייער! —
דער סאָלאָוויי האָט טיף זיך, טיף פאַרטראַכט,
דערפילט אין זיך זיין שעפערישע מאַכט,
און, ווי דער פוקס, זיך זינגענדיק צעלאַכט —
אַצינד, וועט זיין געזאַנג צו הייכן זיך דערהייבן!
און ס'האָט דער סאָלאָוויי א זינג געטאָן מיט פרייד און קראַפט:
— אַ לויב דעם לעבן! אַ וויוואַט צו אַלץ, וואָס שאַפט!

טאַלענט אַליין איז ווייניק נאָך — מע דאַרף אין אים אויך גלייבן.
נאָר גלייבסטו אָן טאַלענט זיך איין אין זיך: „איך קאָן!"
דאַן ווערסטו אויסגעלאַכט, ווי אונדזער האָן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער סאָלאָוויי און דער פוקס

אַנומלטן האָט זיך פאַרקילט אַ סאָלאָוויי די קעל,
און דאָך נישט אויפגעהערט פאַרגיין זיך טרעל נאָך טרעל.
ס'איז איבעריק געווען צו זיין אַ גרויסער מבין,
אַז אונדזער זינגער פעלט אין קול אַ ביסל הייוון.
אינגיכן, ס'האָט געדויערט גאָרנישט לאַנג,
איז קאַלט געוואָרן גאָר דער וואַלד צו זיין געזאַנג,
ווייל ווער האָט חשק אויסצוהערן תמיד קינות.
דער סאָלאָוויי פאַר קרענקונג ווערט אַזש גרוי:
צי זיין געזאַנג באמת איז שוין שלעכט אַזוי?
און צו דערגיין די זאַך געניי,
באַשליסט ער, לאָזן זיך צום פוקס, צו הערן זיין מבינות.
איי, וואָס? דער פוקס איז נישט קיין פויגל, נישט קיין זינגער? רעכט:
דערפאַר דווקא וועט זיין זיין אורטייל אָביעקטיוו און עכט.
דער פוקס הערט אויס אים ביזן סוף, פאַרטיפט זיך,
און האָניק פון די קלוגע ליפּצן זיינע טריפט זיך:
— ווי פיין! נאָר... המם... אין דער און יענער שטעל
צעשפּאַלט אַ כריפּעלע דעם טרעל.
ס'אַ קלייניקייט. נאָר... המם... עס טוט אַ גרילץ אין אויער
אין דעם און יענעם פאַל אַ נאָטקעלע פון פּרויער.
ס'אַ קרעצל. נאָר בכלל
באַוווּנדער איך — ווי געניאַל!

המם... יאָ, וועסט מודה זיין אַליין — דער סוף איז נישט הארמאָניש.
אַביסל לאַקריצדיק־חזניש,
אַביסל, קאָן מען זאָגן... רייסעריש, גזלניש.
פונדעסטוועגן... ווער גוטס מיר גינט, איך ווינטש אים — זיין געזאַנג,
ווי דיינס, זאָל זים זיין פאַרן אויער...
— געזונט. אַ שיינעם דאנק! —
האָט שאַרף אַ כריפּ געטאָן דער סאָלאָוויי מיט טרויער
און שנעל אַוועקגעפלויגן מיט דער בייזער וואָר;
פאַרהוילן זיך מיט איר אין דעמער פון די צווייגן
און זיך פאַרשלאָסן מיטן גאָלדן שליסעלע פון שווייגן
דאָס שנעבעלע אויף גאַנצע זיבן יאָר.

ווען עמעץ שיט דיר שבחים, דיכטער, מיט דער פולער האַנט,
און מיט דער צווייטער דעקט ער קאַרגלעך אָפּ דיין שאַנד,
ווי אונדזער פוקס דער חכם דער באַוווסטער, —
זאָל אונדזער סאָלאָוויי דיר דינען פאַר אַ מוסטער.

באַשקיריע, 1942 — מאָסקווע, 1946

די בייזע שיינע רייזיע

עס זיצט זיך אויף דער פריזבע שיינע רייזיע,
און יעדן קוקט זי נאָך מיט בליקן בייזע.
ווי נאָר עס גייט אַ יידענע פאַרביי —
גלייך אָפּגעשטעלט, פאַרפירט אַ רעדעריי:
— צו איילן זיך איז, סערדצע, נישט כדאי —
מע לעבט נישט אייביק דאָך, אַ סברא.
די טעג דיין טעכטערל געטראָפן.
נו, קיינעגאָרע,
אי שיין איז זי, אי יונג.
כ'האָב ליב, איר ווייסט דאָך, ריידן אָפן,
אַז וואָס נאָר אויף דער לונג...
צו וואָס זשע, פרעג איך, טויג דער פוץ
פון אויסגעלאָזטע מיידן?
נישטאָ גאָר וואָס צו ריידן —
דערפון ועט נישט אַרויס קיין גוטס. —
אַ צווייטער זאָגט זי אָפּ מיט אַ זיפצל: — אייער ייִנגל —
אָ, שטראָף נישט, גאָט, אים פאַר זיין צינגל!
ער רעדט דאָך אָן אַ שטויב רעספּעקט פאַר לייט,
פאַרשייט.
פאַר אים נאָר איין רפואה — ריטער. —
און ענלעכס רעדט זי אָפּ מיט אַ קרעכצל, צון אַ דריטער.
ביז איינמאָל האַלט שוין מער נישט אויס אַ פרוי
און ענטפערט שיינע רייזיען אָפּ אזוי:

— האָסט, שיינע רייזיע, געמלעך, גוט געטראָפן —
כ'האָב אויכעט ליב די גאָלע וואָר
צו זאָגן אָפן.
איז זאָג איך דיר בקיצור, קלאָר:
ע ק ר ה!

איך קאָן אַ דיכטער אויך אַזאַ מין צרה:
צעגרייזשעט יעדן חברס שאַפונג מיט די ציין,
און ער, דער כלב, ער אַליין —
מ ה י ק ר?
ווי שיינע רייזיע, זאָג איך אייך, אַ האָפּטונגסלאָזער עקר.

מאָסקווע, 1943 — 1946.

דער באַנקיר

איעדער דאַרף פון זיין באַרוף זיך לאָזן פירן:
ער וועט פאַרשפאָרן שרעקן זיך פאַר קיינעמס בליק
און פילן אויך אַמאָל — וואָס הייסט דאָס גליק.
נאָר ווי צו דעם, וואָס וויל אין פרעמדע פעדערן זיך צירן!
איך האָב אַמאָל געהערט אין אַ געזעלשאַפט פון באַנקירן
אַזאַ־אָ מעשהלע דערציילן: אַ געוויסער מאַן
האָט זיך געלאָזט פון אייגענעם באַנער פאַרפירן;
און, נאָכגעגאַן
זיין תאוה שפאַן נאָך שפאַן,
גענומען האָט ער פאַבריצירן
באַנקנאָטן פאַלשע אַלערליי
און זיי
פאַרשווענדעריש געפטרט.
איז ווייל דאָך? ניין: ער פלאַטערט
פאַר דער געהיימער פּאָליציי;
און אויך ציווילע לייט, אויך זיי,
זיך כאַפּן אָפּט — אַ פאַלשע די מטבע!
אחוץ דעם קאָן מען דאָך נישט מי־יודע
שוין וויפל אַסיגנאַציעס אויסברענגען פריוואַט, —
האָט ער אַ באַנק פאַרלייגט מיט נאָר אַ גרויסן שטאַט,
און מיט די כשרע באַנקנאָטן
איז לייכט דאָס אים געראָטן —
פאַרשפרייטן אויך די פאַלשע כשר־גלאַט.
בקיצור — אַ באַנקיר שעבעבאַנקירן!
נאָר אויכעט דאָס האָט אייביק נישט געקאָנט געדירן —

געקומען איז די שטראָף:
עס האָבן מעשה - שטן,
די פֿאַלשע אַסיגנאַציעס גאָר די באַנק פֿאַרשאָטן:
אַ סוף איז צו דער באַנק, און צום באַנקיר אַ סוף.

אַזאַ, נישט איינעם, קאָן איך צווישן רעדאַקטאָרן
(צו זוכן אים איר דאַרפֿט נישט ווייט פֿאַרפֿאָרן),
וואָס וואָלט נישט פֿרייוויליק געגאַן
אין אַ רעדאַקטאָרישן שפּאַן,
ווען נישט געווען וואָלט ער אַ גראַפֿאָמאַן.
צו אים מיין משל טוט זיך מיט אַ שטרענגער וואָרנונג ווענדן:
הער אויף דאָס וואָרט, וואָס הייליק איז, צו פֿעלשן און צו שענדן.

לאָדזש, סעפּט. 1947

פּרצור מיטן שטויבנפּוצער

אין מיטן הויף
שטויבט אוים פּרצורס מאַמעס קישנס מיט אַ שטויבנפּוצער.
לויפט צו, בלייבט שטיין לעם איר איר זונעלע פּרצור
אין מיטן שפּילן זיך, פאַרסאַפּעט פון געלויף.
— אוי, מאַמעניו! פאַר וועלכן קומט די קישנס שלאָגן?
אַ קישן ווייסט דען אויך פון זינד צו זאָגן? —
— נאָך ווייניק האָבן זיי פון מיר געקראָגן.

צעשמייכלט זיך די מאַמע צון איר שטילער טויב:
זיי האָבן זיך מיט שטויב
טאָג־איין, טאָג־אויס כסדר אָנגעשלונגען.
און שטויב, מיין קינד, איז שעדלעך פאַר די לונגען —
זיי ווערן פון אים קראַנק...
—אַהאַ! — אַנטלויפט פּדצור צו דער שפּיל אין מיטן דרינען.
נאָר ער באַהאַלט דער מאַמעס קלוגע רייד אין זינען
צו פאַרגעדענקען זיי אויף לאַנג.
דערזעט אַמאָל פּדצור, ווען עס שיינט די זון פון אויבן:
די קוואָקע אויף די הינדעלעך — דורכאויס אין שטויבן
פאַלט איין פּדצורן אַ ליכטיקער געדאַנק.
פּדצור
כאַפּט באַלד דעם האַרטן שטויבנפוצער
און שלאָגט, און שלאָגט אַרוים מיט אים די שטויבן פון דער הון.
די קוואָקע מיט די הינדעלעך, זיי קוקן מער נישט אָן די זון.

כ׳קאָן קריטיקער אַזעלכע מיני פוצער,
וואָס האַלטן זיך פאַר שילער פון בעלינסקין און...
און שטויבן אויס אַ קונסטווערק, ווי פּדצור.

דאָס קינד און וויגל

בייטאָג. אין שלאָפּצימער איז שטיל און טונקל-בלוי,
האַלב - צוגעלענט פאַר ליכט און רויש — די לאָדן;
די בעטן — הויך פאַרבעט און גאַווהדיק אַזוי,
אַ יעדעס — ווי אַ ברייט-צעלייגטער אדון
אין פוילקייט לעבלעכער און יוסטער ברייט.
— מיר שטייען דאָ, די בעטן, תמיד גרייט, —
צעשאָרכן זיך, צערעדן זיך די בעטן:
אַ יעדן אויסצורוען מיר פאַרבעטן
פון נאָגנדיקער זאָרג און שווערער מי,
פון פאַלשקייט מענטשלעכער געמיינער
די גאַנצע נאַכט ביז העלן אינדערפרי
זיין זעקל אויסגעמאַרכטע ביינער.
און ווען אַ קלעמעניש אים וואַרפט פון לינקס אויף רעכטס,
מיר העלפן מיט אַ סקריפּ אים טאָן אַ קרעכץ...
— פאַרשטייי איך נישט, — רופט אָן אַ בעט זיך,
און יוסט די ווייסע קישן-באָרד עס גלעט זיך:
איז ווי זשע קומט צעווישן אונדז, פאַרוואָס
דאָס קאַרליקל אָט דאָס—
דאָס קעטשל,
וואָס שאָקלט רק דאָס געטשל,
דאָס שטיקל פלייש-און-בלוט... און קוויטש, און קלאָג,
וואָס לעכערט קעפּ ביינאַכט און אויך בייטאָג?! —
ביים וויגל איינגעהויקערט איז זיך שטיל געזעסן
די באָבע, וואָס מיט יאסלעס קייעט שוין דאָס עסן,
און אירע טויבע-אויגן זיינען טריב, פאַרטרערט.
און כאָטש אַ טויבלעכע, האָט זי, די זקנה די חכמה

מיט ציטריקער נשמה
די רייד דערהערט
און שלאָגט זיי איבער מיט אַ קלוגן שמייכל:
— דאָס ווינגל איז אַ היכל...
אין בעט רוט אויס אַ מענטש זיך — נו, איז וואָס?
עס איז באַוווסט שוין, ו ו ע ר ער איז און ו ו אָ ס...
אין ווינגל רוט אַ נפשל, וואָס ווינט נישט־אַרטיק,
נאָר ס'האָט אַ מעלה: ס'איז נאָך נישט אינגאַנצן פֿאַרטיק;
צי קאָן דען עמעץ טרעפן פֿון פֿאָרויס
ווי ס'וועט אין יאָרן שפּעטער זיין נאָך גרויס
דאָס קינד אין ווינגל,
דאָס מלאכל אָן פֿליגל?
מע קאָן דאָך האָפֿן, אַז עס וועט אַרויס דערפֿון
נישט נאָר אַ מענטש, נאָר ד ע ר מענטש, נו, אַ מענטש אַ זון!...

געדענקט דאָס קלוגע וואָרט דער באָבעס וועגן קינד אין ווינגל:
דעם העכסטן פֿלי איז צו דערוואַרטן פֿון די יינגסטע פֿלינגל.

מידות

דער שטראַל און די זון

מײַן שלמה נחמנדלען
צום אַלט װערן אַ יאָר

דער זונס אַ ייִנגעלע — אַ העלער שטראַל
פֿאַרבלאָנדזשעט דורך אַ שפּאַלט אין ברעטער,
און צו זײַן גרױסער שרעק דערזעט ער:
ער איז פֿאַרקראָכן אין אַ שטאַל
פֿון שמוציקע חזירים!
ער מאַטערט זיך, ער װיל אַרױס
צו ברידערלעך, חברים,
זײַן װינד און װײ איז גרױס,
נאָר ס׳קומט אָן די באַפֿרײַונג שװער אים.
ביז ערשט פֿאַרנאַכט,צו גײט זיך עס אים אײַן —
ער רײַסט אַרױס זיך אױף דער פֿרײַ און שײַן,
װו ס׳װאַרט אױף אים מיט אומגעדולד די זון, די מוטער.
ער טוט צו איר אַ פֿאַל, און שױן אױף אירע קניִען רוט ער.
די אײַנגלעך זײַנע װערן פֿול געװײן,
װי ער אַלײן
איז מלא חן:
— אױ, מאַמעניו, דײַן ייִנגעלע איז קלײן,
און, װי אַ גרױסער, שױן נישט רײן!
עס האָבן אײַנגעריכט אים די חזירים.
און ס׳װעלן פֿון אים שפּעטן די חברים...
— לאָז, קינדעלע, צו רו,
פֿאַרגנען ייִנגעלעך אַזעלכע, —
די מאַמע צערטלט אים: װי דו,

צו וועלכע
עם קלעפּט קיין שמוץ זיך נאָרנישט צו.

פאַראַן אויך מענטשן לויטערע, ווי שטראַלן,
וואָס וויפל שטויב עס זאָל אויף זיי נישט פאַלן,
זיי בלייבן ריין אין גייסט, ווי אידעאַלן.

לאָדזש דעם 11־טן נאָוועמבער 1948

דאָס פייער־פלאַטערל

— היט זיך, פלאַטערל, פאַר פייער:
פייער ברית!
היט זיך. ס׳לעבן איז דאָך טייער:
ס׳לעבן פליט!

וואָס איז לעבן אָן דעם פייער?
גרוי נעמיט.
ס׳לעבן דעמלסט נאָר איז טייער,
ווען עס גליט...

איז דער שטיפערלינג אייך טייער
און אים ציט
פרייד צעצונדענע ווי פייער —
שטערט אים ניט.



דאָס עלעקטרישע לעמפּל
און דאָס ליכט

פון אונטער דעם באַבלימטן, מילך־קאָלירטן מיצל
ס׳עלעקטריש לעמפּל טוט פון וואַנט אַ בליצל
בגנבה מיט אַ ווונק,
און מיטן אָנגעגליטן דראָטלדיקן צינגל
עס ווענדט זיך צון אַ בטל־גייענדיקן יינגל:
הער אויס מיך, בראַווער יונג!
איך בין פאַרמשפּט אויף מיין גאַנצן לעבן
אָפּצו... ליכטיקן אָט דאָ אין לאַנד —
דעם קליינעם שטח פון דער וואַנט,
און איך — אַ וו ע ל ט באַלייכטן איז מיין שטרעבן!
מיר דאַכט זיך, חברה־מאַן, ביסט קליין, נאָר נישט קיין נאַר,
און גערן וואָלסטו אָפּגעטאָן אַ שפּיצל.
אָט נעם און שרויף אַרויס מיך פון מיין מיצל
און לייז מיך אויס פון תפיסה און פון צער.
דו זעסט... איך בין אַ זילבערנע, גאָלדהערצלדיקע באַר,
און דיר וועל איך געהערן.
עס וועט מיין העלע שיין
אַ וועגווייזער דיר זיין. —
דאָס יינגל פאָלגט דעם לעמפּל גערן.
נאָר — ווי און ווינד! —
אַרויסגעשרויפט, דאָס לעמפּל ברענט דאָך נישט אינגאַנצן.
מע ברענגט אַריין אַ ליכט, און שאָטנס זיך צעטאַנצן.
— פאַר וועלכן? — גלאָצט דאָס לעמפּל: נו, פאַר וועלכע
זינד? —

דאָס ליכט באַטראַכט דאָס ייִנגל,
דאָס לעמפּל אין זיין האַנט,
עס שטעקט אַריין דאָס צינגל
אין לעמפּלס מיצל אויף דער וואַנט
און ענטפערט נאָך דער בדיקה:
— הער, לעמפּל, אויס אַן אַלטן מאַנס אַ וואָרט —
מע טאָר קיין שפּאַס נישט טרייבן מיטן אָרט,
פון וועלעכן מע ציט יניקה...

ווארשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער שטיפער און זיין שאָטן

נעפרעגט האָט דער שטיפער זיין שאָטן מיט שטאָך:
— וואָס גייסטו, קליין מענטשל, אָן כוח, מיר נאָך
פוסטריט און אזעלעכע גריילעכע היצן?
צי דארף איך, דו זאָלסט מיך פאר עמעצן שיצן?

איך וועל קעגן אַלע מניעות אַליין,
אָן עמעצנס שטיצע, מיין שטעטל באַשטיין.
אויב דו ביסט אַ גרויסער, בין איך דאָך אַ גרעסטער,
איז בין איך פון דיר דאָך אודאי אויך פעטער. —
צעשמייכלט, דער שטיפער בלייבט שטיין אומדערוואַרט:
— נו, שאָטן! באַוועג זיך! וואָס שטייסטו? איך וואַרט!... —
דער שאָטן, געפּלעפט, שטייט אַ שטומער, פאַרשטאַרטער,
דער שטיפער — אומזיסט אויף אַ וואָרט פון אים וואַרט ער.
עס טוט זיך דער שטיפער אַ וואָרף צו דער ערד —
און ס'ליגט אונטער אים שוין דער שאָטן פאַרצערט.
צעלאַכט זיך דער שטיפער — דער שפּאַס איז געראָטן.
פון היינט אָן און ווייטער וועט שווייגן דער שאָטן.

באַלויכטן פון רום, זעט דער מענטש: ער איז גרויס.
דער חכם פאַרשטייט: „ס'איז זיין שאָטן - בילד בלויז!“
און לאַכט, ווי דער שטיפער, פון שאָטן זיך אויס.

אַ יינגל מיט אַ שטעקל

שפּילט אַ יינגל מיט אַ שטעקל,
ווי אַ קעצל מיטן עקל.
און דאָס יינגל רעדט אַזוי:
— כ'האָב דיך, שטעקל, ליב! אוי־אוי!
כ'קאָן אָן דיר נישט לעבן, טראַכטן!
אָן אַ שטעקל וואָלט איך שמאַכטן. —
און דאָס שטעקל דרייט זיך, דרייט,
פול התפּעלות, פול מיט פרייד:
חי־געלעבט איז נאָר אין צווייען!
אָט אַזוי... זיך דרייען, דרייען!
נאָר אָט קומט מען צו דער טיר.
ס'יינגל גייט אין שטוב דורך איר.
און דאָס שטעקל? גאָר אָן חקירות
לאָזט ער איבער ביי דער טיר עס:
— האָסט דערעסן שוין מיין האַנט.
שלאָג זיך, שטעקל, קאָפּ אין וואַנט! —
וואָס בלייבט איבער טאָן דעם שטעקל?
פון דער וואַנט ווינקט צו אַ פלעקל...
קריכט עס גלייך צו דעם אַרויף
און פאַר צרות הענגט זיך אויף.

ס'טוט אין אייך אַ מיטלייד וועקן?
ס'איז דאָס שטעקל ווערט דעם שטעקן:
נישט לויט שיינע ווערטער בלויז
קלייב זיך, נאַר, אַ חבר אויס;
אַ גוטהאַרציקער און בראַווער
וועט פאַרלאָזן דען זיין חבר?!

דער שניי־מענטש,
די קינדער און די לבנה

פאַרלאָזנדיק פאַרנאַכט, דער לעצטער שוין, דעם קלאַס,
אַרויס איז דער דעזשורנער לוסטיק אויף דער גאַס,

און ס'גלוסט זיך אים אַ טרייב צו טאָן אַ שפּאַס.
דערזעענדיק אין שול־געסל דעם מענטש פון שניי,
דערפרייט ער זיך און טוט זיך אויף אַ פוס אַ דריי
און אין געזעם אים פלינק אַ „הינטערקלעצל" מאַכט:
— דאָס האָט דיין כלהניו געשיקט דיר אַ מתנה! —
און לאָזט זיך גיין אַהיים צופרידן און צעלאַכט.
אין אָוונט טרעפט אַזוי דעם שניי־מענטש די לבנה:
ליגט נאַזנדיק און אויסגעצויגן,
דאָס פנים— אויסגעקרומט און מיאוס,
צעפּאָרן —ביידע קוילן־אויגן,
צעשפּריים, צעוואָרפן — הענט און פיס.
דער שניי־מענטש טענהט אין דער שטילקייט צו דער שולעס וועגט:
— ווי ס'האָט געפּייניקט מיך דיין קליינוואַרג מיט די הייסע הענט!
געקנעטן מיך, געבראָטן און געברענט.
מיט גליענדיקע אויגן - קוילן מיך געבריט,
אַז גאָט מיין ערגסטן פיינט, די זון, דערפון באַהיט!
און ווען, שוין פאַרטיק סוף־כל־סוף,
איך שטיי אַ מענטש צו לייטן גלייך, —
ווערט אָנגעשיקט אויף מיר אַ נייע שטראָף,
און עס צערינט מיין האָפנונג, ווי אַ טייך:
אַ שנעק פון שול מיך טוט אַ שטויס,
און כ'ווער אוים מענטש, איך בין שוין אוים!
— דו רעדסט, במחילה, ווי אַ גולם —
פאַרשטאָפּט מיט שטראַלן די לבנה ס'מויל אים:
ווי ס'לעבן דיינס, האָט אויך דיין טויט דערגרייכט דעם ציל—
פאַרווילט דאָס קליינוואַרג מיט דער שפּיל
פון שאַפן און צעשטערן;

איז וואָס זשע פאַר אַ טענות האָסטו איצט צו זיי?
וואָס ביסט געווען, דאָס ביסטו אויך פאַרבליבן — שניי.

וואָס לאָזט דער משל אונדז, דעם מענטש פון בלוט און פלייש, צו הערן?

דעם ענגאָיסט דעם שוטה גיט ער עפּעס צו פאַרשטיין:

דער שוטה קלאָגט זיך אויף דעם לעבן און דעם טויט בתמימות,

ווייל, ווי דער שניי־מענטש, מאַכט ער רק פון זיך אַ גאַנצן צימעס

און מיינט, אַז זייער ציל איז ער אַליין.

דער שוואָם, דער שטיין און דער דונער

אַנומלט זומער איז אַ וווּנדער זיך פֿאַרלאָפֿן —
עס האָט זיך אויפֿן ברעג פֿון טייך געטראָפֿן
אַ שוואָם אַ ווייכער מיט אַ האַרטן שטיין.
פֿון היץ איז אַלץ אַרום פֿאַרשמאַכט געשלאָפֿן.
דער שוואָם בלויז האָט געשעפּטשעט שטיל צו זיך אַליין:
— נאָך פֿייכטקייט כאַפּ אַ סימן לעכץ איך!
איך האָב אַ לייב אַ צאַרטס,
און פֿון דער טיפֿעניש פֿון האַרץ
שוין מיט די לעצטע כוחות קרעכץ איך.
כ'בין לופֿטיק, צו דערשפּירן לייכט,
און כ'שפּיר... איך שפּיר, אַז ערגעץ־ווו ווערט פֿייכט.
— וואָס קוקסטו אויס מיט דיינע טויזנט אויגן דעם גן־עדן! —
האָט פּלוצעם אָנגעהויבן אויך דער שטיין פֿון היץ צו ריידן:
וואָס פֿאַר אַ שוטה, שוואָם, דו ביסטו!
ווי עפּעס וואָלט געווען גאָר פֿונעם לעבן צו דערוואַרטן,
(אַז אָך און ווי איז דעם געוואַרטן!).
צי זעסטו נישט — די וועלט איז חושך־וויסט?
עס שיינט די גליענדיקע זון אומזיסט,
און ס'איז איר שיין די גאָלדענע בלויז פּודער.
דו דרינג בעסער אַריין אין זיך אַליין,
ווי ס'טוט מיין מינדסטער ברודער,
אַ יעדער שטיין,
ווי כ'האָב עס בקבלה פֿון מיין טאַטן און מיין זיידן
(זיי זאָלן רוען אין גן־עדן) —
פֿון אונדזער לעבעדיקער וועלט

דערוואַרט נישט גאָרנישט,
קיין האָר נישט.
פאַראַכט זי און פאַרשטעלט!
צי — שטום געדולדיק.
— דאָס לעבן און די וועלט איז גאָרנישט שולדיק! —
האָט ערגעץ זיך אַ ראָל געטאָן אַ דונער: דו אַליין!
ווייל די געהירן דיינע און דאָס האַרץ דיינס זיינען — שטיין.
אָט באַלד וועט אָנהויבן אַ גאַסרעגן צו גיין,
די ערד אַקעגן זון וועט זיך מיט דימענטן באַצירן.

ווער ס'האָט פון פלייש, און נישט פון שטיין, אַ האַרץ און אויך געהירן,
דעם וועט די האָפנונג, נישט דער יאוש, אין דעם לעבן פירן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער נאַפט=לאָמפ אין אַ זאַל



אַ נאַפטלאָמפ האָט אַמאָל פאַרבלאָנדזשעט אין אַ זאַל,
וואָס איז געווען פאַרפלייצט מיט ליכט פון זשיראַנדאָלן.
מוזיק. עס טאַנצן פּאָרלעך. שמייכל און געשטראַל.
צעהעלטע פרייד, ווי פון די ווענט וואָלט זי געקוואָלן.

דער לאַנגער האַלדז פֿון נאַפּטלאַמפּס גלעזל איז באַמאַלן
מיט רים, וואָס רויכערט זיך דורך אים אַרויס.
און פֿינצטערע רעיונות אונדזער נאַפּטלאָמפּ קרייזלט אויס:
...אַז וואָס איז די גדולה אַזוי גרויס?
אַ טאַנץ פֿון שאָטנס אין דער דעמערונג פֿון ליקוי־חמהס.
(די זשיראַנדאָלן אין דער הויך ער מיינט, מסתּם, עס).
זיי טאַנצן אויס אַ לעבן — שוואַרץ און ווײַסט...
איך זע אַזוי עס דורכן גלאָז פֿון מײַנע ברילן.
זיי טאַנצן, ווײַל זיי מוזן, נישט פֿון גוטן ווילן. —
אַזוי דער נאַפּטלאָמפּ די רעיונות ריסט און ריסט,
ביז פֿון זײַן ריסן אַזש דער שווייצער זיך צעניסט.
ער טוט אַ כאַפּ אים, פּונעם זאַל אַרויסצוטראָגן,
און זאָגט אים אויפֿן וועג אַזוי צו זאָגן:
— הער אויף, דו שוואַרצזעער, דאָס לעבן צו באַקלאָגן.
זעסט שוואַרץ די וועלט צוליבן קאַליע נאַפּט ביי דיר אין מאָגן...

ס׳איז נישט קיין זעלטנקייט אַזאַ מין פּעסימיסט:
צוליב זײַן אייגן מיאוס לעבן — אונדזערס ער פּאַרמיאוסט.

מאָסקווע, 1945—46

דאָס שול־גלעקל, דער זייגער און דער דזשורער

— דין־דין! — דין, דין! — דין־דין!
זעט, סאַראַ אָרדענער איך בין,
פון טאַמע אויסדערוויילטסטן מין! —
האָט הילכיק אין דזשורערס האַנט דאָס שול־גלעקל געקלינגלט
און, ווי מיט צענער צונג־און־צינגעלעך, געצינגלט:
מען ווי טשעקאַווע זיין די לער,
קוים הייבן מיינע צינגלעך אָן צו צינגלען —
די קינדער — מתנות תיכף זיך צעשפּרינגען הין־און־הער,
א לאָז זיך אויף דער פריי צו שפּילן זיך און רינגלען;
און אויך פאַרקערט: ווי גליענדיק עס זאָל נישט זיין די שפּיל,
אַ יעדער קינדיש הערצל — פלעמל פון געפיל,
די אברימלעך — צעפלאַטערט, פליגל פון אַ מיל, —
קוים לאָז איך אָפּ מיין צינגל: ציל! ציל־ציל! —
די קינדערלעך פאַרסאַפּעט לויפן שוין פון דרויסן
און ביי די קלאַסן־טירן שטופּן זיך און שטויסן —
אין קלאַס אריין, אין קלאַס אריין וואָס פריער!
און ווי אַ מוסטער פאַר חברים, פאַר דער שול אַ ציר,
בלייבט שטיל און אָרטיק יעדער איינער זיצן...
— ס׳איז אמת, נוצלעך איז דיין קלונג, —
הייבט אָן דער אַלטער זייגער מיט די ציין צו קריצן:
דו האָסט אָבער אַ לאַנגן צונג!
ווען נישט די פינגער מיינע, וועלכע ציינן:
„אַצינד נעם קלינגען! אַצינדער דאַרפסטו שווייגן!“ —
וואָלסטו געקלונגען און געברומט
אָן אויפהער, אָדער רק געשטומט...

— אוודאי, — רופט זיך דער דעזשורער אָפּ מיט שמייכל,
און שפּאָטיש קלינגט זיין שטים:
עס קאָן דאָס צינגל שאַרף זיין, אָבער טעמפּ — דער שכל:
עס קלינגט דען ע ר? דאָס קלינגט מען דאָך מיט אים...

איך קאָן אַזעלכע לייט, וואָס רק זיך גרויסן,
ווייל ס'קלינגט מיט זיי די וועלט,
און שכל — קאָנט איר זיך אַליין שוין שטויסן,
אַ קאַפּיטשקע זיי פעלט.

דער נול און דער איינס

דער נול פון צען גענומען האָט זיך גרוים צו האַלטן:
...די גאָרע ווערט אין מיר, דעם נול, איז דאָך באַהאַלטן.
אָן מיר, דעם נול, דער איינס אַליין
איז וואָס? אַן איינס, און גאָרנישט מיין!
און ס׳בלאָזט דער נול זיך אָן: — דו קאָנסט זיך גיין!
איך וועל אָן דיר באַגיין זיך זייער שיין. —
וואָס קאָן דער איינס דען טאָן, ער מוז דעם נול פאַרלאָזן.
און זאָל ער פּאַטשן זיך אין בייכל און זיך בלאָזן.
דער איינס איז נאָך נישט אָפּגעגאַנגען ווייט,
ווי ס׳האָבן אים צו זיך פאַרבעטן לייט:
אַן איינס אַ קבצן, נעבעך, וואָס איז דאָ צו ריידן;
נאָר נוצן ברענגט ער דאָך און האַלט זיך אויך באַשיידן.
און אונדזער נול? עס גייען לייט פאַרביי אַהין און צריק,
נאָר קיינער שענקט אים נישט, אַפילו נישט קיין בליק,
זיין עלנט רירט נישט קיינעם אויף קיין האָר נישט:
ער בלאָזט זיך, ווי א יש, און איז — אַ גאָרנישט.
ביז ס׳האָט פאַרשטאַנען אונדזער נול לסוף,
אז פאַר זיין גאווה קומט ער אָפּ די שטראָף,
און קייקלען זיך גענומען, ווי אַ ראָד פון וואָגן,
דעם איינס דעם אָפּגעהעפטן צו דעריאָגן.

צי האָט דער נול דעם איינס דעריאָגט?
דאָס ווייס איך אייך נישט, פריינט, צו זאָגן.
נאָר וואָס מיין משל מיינט און זאָגט,
דאָס וועט איר זיך געווים אליין דערשלאָגן.

דער גלאָבוס

דער לערער האָט אין קלאַס באַדענקט דערקלערט
די פאָרעם און דעם אויסזען פון דער ערד,
דערביי געדרייט, געטייטלט אויפן גלאָבוס.
האָט פּלוצעם דער איינפּיסלדיקער לאָבוז
אַ קוק געטאָן פון אויבן שטאָלץ אַראָפּ.
— האָט אָפּשיי, קינדער, פאַר מיין גרויסן קאָפּ!
ער איז די ערד מיט אַלע מאַטעריקן, אָקעאַנען,
מיט אַלץ, וואָס איז אויף זיי, ווי אויך אין זיי, פאַראַנען,
מיט אַלע בריות, זייער חכמה און פאַרשטאַנד.
דערוועגט זיך נישט, אים אָנצורירן מיט קיין האַנט,
ווייל מיטן בלאַס ווערן פון זיינע גרעלע פאַרבן,
וועט לעשן זיך דאָס לעבן פון דער ערד און שטאַרבן. —
נאָר יעדעס מאָל, ווען ס'טוט דער לערער אים אַ דריי,
שפּעט אָפּ פון אים דער דיאַמעטער זיינער: — שטיי!
כ'בין דורך דיין גאַנצן קאָפּ, און ס'איז מיר ווייל באַוווסט,
דו האָסט נישט קיין געהירן, הויל ביסטו און פּוסט,
און אונטער דיינע שרייענדיקע פאַרבן
באַהאַלט זיך אוים פון טאָוול בלויז אַ שאַרבן.

פאַרייסטו, ווי דער גלאָבוס, זיך — זיי גרייט,
צו הערן אויך דעם דיאַמעטערס רייד.

די קו און דער אינדיק

עס גייט אַ קו בגוואַלד צום שחיטה־הויז,
פֿאַר ביידע הערנער מיט אַ שטריק געצויגן.
זי שלעפּט די ציטערדיקע קני פֿאָרויס,
און „ראַטעוועט!” זיך בעטן אירע אויגן.
זי מרוקעט יאָמערלעך און טענהט: — מו־ו!
און קריגט דערפֿאַר, געזידלט און געשלאָגן.
אָן אינדיק, אָנגעבלאָזן, קוקט צו דעם זיך צו
פֿון פֿרויען־הענט, וואָס צו דעם שחיטה־הויז אים טראָגן.
צעהאָלדערט זיך דער אינדיק: — הער נאַר, קו,
איך בעט דיך, זאָג מיר, דו בהמה דו,
וואָס איז מיט דיר דער יתום? כ'מיין צו זאָגן —
דו ביסט דאָך נישט, ווי איך, קיין יחוסדיק און איידל עוף,
וואָס גיין צופֿוס זאָל זיין פֿאַר דיר אַ שטראָף.
דו האָסט קיין רעכט נישט, האָלדער! זיך אַזוי צו קלאָגן —
אַ שפּראָץ פֿון פּראָסטן מעלה־גרהדיקן שטאַם,
איז וואָס מיט דיר אַזוי דער טאַראַראַם?
וואָס פּאַסט דיר נישט געצויגן ווערן פֿאַרן האָרן?
— המם... מו־ו! —
דרייט אויס צו אים דעם קאָפּ די קו
אין גרויסן צאָרן:
דו שלעפּ־נאָז רויטע, לאָז צורו!
איך קלאָג זיך דען וואָס כ'דאַרף צופֿוס זיך שלעפּן?
המם... מו־ו!
וואָס טיילסטו אונדז אויף א י ך און ד ו ?
אין שעכט־הויז וועט מען אונדז דאָך ביידע קעפּן! —
דער אינדיק טראַכט און טראַכט, און לאָזט לסוף אַראָפּ

די נאָז, דעם יתוסדיקן פּליכעוואַטן קאָפּ:
— מיר זיינען, האָלדער, האָלדער! זינדיק.

נעגליכן צו דעם אינדיק,
נישט זעלטן אויך דער מענטש פון גאווה ווערט פארבלענדט
און פילט נישט, אַז דער טויט אים טראָגט שוין אויף די הענט.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די העפט און דאָס לעש-פּאַפּיר

אַ נייע זויבער-בלאַנקענדיקע העפט,
אַרויסגעטראָגן פון פּאַפּיר - געשעפט,
צעשפּעט זיך אויפן ווינט מיט אירע בלעטער ווייסע:
— נו, ווי געפעלט עס אייך אַזאַ מין מעשה:
דאָס לעש... דאָס האָריק בייגעלע פּאַפּיר,
ווי אויסגעפּרעסט פון טונקלער וואַטע,
איז צוגעשטאַנען ווי אַ קליעק צו מיר!
נו, כלעבן, פּאַרט זיך דען אַ לאַטע
צום מאַנטל פון אַן אָפּגעניגלטן אריסטאָקראַט?
— וואָס מיינסטו, — שעפּטשעט שטיל דאָס לעש-פּאַפּיר:
איך ליג דאָ גלאַט
פון פאַרגעניגן ווענן? כ'בין דאָך פאַר דיין יעדער בלאַט... —
מיט עקל שלאָגן איבער אים די בלעטער,
און קאָרטשען זיך אין ווינטלדיקן וועטער,
און פלאַטערן: — דו מיאוסער קליעק!
צון אַלדי הוחות פלי אַוועק!
— דו וועסט באַדויערן דיין טעות —
טוט שנעל דאָס לעש-פּאַפּיר אַ זעץ זיך אויף אַ ווינטל
און איידער נאָך די העפט באַוויזט צו טאָן אַ פינטל,
אַוועקגעפלויגן — שוין נישטאָ עס!
און שפּעטער? אויף אַ שרייבטיש ליגט די העפט אין זונען - גלאַנץ,
און ס'גייען פינגער מיט אַ פעדער איבער איר אַ טאַנץ.
די העפט איז גדלותדיק: זי האָט מיט וואָס שטאָלצירן —
אַ מענטש געטרויעט איר זיין רעיון און געפיל!

אין בלאַנק פון איר פּאַפּיר עס שפּיגלען זיך גהירן,
און דורך איר ווייסן לייב אַ האַרץ שלאָגט היים און שטיל.
נאָר פּלוצעם — וויי! — די פעדער הייבט אָן קריצן,
דער טינט — צו שפּריצן;
איעדער שפּריץ — אַ קליעק,
איעדער קליעק — א פלעק!
מיט וואָס זשע — וויי אונדז! — ווישט מען אָפּ דאָס פּנים?
ערשט איצט באַדויערן די בעלי־גאווה־בלעטער:
זיך אויפגעפירט ווי אמתע נאַראָנים —
אליין דאָס לעש־פּאַפּיר פאַרטריבן, אונדזער פריינט און רעטער!

אין ווילזיין ווערן אָפטער מיר פון גאווה בלינד־פאַרבלענדט,
און ס'ווערט דער בעסטער פריינט פון אונדז געיאָגט, געשענדט.

נאָר ס'מאַכט זיך, מיר דערזעען שפּעטער:
מיר זיינען קלוג געווען, ווי יענע בלעטער.

דער פּיקהאָלץ און דער בוים

— פּיק־פּיק!
ציק־ציק! —
פּיקט אָן אַ סוף דער פּיקהאָלץ אין דער קאָרע.
— ווי ווערט מען פּטור פון דער צרה?! —
צעבייזערט זיך לסוף דער בוים גאָר שטאַרק:
צון אַלדי רוחות פּלי און ברעך דעם קאַרק!
און ביימער אָרנטלעכע שטיל צו לעבן שטער נישט.
„ציק־ציק!" —
עס פעלט מיר טאַקע מער נישט
ווי נאָר מוזיק!
איך וויל זי נישט און זי באַגער נישט,
בעת אינזעקטן פרעסן מיר דאָס לייב! —
אַ רגע שווייגט דער פּיקהאָלץ, טוט דאָס שנעבעלע אַ רייב
און קלוג אַ בליצל מיטן איינל:
—פּיק־פּיק!
ציק־ציק!
כ'בין נישט דער מינדסטער פון די שפּילנדיקע פייגל,
און ס'איז נישט אויך מיין האַמערן מוזיק.
דאָס ברענג איך מיט מיין פּיקן דיר דאָך טאַקע
א רעטונג אין דער נויט,
אַ היילונג פאַר דיין מכה —
די שונאים דיינע, די אינזעקטלעך, טויט.

נישט זעלטן, ווען דו טוסט פאַר ווער
אַן אָרנטלעכן טאַט,
ביזטו געצוווּנגען אויך זיך צו פאַרנעמען
מיט אויסטייטשן זיין פּשט.

ווארשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דאָס העצל און דער נאָדלער

נעצערטלט ביז צו זעט שוין, אויף דער באַלעבאָסטעס שויס,
דאָס קעצל נחתדיק זיך טוט אַ ציִ און גענעץ אוים
און נעמט צום נאָדלער אין דער שטוב בנעימות ריידן:
— מיר לעבט זיך דאָ — נישט בעסער אין גן־עדן.
מע צערטלט מיך, מע גלעט מיך, איך בין זאַט.
דו ווייסט פאַרוואָס? מיין פעלעכל איז גלאַט
און וועקט אין יעדן האַרץ צו מיר אַ ליבע,
און ד ו — צו וואָס אַזעלכע שטעכעדיקע האָר?
— אַז גלאַטיק איז דיין פעלכל דאָס איז וואָר, —
דער נאָדלער ענטפערט דעם מיט אויגן טריבע:
נאָר ציִ דיין פעלעכלס פאַרדינסט דאָס איז?
אדאנק דעם גלעטן איז דאָך עס אזוי געווים.
וואָלט עמעץ מיך, ווי דיך, כסדר גלעטן
און זיין מיט מיר אזוי אַ „פאַניעבראַט“,
איז קאָן איך זיך מיט דיר פאַרוועטן:
מיין פעלעכל, ווי דיינס, געווען וואָלט גלאַט.
— עך, ווי אַ נאָדל, שפּיציק איז דיין שכל, —
באַווייזט זיך אויפן קעצלס וואָנץ אַ שמייכל:
ער שטעכט כמעט.
אָט דאָ איז דאָך דער הונט באַגראָבן —
וואָס אויב מען וויל אַן עסק מיט דיר האָבן,
די נאָדלען מוז מען פריער פון דיר שאָבן...

אַ יעדער שלעכטער גיט זיך, ווי דער נאָדלער, אָפּ גערעכט:
ער איז דערפאַר נישט גוט, ווייל אַלע זיינען צון אים שלעכט.

דאָס שוועבעלע און דאָס נייע טעפּל

אַ שוועבעלע, אַ קאַרליקל אָן הענט און פֿיס,
פֿאַרקלאָגט אַמאָל זיך, רייבנדיק דאָס קעפּל
אין בייכל פֿון אַ טעפּל:
— ווי אומגערעכט די וועלט באַהאַנדלט מיך, ווי מיאוס!
עס האָבן אַלע פֿאַר דער זון בלויז ליבערייען,
מע לויבט זי פֿאַר איר פֿייער טאָג ווי נאַכט;
און איך? איך ווער אַפֿילו נישט געדאַכט —
„לית דין, לית דיין“!
— וואָס־וואָס? —
פֿאַרוווּנדערט זיך דאָס טעפּל מיט פֿאַרדראָס
(דאָס טעפּל איז אַ נייס, פֿון מאַרק נאָר וואָס):
פֿאַרשטענדלעך, אַז די זון איז יעדן טייער —
דעם גאַנצן ערד־טאָפּ וואַרעמט דאָך איר פֿייער!
— און איך? —
זיפֿצט אָפּ דאָס שוועבעלע און הייבט אָן ברענען:
עס קאָן אָן מיר זיך נישט באַגיין די קיך —
דאָס מוזן אַלע אָנערקענען.
איך ברען און צינד אויך אָן... — — —
צעברענט זיך, וויינט און ריסט אַ נאַסער שפּאָן,
און פֿון זיין רים דעם טעפּלס בייכל ווערט פֿאַרדאָרבן.
ערשט איצטער, ווען דאָס טעפּל ווערט אַליין פֿאַרשוואַרצט,
באַקומט עס מיטלייד, און עס טראַכט באַהאַרצט:
„דאָס שוועבעלע — עס ברענגט זיך פֿאַר אַ קרבן
און ווערט אין דינסט דורכויס פֿאַרלענדט —
איז קומט דאָך טאַקע דעם פֿון ליב כאָטש אַ פּראָצענט!“

דיין חברים עוולה ווערסטו דערמלט בלויז דערשפּירן,
ווען דו אַליין ווערסט עפּעס וואָס פֿאַרלירן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער נאַפּט־לאָמפּ

— צי האָט מען אים קיין דרך־ארץ נישט געלערנט?
זיך אָנגעזעצט דער פּעמפּיק אויף מיין קאָפּ!
אַראָפּ! —
אַזוי האָט זיך דער קאָלפּאַק אויפן גלעזל בייז צעצערנט.
— כ׳וואָלט וועלן, — שימערט שטיל דאָס גלעזל: דיך פאַרשטיין,
פאַרוואָס איך טאָר אין דיינע דלד־אמות גאָר נישט שטיין:
צי בין איך נישט, חלילה, דורכזיכטיק און ריין?
— דו גלאָמפּ! — צעסיקעט זיך דער קאָלפּאַק ווידער:
איז ווי שוין וואָלט מיין פייער שיינען בלויז דורך מיר אליין,
אָן דיר?! אַ פּלאַצעניש אין דיינע גלידער! —
ווי ס׳האָט דאָס פייער פונעם קאָלפּאַק דאָס געהערט,
דעם גלעזל אָפּטאָן אַ צולהכעיס האָט עס באַלד באַקלערט:
גענומען עס פאַרויכערן פון אויבן ביז דער נידער,
עס מאַכן, ווי אַ קוימענקערער, שוואַרץ,
און זאָלן האָבן לייט פון וואָס צו לאַכן!
די באַלעבאָסטע אָבער טוט אַ כאַפּ מיט האַרץ
דאָס גלעזל פונעם לאָמפּ, עס ריין צו מאַכן;
און אָן דעם גלעזל האַלט דאָס פייערל נישט אויס,
הייבט אָן צו טוקן זיך און טאַנצן,
אַ שפּרונג אַריין אין קאָלפּאַק און אַ שפּרונג אַרויס,
און טוט זיך אַ פאַרלעש אינגאַנצן.

דער מוסר־השכל פון דעם משל ביט זיך אָן אליין:
מיט שכל אייגענעם מע דאַרף באַטראַכטן און פאַרשטיין,
נאָר ביי אַ צווייטן לערן נישט לכל־הפּחות
צו טאָן אַ דריטן אויף צולהכעיס —
ס׳קאָן אויסגיין, ווי צום פייער, צו דיין קאָפּ אליין.

דער הונט לוקס און מורנו פוקס

צום גרויסן וועלט־חכם, מורנו פוקס,
קומט הינקענדיק צו שלעפּן זיך דער הויפהונט לוקס
און קוויטשעט אויס פאַר אים אַ בלוטנדיקע טענה:
די צווייפיס־חיה האָט געוואָרפן אין מיין פוס אַ שטיין,
אוי, ווייטיקן און פּיינען מיינע!
אַז כ׳קאָן נישט, ווי עס פּאַסט פאַר הינט, אויף אַלע פיר שוין גיין.
איך זוך גערעכטיקייט ביי דיר, אָ גרויסער קלוגער ריכטער!
עס לייכט דיין בליק, דיין קאָפּ איז ניכטער —
נעם לייג מיין טענה אויף דער יאַטקע־וואָגשאָל... אָך, פּאַרדאָן!
איך מיין צו זאָגן — אויף דער וואָגשאָל פון „זאַקאָן“,
און טראָג אַרויס אַ פּסק, געוווינגן על־פּי שכל. —
מורנו פוקס פאַרלייגט די פּאָדערפיסלעך אויף דער ברוסט,
פאַרטיפט זיך אין געדאנק און טוט אַ שמייכל:
— די טבע פון צווייפיסיקן איז אונדז באַוווּסט;
ער איז אַזאַ מין איינער,
וואָס צאָלט אַמאָל מיט גוטס פאַר שטיינער;
נאָר אויך פון ד יי ן מין קאָנען מיר נישט ווייניקער דעם גוטס,
דו הונט געמיינער!
דער מענטש האָט זיכער מיטן שטיין אין דיר געצילט,
נאָך דעם ערשט, ווי דו האָסט אויף אים געבילט,
צי גאָר באַוויזן אים די ציינער. —
דער כלב לאָזט אַראָפּ דעם עק: פאַרשפּילט...

ווען עמעץ, ווי דער הונט, זיין חבר קומט פאר דיר פאַרקלאָגן,
ז אָ ל ס ט ו דאָסזעלבע, וואָס דער פוקס, אים זאָגן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דער הונט און דער שטעקן

פֿאַרדינט זיך ביי דעם פּאַסטעך אויף אַ שטראָף,
דער הפקר־הונט פֿאַרשטעלט זיך פֿאַר אַ שאָף:
נאָר פּשוט — אָנגעטאָן אַ שעפּסנפעל און פּטור!
ער איז אַ שעפּס, און האָרכט דעם פּאַסטעך ווי דעם קאַטער!
„זי" לעקט צו אים זיך צו, „זי" חנפעט אים געמיין,
און ער, דער פּאַסטעך: — טייערע! (ער קוקט נישט אין די ציין) —

און גלעט „זי" מילד און צערטלעך,
און פּיעשטשעט „זי" מיט צאַרטע ווערטלעך,
און קאָרמעט „זי" פֿון אַרבל און פֿון שויס.
וואָס נישט באַקומען דורך דער פֿאַלשקייט — גנבעט „זי" אַרויס.

„זי" דאַרף זיך בלויז דערהיטן שטום צו בלייבן,
ווייל מעקען איז דאָך נישט געבילט.
נאָר אָט — שוין צייט די פּי אַהיים צו טרייבן:
דער זונפֿאַרגאַנג האָט זיך צעשפּילט.
דער פּאַסטעך טוט אַ הייב דעם שטעקן,
נישט עמעצן צו שלאָגן, נאָר צו שרעקן,
ווי פּלוצעם — הער נאָר! — „זי" האָט זיך צעבילט!
איך ווייס נישט וואָס דער פּאַסטעך האָט דערפֿילט,
נאָר זיכער וועט „זי" זיך צו אים שוין מער נישט לעקן.

עס מעג אַ הונט זיך אויסבאַהאַלטן אין אַ לעמלס פֿעל,
נאָר קוים באַווייזט מען אים אַ שטעקן,
שפּרינגט גלייך אַרויס ער דורך זיין קעל.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

די הענט, דאָס קליעק־פּאַפּיר און די פּערדער

אַ בלאַנקענדיקע העפט
אַ זויבערע און ווייסע,
נאָרוואָס אַרויסגעכאַפּט זיך פון געשעפט,
האָט בייז אַ טראַכט געטאָן: „הערט אויס אַ מעשה!
זיך צוגעטשעפּעט, ווי אַ קליעק, צו מיר
די זלידניע לאַטע
די האָריקע און מאַטע —
דאָס שטיקל קליעק־פּאַפּיר!".
זי האָט פון עקל זיך געטאָן אַ קאָרטשע
און שאָרכנדיק אַ וואָרטשע:
— צי האָט שוין חוצפּה נישט קיין ברעג?! —
און באַלד מיט אַלע בלעטלעך זיך גענומען בלאָזן
און איז אַרויס מיט אַ ירגזון:
די רגע זאָלסטו מיך פאַרלאָזן,
געמיינער שנעק! —
אַרויפגעכאַפּט זיך אויפן ווינט, וואָס האָט דערביי געבלאָזן,
איז אונדזער קליעק־פּאַפּיר מיט אים אַוועק,
און — פּלאַי־פּלאָים! —
נישטאָ אים.
צופרידן קומט די העפט אריין אין שטוב אַליין,
צעלייגט זיך אויפן טיש און לאָזט זיך ווילגיין, גלאַנצן:
עס וועט די זון ערשט אויף מיין איידלער ווייסקייט טאַנצן! —
ווי פּלוצעם הייבט אַ פערדער אָן אויף איר צו גיין
און פירן איבער איר אַ פּאָדעם טינט אַ שוואַרצן.

צעפלאָקערט זיך אַ כעס
ביי אונדזער העפט אין שטאָלצן האַרצן:
— מיט וועמען טרייבסטו שפּאַס?!
דו, נעגערל פאַרקאַטערטס מיטן נעצנדיקן נעזל,
וועסט באַלד ביי מיר אַ שפּרינג טאָן „האָפּציעס“, ווי אַ
העזל! —
און טוט אַ קנייטש זיך צו פאַרהאַלטן זי אין וועג.
עס שפּייט אָבער אויף איר די פעדער קליעק:
— אצינד ביסטו, מיין שררה, גאָר פאַרקאַטערט!
— אוי־ווײ! דאָס נעגערל האָט מיך געפּטרט!
ווי ווערט מען פּטור פון דעם נאַסן פלעק? —
זיפצט אָפּ די העפט פאַרצווייפלט, מער שוין ווי צעצאָרנט.
די פעדער ווידער שטייט זיך מיט איר שפּיץ געשפּאָרנט
און הוקט אָפּ, און וואָרנט:
— פאַרכאַפּ, מיוחסטע, און וויש זיך אָפּ די נאָז!
דו האָסט זיך מיט קיין טיכל נישט באַוואָרנט?
צי פעלט דיר קליעק־פּאַפּיר, חלילה, וואָס? —
די העפט ווערט חושך אויפן גאַנצן פּנים:
— אז מ׳איז אַרומגערינגלט בלויז מיט שונאים! —
און זי פאַרגייט זיך אין אַ שוואַרץ געוויין:
אַליין בין איך, אַליין מיט זיי פאַרבליבן... —
און ס׳האָט אויף איר די פעדער שנעל פאַרשריבן:
„דעם ערגסטן שונא זוך אין זיך אַליין!“.
וואַרשע, 1929 — לאָדזש, 1949

דער בוימשטאַם, דער שפּראָץ און דאָס ווינטל

אַ פֿוילנדיקער שטאַם פֿאַרהילצערט זינקט אין שווייגן.
שוין לאַנג פֿון אים אָראָפּגעשניטן קרוין און צווייגן.
ער שטייט אַ נאַקעטער — אָן קאָרע, אָן אַ העמד —
פֿאַרשעמט.
דערלעבן וואַקסט א יונגער גאַוואהדיקער שפּראָץ,
וואָס גרין איז, פֿריש, און בלאַנק,
און שלאַנק.
— דו פֿוילע קלאָץ! —
טוט אַלע מאָל דער שפּראָץ אַ נייג זיך צו דעם שטאַם:
נעכײַ וואָלט דיך די זון פֿאַרשרפֿעט מיט איר פֿלאַם!
פֿאַרשטעלסט בלויז מיט דײַן קילן פֿוילן שאָטן
איר וואַרעמקייט און ליכט. —
דאָ טוט אַ בלאָז אַ ווינטל אומגעריכט:
— ז אָ ל ס ט ו נאָר זײַן אַזוי געראָטן,
דו יונגער שקאָץ,
ווי זי, די קלאָץ,
געווען איז דאָס אַמאָל! —
דאָס ווינטל טוט אַ שטיף, דעם שפּראָץ אַ שנאָל
און ביי אַן אויערל — אַ בלעטעלע, אַ צי:
— נעם, קונדעס איינער, טו זיך אָן די מי
און טו אַ פֿרעג ביים וואָרצל דײַנעם קורץ און קלאָר:
„פֿון וואַנען קום איך, וואָרצל מײַן, ארויס?“.

און ער, דער וואָרצל, וועט אַנטפּלעקן דיר די וואָר:
„פון בוימשטאַמס אויסגעפוילטן שוים...“

צו זען אַ יוגנט מיט אַ נייעם אידעאַל אַ פרייד איז,
נאָר שאַנד צו איר, קוים ווערט זי ביי זיך גרוים
און חוזקט פון די אידעאלן פון די זיידעס.

דער לאָם און די קליאַמקע

פייכט און טונקל איז אין קראָם.
צון אַ קליאַמקע רעדט אַ לאָם:
— זאָג, וואָס וויינסטו, ליבער חבר?
טרערן ווערן רויטער זשאַווער.
אייזן פוילט נישט, ווי קיין האָלץ,
אייזן האַלט זיך שטאַרק און שטאָלץ.
ס׳איז אַ חרפּה פאַר אַן אייזן
זיך פאַרוויינט פאַר לייטן ווייזן! —
קליאַמקע טוט מיט ליפּ אַ ריר:
— כ׳בענק כסדר נאָך אַ טיר;
איז עס דען אַ תכלית — ליגן
איין־אַליין און רק געשוויגן?
— מעגסטו, קליאַמקע, אויך צו מיר
ריידן אַלץ, וואָס גלוסט זיך דיר.
— דו... דער שטאַרקער, מיר אַ חבר?!
— כ׳וויל דיך ראַטעווען פון זשאַווער.
— אוי, אַ זשאַווערדיקער פלעק
אויך ביי דיר אָט־דאָ אין עק! —
זיפצט די קליאַמקע גאָר באַשיידן.
— ווי דערוועגסטו זיך צו ריידן
אָט־אַזוי־אָ ווענן מיר,
דו ... אַ קליאַמקע צון אַ טיר?!
— כ׳וויל, —די קליאַמקע שטאַמלט: זאָגן —
ווען זשאַווער זאָל נישט נאָגן...
— שווייג! איך ברעך דיר רוק־און־לענד! —
נעמט דער גרים דעם לאָמס אַלץ שטיינן,

אַזש עס ציטערן די ווענט,
און די קליאַמקע ווײַנט אין שווײַגן...

כ׳קאָן אַזעלכע לערער: לערנען יענעם — תמיד גרייט!
ווײַזט מען אָבער זיי אָן אויף אַ פּעלער שטילערהייט —
ווי די קליאַמקע פון דעם לאָם, דערהערט מען בייזע רייד.

דער קלוגער שליסל

דער שליסל האַלט זיך פֿאַר אַ גאַנצן חכם.
מיט רעכט: ער ווייסט דעם טיפֿן סוד פֿון שלאָס,
ער קאָן, אַזוי צו זאָגן, ביז אין תוך אים,
און עפֿנט אויף אים, ווי אַ באַלעבאָס.
...אומזיסט דען טוט עס אָפֿט אַזוי פּאַסירן? —
דער שליסל טראַכט מיט זיינע אייזערנע געהירן:
די באַלעבאָסטע טוט די הענט צעפֿירן:
— „די קינדער מאַכן פֿאַר דער צייט מיך גראָ!
פֿאַרשלעפּט דעם שליסל אין אַ ווּיסטער שעה,
פֿאַרטאַכליעוועט — דער שליסל איז נישטאָ.
דאָס זוכן וועט מיך פֿונעם זינען רירן!"
...ווי גרויס עס איז די פֿרייד
פֿון גרויס און קינד און קייט,
בעת מען טוט מיך אָפּגעפֿינען! —
טוט ווייטער שפּינען
דער שליסל די באַרימערייען זיינע שטום
(אין זיין אַנטציקונג וויל דאָס צינגל אים נישט דינען)
און וווּנדערט זיך, וואָס לעצטנס וואַלגערט ער זיך לאַנג אַרום,
און קיינער קוקט זיך מער אויף אים נישט אום:
אַ רעטעניש! מיט וואָס איז דאָס זיך צו דערקלערן?!
ווען דו וואָלסט ווייניקער זיך רימען, מערער הערן,
דאַן וואָלסטו, שליסל אונדזערער, געוווּסט,
אַז דיין באַרימעריי איז שוין אויף פּוסט —
אַ גנב האָט ביינאַכט דיין שלאָס אַראָפּגעריסן,
און ס'האָט דער באַלעבאָס
געקויפֿט אַ נייעם שלאָס;

צי ווייסטו דען דעם סוד, ווי אויך דעם נייעם אויפצושליסן?!
דערפאַר
ביסטו פאַרמשפּט, עס זאָל זיין דיין חבר —
דער ברוינער זשאַווער.

מעג זיין אַ גוטער שליסל צום נאַטשאַלניק דיין כאַבאַר,
פאַרלאָז זיך נישט אויף אים: דער נייער אָרנטלעכער האַר
קאָן מיטן שליסל דיך אַרויסשטעלן צום נאַר.

לאָדזש, יוני, 1947

דער הונט און דער דורכגייער

אַנומלט גייט אַ דורכגייער פֿאַרביי אַ פּלויט.
פֿון אינעווייניק טוט אַ הונט א ריס זיך פֿון דער הויט —
כאַטש הימל עפֿן זיך! מיט איין געבילעריי.
— כ׳פֿאַרשטיי, אַז דינען דאַרף מען אמתדיק, געטריי, —
אים זאָגט דער דורכגייער: מע דאַרף דאָך אָבער וויסן...
— האַוו־האַוו! איך וואָלט דיך ביזן ביין געביסן!
— ווען ס׳גייט פֿאַרביי אַ מענטש אָן זינדיקע כוונות...
— האַוו־האַוו! אָן חקירות! אָן רחמנות!
— פֿאַרווען אָבער? פֿאַרוואָס?
צי האָט אַזוי באַפֿוילן דיר דיין באַלעבאָס?
— האַוו־האַוו! מיין אייגענער געוויסן...
איך וואָלט אויף שטיקער דיך צעריסן!
— אַהאַ!... איך דאַנק דיר פֿאַר דער לערע פֿון דיין בילעריי, —
אים זאָגט דער דורכגייער און שמייכלט שטיל דערביי:
ס׳געוויסן, ווי באַוווסט, איז טאַקע אָרנטלעך און פֿיין,
ס׳אַ שאלה נאָר — ביי וועמען, כלב, שטייט עס איין?...

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1947

דער שלאָס און דער וויטריך*)

אַ שווערער שלאָס הענגט ערנסט און פאַרביסן
און יעדן דורכגייער גיט שטרענג צו וויסן:
— איך וואַך און היט!
כ'בין פעסט און ניי!
איך היט געניט
און דין געטריי.
און ווער פון אוצר פון מיין קאַמער ס'וויל געניסן,
וועט נאָר אומזיסט זיין שווייס לעם מיר פאַרגיסן. —
א וועכטער, ווי איר הערט —
נישטאָ צו אים קיין גלייכן!
אַרויסגעקומען אָבער איז פאַרקערט:
ביינאַכט אַנומלט קומט אַ גנב שטיל צו שלייכן,
און מיט אַ וויטריך רוימט ער איין דעם שלאָס אַ סוד...
אַוועלכן? קאָן איך אייך נישט זאָגן גראָד,
נאָר אונדזער וועכטערס אויער הערט זיך צו מיט גנאָד,
און זעט — שוין אָפן־ברייט די טיר איז,
און ס'טראָגט אַוועק דער גנב פון דער קאַמער דאָס עשירות.

נייגט צו דעם אויער, כ'וויל אייך עפּעס זאָגן. ש־ש־שאַ!...
איך האָב געזען נישט איין נאַטשאַלניק אָט־אַזאַ:
פאַרביסן, שטרענג, ווי אונדזער שלאָס, שטייט שטענדיק
אויף דער וואַך ער,
נאָר פאַר אַ גאָלדן וויטריכל איז ער פון שלאָס נאָך שוואַכער...

באַשקיריע, 1942 — מאָסקווע 1946

---

*) אַ פּרימיטיווער גאָכשליסל

דער דאָרפסגייער און די הינט

אַ דאָרפסגייער, באַוואָפנט מיט אַ סענקעוואַטן שטעקן,
אַרייַנגעקומען איז אין דאָרף. פון אַלע זייַנע עקן
באַגעגנט אים אַ הינטיש האַווקעריי.
נאָר ע ר שפּאַנט גלייַכגילטיק די גאַס פאַרבייַ,
ווייל וואָס איז דאָ פאַר כּלבים זיך צו שרעקן,
ווען מ'האָט אַ האַרץ, וואָס מוטיק איז און פרייַ,
און נאָך דערצו — אין האַנט אַ סענקעוואַטן שטעקן!
ווי פּלוצעם שפּרינגט אַרויס
פון אַ באַלגופיש הויז
אַ הונט, אַן אויסגעפּאַשעטער, אַ דיקער
און בילט, און שפּרינגט אין פּנים, און דער עיקר —
אָט באַלד צערייסט ער אים, דעם דאָרפסגייער, אויף שטיקער!
געלאַסן אָבער שפּאַנט דער דאָרפסגייער פאָרויס,
אָן בייזקייט און אָן שרעק, און בלויז
אַ שמייכל שפּילט אים אויפן פּנים:
„איך קאָן דעם כּלבים־מין, איך קאָן אים —
נישטאָ ביי זיי אויף שטעקנס קיין בעלנים,
און אויף אַ סענקעוואַטן נאָך בפרט”.
און ס'האָט זיך אָנגעבילט דער דיקער כּלב זאַט.
זייַן חוצפּה איז אים אָפּגעגאַנגען גלאַט.
נישט אומגעקוקט זיך אויף צוריק, דער דאָרפסגייער גייט
ווייטער.
און ווידער טוט אַ לאָז אויף אים זיך אַ פאַרשייטער,
אַ דאַרער כּלב פון אַן אָרעם הויז.
אַליין — אַ קליינער, אָבער ס'מויל זייַנס — גרויס.
און אויך זייַן חוצפּה איז נישט קלענער.

ער האַווקעט אויף די העכסטע טענער
און רייסט דאָס האָר'ן זיך ממש אויס.
נאָר אונדזער דאָרפסגייער, קוים וויל ער, קען ער:
— וואָס טוּסטו אָן זיך, — טוט ער אַ געשריי: אַזויפיל מי?
נעם איין, דו כלב, שטומעניש אַביסל! —
און ס'טוט זיין סענקעוואַטע שטעקן פלינק אַ פלי
און, ווי אַ בליץ, דעם כלב אונדזערן, אַ ברי.
מיט ווילדן קוויטש און צאַפּלדיקן פּיסל
ער ציט פונדאַנען אָפּ, דער דאַרער כלב, ציט
מיט אונטערשפּרינגענדיק־דרייפיסלדיקע טריט.
און ערשט, געבליבן שטיין, פון ווייטן,
אין יאָמער נאָך פאַרגאַנגען, פאָכענדיק מיטביידע זייטן,
ער פרעגט דעם דאָרפסגייער: — פאַרוואָס?
צי האָב איך נישט, ווי יענער דיקער הונט, קיין באַלעבאָס?
פאַרוואָס האָסטו געשאַנעוועט, פאַרשוויגן יענעם,
און מיך אַזוי באַשטראָפט? אוי־וויי, עס ברענט אין מיר אַ גהינום!

פאַרוואָס אַזאַ מין גזר?
— דאָס איז דערפאַר, —
דער דאָרפסגייער אים ענטפערט מיט אַ שמייכל:
ווייל יענעמס האַווקען, כ'מיין דעם דיקנס, האָט אַ שכל
און וועקט אַזוי נישט קיין פאַרדראָס —
עס שפּייזט דאָך אים דערפאַר זיין באַלעבאָס;
צוליב פרנסה, מילא, זאָל אַ כלב בילן.
צו וואָס אָבער ז אָ ל ס ט ו
אומזיסט אויף עמעצן דאָס בלוט זיך קילן?

ביסט דאַר און הונגערסט צו,
און טוסט פונדעסטוועגן צום באַלעבאָס זיך לעקן!
איז האָסטו כשר זיך פאַרדינט מיין שטעקן.

צי איז דער דאָרפסגייער געווען גערעכט?
לויט מ יי ן מיינונג האָט ער געהאַנדלט שלעכט:
ווייל אויך ד י כלבים, וואָס צוליב פרנסה בילן,
אויך זיי דעם שטעקן דאַרף מען געבן צו דערפילן.

שטשעטשין־לאָדזש, 1948

רבֿ כּלבֿ כּעסן

דער כּלבֿ־שבכּלבֿים — כּעסן,
וואָס איז קאַפּאַבל פֿאַר אַ ביין אַ ברודער צו צערייסן,
לאָזט לאַנג פֿון אויג און זינען נישט אַרויס
אַן אויסשטעל־פֿענצטער, וואָס באַשטעלט מיט פֿליישן איז
דורכאויס:
די שינקע, וווּרשטן, דורכגעפֿלעקט מיט פֿעטסן העלע —
אַזוינע פֿאַר זיין לעבן נישט געזען!
דער ווייסער שפּעק, וואָס בלענדט מיט גלאַנצן געלע —
אַזאַ איז אויף דער וועלט נאָך נישט געווען!
זיי ריידן האַרציק: „ווער עס האָט נאָר חשק,
קום, ביטע שיין, אַריין און מאַך זיך פֿליישיק".
נאָר ווי צו כּעסענען דעם כּלבֿ — ביי דער טיר
שטייט אָנגעלענט אַ שטעקן: „היט זיך! נישט פֿאַר דיר!"
...איז דורך דער שויבֿ? גיי מאַך! ווי רייצנדיק דער רויב איז,
פֿאַרצווייפֿלט לאָזט דער וויידל זיך אַראָפּ:
כאַטש דורכזיכטיק — ווי אייזן, פֿעסט די שויבֿ איז:
נישט דורכצווועצן מיט דעם קאָפּ.
נאָר איין מאָל, פֿול מיט בענקשאַפֿט אינעם מאָגן,
אין רעגנדיקער נאַכט, לאָזט כּעסן זיך אַהינצו יאָגן
און — זע! געטראָפֿן אין אַ מזלדיקער שעה:
די טיר איז נאַסטיעזש אָפֿן, און דער שטעקן איז נישטאָ.
אַריין! נאָר אינעווייניק... גאָט פֿון ריחות!... ווו זשע אַלץ איז?
זיין בליק שפּריצט פֿונקען, מיט רציחה קריצן זיינע ציין:
א ל יי ן פֿון שמאַלצגרוב אויסגערונען גאָר די שמאַלץ איז?
צי דורך צוויי־פֿיסיקע־גנבֿים אויסגעליידיקט? ווי געמיין!
נאָר פּלוצעם לויפֿט אַ ציטער דורך דער פֿעל אים,

אַ ביל פון פרייד פאַרשפּאַרט די קעל אים:
די צויבער־פליישן אינעם פענצטער שטייען ווי געוועז!
ער טוט אויף זיי אַ וואָרף זיך מיטן גאַנצן ברען...
אוי, ברידער! שטאַרקער דאַרף מען זיין פון שטאָל און אייזן
און איבערהינטיש, אויסצוהאַלטן דיזע פּיין און בלאַם! —
עס זיינען דאָך די פליישן, דיזע צויבערדיקע שפּייזן,
געפאַרבטע שטיינער בלויז, אָן ריח און אָן טעם.
פאַר צרות ווערט אַ מכנים־אורח אונדזער כלב, כעסן,
(גאַנץ אָפּט זיך קושן כלבים, ווען זיי גאַרן — זיך צערייסן),
און בעטלער־הינט פאַרבעט ער פון דער גאַס אַהער אין געסט.
— אַ ברוך־הבא, ברידער! לאָזט זיך ווילגיין, פרעסט.
דאָס אַלץ האָב איך פאַרגרייט פאַר אייער וואָרטשענדיקן
מאָגן. —
די הינטישע חבריא טוט אַ לאָז זיך מיט געדראַנג,
ס׳רייסט איינער פונעם צווייטנס לאַפּעס, און מע נעמט זיך
שלאָגן,
און כעסן, אונדזער כלב, שטייט און וואַרט אויף „שיינעם
דאַנק!״.

ווען ס׳וויל אַ קאַרגער מאַן זיין סעודה מיט דיר טיילן,
מיין משל פון רב כלב כעסן זאָלסטו זיך דערציילן.

רב האַוומאַן און פאַניע שינדמאַן

רב האַוומאַנען און פאַניע שינדמאַנען, איך קען זיי ביידע:
צוויי פיינע לייט פון גאָר אַ פיינער עדה.
אין גרונט —
איז דער, ווי דער, אַ הונט.
באַווייז:
די פלייש איז זייער ליבסטע שפּייז,
זיי סמאָקען גיריק ביינער
און דריקן אויס געפילן
דורך ברומעניש און בילן.
נאָר אין כאַראַקטער זיינען זיי פאַרשיידן: איינער,
איך ווייס דאָרטן, ער בילט,
און דאָס —
איר מיינט, חלילה, פון פאַרדראָס?
אָט גלאַט מיט זיך אַליינעט זיך געשפּילט,
צי זיך פון הארץ אַראָפּגערעדט די נויט.
דער צווייטער —
צום בייסן תמיד יעדערן אַ גרייטער,
שוין אויפן רעכטן אמת בילט,
מיט טויטע קללות שילט
און, ווען עס לאָזט זיך, שינדט די הויט,
און — לאָד צום רב אים!
בקיצור — איינער איז אַ כלב סתם,
דער אַנדערער — אַ כלב־שבכלבים.
זיי זיינען שכנים.
רב האַוומאַן איז אַ יושב־אוהל און אַ תם,
אַן עניו,

לאָזט גלייך אַראָפּ דעם זנב,
קוים ווייזט מען אים אַ צייכן פון אַ שטעקן,
און וואַרפסטו צו אַ ביין אים,
איז איידער נאָך ער נעמט אים אויפן גומען,
איז מוכן ער ומזומן
דיך הינטיש לעקן.
ער ניוכעט אוים פאַר יעדערן אַ זכות,
אַפילו ווען מע רייצט אים. — עט! אַ קלייניקייט! אַ שטות!
עס איז דאָך בלויז אַ צערטל,
אַ שפּאַס, אָדער אַ ווערטל.
בכלל, ער „ליבט“ נישט עמעצן צו טאַרלען.
און אַלץ דערפאַר איז דאָס —
רב האַוומאַן איז אַ פּחדן, ווי אַ האָז.
דערפאַר איז אָבער פאַניע שינדמאַן גאָר אַ גדלן,
אַ חצוף און אַן אַרצי־עזות־פּנים;
צעהאַווקעט זיך אַפילו אויף אַ פאָלק יונים:
— האַוו־האַוו! וואָלט ער געביסן!
הו־האַוו! וואָלט ער געריסן!
הו־האַוו! וואָלט ער געשונדן!
ווען נאָר זיי וואָלטן זיין געבונדן,
און אים מע טוט זיי אַ דערלאַנג.
און שענקסטו אים אַ ביין,
איז מיינסטו קריגסט אַ דאַנק?
אָ, ניין!
ער כאַפּט אים מיט די ציין
צעבייזערט און צעברומט —
ער קומט דאָך אים! ער קומט!
און דאָס איז אַלץ דערפאַר,
ווייל פאַניע שינדמאַן איז אַ רשע און אַ גזר.
וואָסריידן און וואָס זאָגן זיי אַליין,

די כלבים טאַקע, וועגן זיך?
געדולדיק זייט אַ ווײַלע, וועט איר דאָס דערגיין.
אַן אָפּגעריסענער, אַן אָפּגעשליסענער, אָן שייך,
געבויגן אונטער טאָרבע אויפן רוקן,
ווי צו דער ערד וואָלט ער זיך בוקן,
און אָן אַ שטעקן אין דער האַנט, —
באַווייזט אַמאָל זיך אויפן ראַנד
פון זייער גאַס אַן אָרעמאַן.
ס'איז ווייך און שטיל זיין שפּאַן,
און ס'וויגן זיך די שלאַבעריקע קניעס.
איז וואָס זשע פינטלען עס רב האָומאַנס וויעס?
וואָס צאַפּלט הינטער זיי זיין בליק?
וואָכ פאַר אַ בייז קאָן טאָן אזא מין איינער?
— אַטאָמער... כ'וויים, — צו זיך אַליין שטיל זאָגט ער:
אַטאָמער טראָגט ער
אין טאָרבע שטיינער!... —
און פאַניע שינדמאַן קריצט שוין מיט די ציינער:
ער וועט צערייסן אין אַ בייזער שעה אים! —
דער אָרעמאַן זיך טוט אַ קער צוריק —
ג'ישטאָ אים.
הייבט אָן זיך איצט צעווישן זיי אַ ברודערלעכער שמועס:
—עך, פאַניע שינדמאַן! שיין אַזוי? מיט בייזע תנועות
האָט איר פאַריאָגט דעם שטילסטן מענטשן.
עס גייט זיך יענער אימשולדיק אַזוי, באַלענטשן —
איז זאָל ער גיין.
אַז וועמען, דאכט זיך, שאָדט עס?
אום ווילן גאָטעס!
אַ הונט זאָל בילן אויף אַ מענטשן סתם!
און ווו איז הינטישקייט אין יושר?
— די תם! —

נוצט פאַניע שינדמאַן אוים דעם שעת־הכושר:
דו פרומער פינטלער מיט די וויעס!
דו שוויינער מחמת נעבעכדיקער צביעות!
אַז תמיד נאָר פאַרבאָרגן, נאָר אין לויער,
און איך — מיין האַרץ איז אָפן ווי אַ טויער,
אין ווער עס טרעט אַריבער נאָר די שוועל —
אַ שוידער אויף זיין פעל!
אַ ציטער אויף זיין פעטם!
ס׳דערוואַרט אים אַ פסק־דין לויט דעם געזעץ!
— המם... אָבער דער... מיט טריטלעך שטילע...
קיין שטיקן נישט געהאַט אין האַנט אַפילו...
—דו הערסט? און דאָך געהאַט די חוצפה קומען צווישן הינט,
דער ליץ?!
האָט כשררר עררר פאַררדינט,
מע זאָל אויף שטיקעררר — — —

איר זעט, ווי ס׳איז ביי כלבים? יעדער שטיצט זיך, אויף אַ עיקר:
דער פהדן — אויפן יושר, און דער רשע אויף געזעץ.



הינט

עס האָט זיין הונגעריקן הונט געלאָזן שטיין
אַ פּויער אָפּצוהיטן אים אַ פעטן ביין.
אין גראָד פאַרבייגעגאַנגען אַ הונט אַ צווייטער,
אַ זאַטער דווקא, און — דעם ביין אַ לעק צו טאָן אַ גרייטער —
אַ לאָז זיך צו!
— הממ... לאָז צורו!
ווי וואַגסטו מיך אין דינסט צו שטערן?!
איך זאָל דיין דעך דאָ מער נישט הערן! —
צעוואָרטשעט זיך דער הונט און ווייזט פאַרקריצטע ציין,
וואָס געבן איידל צו פאַרשטיין:
אויב נישט מיט גוטן, זועסטו באַלד מיט בייזן גיין!
— סאַראַ געמיינע הינט עס זיינען דאָ באַלייטן! —
האָט יענער אָפּגערוקט זיך און געבליבן שטיין פונווייטן.
דער ביין דער פעטער וואָלט געבליבן נישט גערירט,
ווייל ווי עס זאָל דער זאַטער הונט אים נישט באַגערן,
ער וועט אים מיט די בלויזע אויגן נישט פאַרצערן.
נישט מער, ס'האָט אונדזער הונט אַליין דערשפּירט:
עס זיצט אַ הונט ביי אים אין מאָגן:
דריי טעג שוין נישט געהאַט אין מויל — אַ ווערטעלע צו זאָגן!
כ'איז ממש נישט צום איבערטראָגן.
ער לאָזט אים נישט צורו.
און אונדזער שומר הערט צו אים זיך צו:
ער בייזערט זיך אין מאָגן, וואָרטשעט, וואָרטשעט,
ער קאָרטשעט זיך אין ווייטיקן און קאָרטשעט.
נעמט אונדזער שומר דרייען זיך אַרום דעם ביין אַ ראָד,
פון צונג — אַ פאָדעם סלינע,
זיין יעדער בליק — אַ תחינה;

דערנענטערט זיך צום ביין, דערווייטערט זיך און בעט גענאָר
ביי זיך אַליין, ער זאָל דעם ביין, חלילה, נישט באַרירן,
אַז דער פֿאַרפֿירער זאָל אים נישט פֿאַרפֿירן.
און הערט — דער הונגעריקער הינט איז מיר אַ שאָד —
ס'איז גרויס דער ווייטיק און נאָך גרעסער דער בזיון,
ער איז נישט ביינגעשטאַנען דעם נסיון...
נאָר אָפּגעלעקט די ליפּן, נעמט ער ביטער וואָיען:
— אַליין פֿאַראַטן זיך, אַליין!
און דאָס — סכּהכּל פֿאַר אַ ביין!
— אוודאי בעתן קייען
צעבראָכן זיך די ציין! —
הייבט אָן דער צווייטער הונט מיט שפּאָט צו ברייען:
אַז אַלע מיינע בילער זאָלן אויף די ציין שוין שרייען.

דעם זאַטן גראָבן נפֿש פֿאַלט נישט איין,
אַז טיילמאָל שרייט מען פֿון געוויסן־פּיין,
אַז ווי צום הונגעריקן שומר, וואָס — אָנשטאָט צו היטן —
האָט אויפֿן רויבערס ראָל זיין ראָל פֿאַרביטן.

דער לייב און דער וואָרעם

איןווילדן וואַלד פּאַסירן אויסטערלישע זאַכן.
דער לייב האָט זיך באַפריינדעט מיטן שטאָלצן פערד:
שפּאַצירן זאַלבענאַנד, און שמועסן, און לאַכן.
די שמועה וועגן דעם דערגייט צום וואָרעם אין דער ערד.
דער וואָרעם פרעסט די ערד, דעם וואָרעם פרעסט די קנאה.
ער קאָן שוין מער נישט איינליגן אין זיין מלינה
און נעמט זיך גראָבן שיכט נאָך שיכט
און קריכט,
און קריכט אַרויס, דערקריכט
צום לייב און פערד און זעט מיט קנאה־פולע אויגן —
די מעשה וועגן לייב און פערד — געשטויגן און געפלויגן.
דער וואָרעם ליגט פאַרהוילן צווישן גראָז, אין שרעק פאַרשטויבט,
און שעפּטשעט תפילהדיק צום לייב: — אַ לויב דיר, האַר פון האַרן!
געניסן פון דיין גנעדיקייט ווען מ י ר זאָל זיין דערלויבט—
איך וואָלט זיך, ווי דאָס חוצפּהדיקע פערד, צו דיר נישט שפּאַרן,
ווי ער וואָלט זיין דיין גלייכן, א י ך וואָלט רק דיין לויב
ביי דיינע קייסער־פיס געגאַוועדט, ליגנדיק אין שטויב. —
צום וואָרעמס שעפּטשעניש איז אונדזער לייב פאַרבליבן טויב;

ווייל זיין באפרייינדעט מיט אַ פערד אַ שטאָלצם איז ניחאר,
ווי אויסצוזהערן לויב־רייד פון אַ ווערעמדיקן קריכער.

ס'וויל יעדער חונף מיט געלויב צום שטאַרקנם הארץ דערגיין.
נאָר וואָס דערפון? אז ווי אַ וואָרעם איז ער נישטיק — קליין,
איז אויב ס'איז יענער, גלייך ווי אונדזער לייב, נאָך אויך אַ
חכם,
פאַרבלייבט זיין אויער טויב פאַר אַלע צביעותדיקע שבחים.

לאָדזש, מאַי 1947

דער לייב און די ווערעם

וואַלד־אוים, וואַלד־איין צעהאָנגען איבער צווייגן איז אן אימה.

די ווילדע רו צופוסנס פון די ביימער איז אוועק.
די פייגל, חיות ציטערן אין שמועסן געהיימע:
— צו אונדזער וואַלדהיים נעמט אַן עק.
איעדער שפּור ווערט אויסגעשנאָרכט פון א גע־יעג־הונט;
אַז אָך צו דעם, וואָס אים באַגעגנט,
און ווי צו יענעם, וועמען ער באַפאַלט.
און הינטער אים — אַ יעגער מיט אַ „די, וואָס קנאַלט",
פאַרוואָרפן איבער פּלייצע;
זי טוט אַ בליק בלויז מיטן איינעם שוואַרצן אייגל — טייט זי... —

און גרויס און קליין אַנטרינען פאַרן גזר.
האָט אויכעט נישט דער לייב, דער וואַלד־הערשער, קיין עצה,

און לויפט אַוועק, ווי אַלע, צו די זומפּן מיט זיין צער.
ער שמעקט דאָרט אויס אַ הייל, פאַרהוילן צווישן גריבער,
און לעבט אין איינזאַמקייט ,אַן אומעטיקער, טריבער.
אין בלאָטע־מאָך פון אונטן קאָרטשעט זיך אַ קויל
פון ווערעם גליטשיקע פאַר פּחד און פאַר גרויל.
צי גלאַט — א לייב אין וואָרעם־שרעק געפינט קיין טרייסט נישט,
צי מחמת צרות פילט ער דאָס נישט, און ער ווייסט נישט,—
ער שווייגט מיט איין באַגער, מע זאָל נישט שטערן אים די רו.

געוווינען זיך די ווערעם צו.

און מיט דער צייט, וואָס ווייטער,
אַלץ דרייסטער ווערן זיי, פֿאַרשייטער
און הייבן אָן מיט ווערעמדיקן שטעל
אַרייַנצוקריכן ממש אין זיין פֿעל.
דער לייב פֿון בענקשאַפֿט נאָך די וועלדער גייט אַראָפּ פֿון זינען,
אין גרויסער פּיין דערשטיקט ער זיין געבריל, —
צי וועט ער זיך אַצינד פֿאַרגינען,
אַרייַנצולאָזן זיך מיט ווערעם אין אַ שפּיל.
פֿאַרקריכט אַן אַרצי־חוצפּהדיקער וואָרעם
צו אים אין גריווע און ריכט איין די האָר אים
מיט גאַוווערדיקן מויל,
און ריימט זיך פֿויל:
— מיר וועלן זיך צו אים אין שאַרבן נאָך דערקריגן,
דעם אומגעהייער מיט געדולד פֿון פֿוילעניש באַזיגן. —
אויך איצטער איז דער לייב, קיין ריר זיך נישט צו טאָן, געלינגן
און שטילגעשוויגן.
ביז איינמאָל — ווי אַ טייך שטראָמט דורך דעם זומפּ די צייט
און ברענגט אַ בשורה פֿון די וועלדער אין דער וויים:
— אוים הונט! אוים יענער מיט כלי־זיין! —
צו זיינע וועלדער־לענדערייען
זיך טוט אַ ריס דער לייב צוריק.
זיין דונערדיק געבריל צעציטערט ווידער
דאָס האַרץ און פֿעל פֿון חיות־ברידער.
זיין הערשערישער פֿלאַמענדיקער בליק
דורך פֿלאַמער פֿון צעהיצטער גריווע
וואַרפֿט ווידער אָן די אימה פֿון אַ שריפֿה אויף דער סביבה.

און אונדזער ווערעמדיקער לומפּ?
בלייבט ווייטער אינעם זומפּ,
דעם פּוילנדיקן בלאָטע־מאָך צו פרעסן.
דער לייב געדענקט אים נישט אפילו צו פאַרגעסן.

אין צרות טרעפט זיך, אַז דער שטאַרקסטער לאָזט זיך אָפּ;
דער פּחדן קומט צו גיין און טרעט אים אויפן קאָפּ, —
מיין משל מיינט דאָס אים און זאָגט די וואָר אים:
דער לייב בלייבט לייב, דער וואָרעם — וואָרעם.

באַשקיריע, 1941—46

דער חזיר מיטן בלומען־קראַנץ

ס'גייט אום אין וואַלד אַ רעטעניש פון מויל צו מויל:
פונוואַנען האָט צום חזיר זיך דערנומען
אַ קראַנץ פון בלומען?
פאַר וועלכע מעשים־טובים אים באַקומען?
דערפאַר אפשר, ווייל תמיד איז ער פויל
און שטענדיק גערן אָנצוקומען אויפן גרייטן?
נאָר עפּעס י ע נ ע ם גענבן — פאַר אַ האָר וואָלט ער זיך
— טייטן! —
ביז ס'איז דאָס רעטעניש דערגאַן צום פוקס אין וואַלד.
אַ טראַכט געטאָן, אַ שמייכל — ס'רעטעניש באַשיידט ער
באַלד:
— הערט אויס, רבותי! וואָסער רעטעניש! דער ענין קלאָר
איז —
ערשט נעכטן האָט מען אויפן וויטן אַלטן בית־הקברות
געלייגט אַ קראַנץ פון בלומען אויפן קבר פון אַ מאַן
וואָס האָט געקעמפט און אָפּגעהאַלטן זיגן;
האָט אונדזער חזיר אויפן בית־הקברות זיך דערקריגן
און, ראַיענדיק צעווישן קברים, אויך דערגאַן
צום קבר מיטן קראַנץ פון בלומען;
דער חזיר האָט דעם בלומענקראַנץ פון קיינעם נישט
באַקומען —
אַ חזיר, האָט ער זיך דעם פרעמדן קראַנץ אַליין גענומען,
אַ חזיר, טוט עס אויך אים ווייל באַקומען.

עס קאָן זיך צירן ווער מיט לאָרבער־קרענץ גאַנץ פיין,
און זיין,
ווי אונדזער חזירויק — אַ שווין.

דרושניקי־זדרוי, 1947

דער חזיר אין בלאָטע

אַ בלאָטע אָפּגעזוכט וואָס טיפער און געדיכטער,
דער חזיר חקירהט נישט, און באַלד אַהין פאַרקריכט ער:
נענוג. ער וועט שוין מער נישט זוכן. וואָרן וואָס?
צי ווייניק האָט ער אויסגעשנאַפּט נאָך מיט דער נאָז?
עס איז אַ דוחק היינט אין קילע, פייכטע דירות —
אין איצט די צייט אַריינצולאָזן זיך אין חקירות?
און אָפּגעשטעלט זיך אין דער בלאָטעס סאַמע מיט,
און אויף די הינטערשטע רגלימלעך געקניט,
פאַרזינקט ער תיכּף ביזן האַלדז־און־אַקן,
און ס'ווערט אים נחת־רוחדיק אויף זיין געמיט:
די תמוז־זון מעג איצט, ווי איר געפעלט עס, באַקן,
די זאָרג פאַר קילקייט איז פון אים אַראָפּ!
מיט גאווה
שטאַרצט זיין קאָפּ,
עס שנאַפּט זיין שויפל ־ נאָז מיט תאווה
די אווירדיקע לופט:
אָך, דופטעט זי! זי דופטעט געטלעך מיט איר דופט!
ער שליסט מתיקותדיק די שיטערלעכע ברעמען
און חלומט האַלב אין דרימל, האַלב אויף וואָר:
עס זאָל זיך עס דערוועגן ווער צו קומען נעמען
פון רוקן מיינעם כאָטש אַ האָר!
ס'דערוועגט זיך טאַקע נישט קיין איינער —
איך וואַרף אויף אַלעמען אַ פּחד מיט די ציינער!
— קרא־קרא! קרא! —
זיין טרייער פויגל טוט אַ שטעל זיך אויף זיין רוקן
און הייבט זיך אָן פאַר אים, ווי פאַר אַ קדוש, בוקן,

און בויערט אים אַ קראַ אַריין אין טעמפּן קאָפּ:
דו מעגסט מיך אויסהערן, מיין ווילטוער און שפּייזער,
איך בין אַן אַלטער פויגל שוין, אַ גרייזער —
ס'איז נישט דיין גבורה, וועלכע שרעקט די בעלי־חיים אָפּ.
(אויב כ'ווייס עס נישט אַליין, געהערט האָב איך עס זאָגן)
קראַ־קראַ! קראַ!
דאָס איז פון דיין געלעגער־זינקעניש דער ריח־רע,
וואָס קיינער קאָן אים נישט פאַרטראָגן.

איך קאָן אַ מענטשן, וועלכער האַלט זיך פאַר אַ העלד,
ווייל, כלומרשט, ציטערט דאָך פאַר אים די גאַנצע וועלט!
און ס'איז נישטאָ דער פריינט, וואָס זאָל אים זאָגן:
דאָס מיידט מען דיך צוליב דיין ניבול־פה,
וואָס שמעקט, ווי יענעם חזירס בלאָטע — פע!

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1949

דער חזיר און דער פוקס

דער פוקס איז קלוג. דאָס ווייסן אַלע בעל־משלים.
וויל איך דערציילן, ווי געטראָפן ס'האָט אַמאָל אים,
דעם פוקס טאַקע, אַ גרויסע טיפּשות צו באַגיין —
אַ דבר־אחר אויפצוקלערן, זיך צו האַלטן ריין.
— זיי וויסן,—האָט ער זיך צעדרשנט: בלאָטעס זיינען מיאוס!
עס דאַרף אַ חיה אויסהיטן פאַר זיי די פיס.
אַ חיה דאַרף קיין חזירוק נישט זיין,
אַפילו ווען זי איז, ווי דו, אַ שוויין.
למשל, דער צווייפיסיקער, קוים שפּירט ער בלאָטעס—שפּייט ער.

און ס'רעדט דער פוקס אַזוי־אַ ווייטער, ווייטער.
האָט ער דעם דבר־אחר איבערצייגט?
דער דבר־אחר שווייגט.
דער פוקס, ער קאַרגט דעם חזיר נישט קיין וואָרט, רעדט ברייט און לאַנג,
ביז ס'טוט דאָס דבר־אחרל אַ כריוקעלע: איך דאַנק!
צופרידן איז דער פוקס: נישט וואָר?
פון חזיר גוט איז אויך אַ האָר.
דער עיקר איז ער שטאָלץ, דער פוקס: נו, זאָגט אַליין —
צו דאַנקען אים וועט האַלטן זיך אַ חזיר ריין.
נו, יאָ... עס שטעקט אַ כוח אין זיין וואָרט. עס האָט אַ וואָג.
ער איז, דער פוקס, אַ פּעדאַגאָג!
און זיי געזעגנען זיך, ווי בעסטע גוטע פריינט:
דעם תלמידס פּרצוף—ערנסט, און דעם לערערס—שיינט.
נאָר הערט: דעם זעלבן טאָג נאָך, גייענדיג פאַרביי אַ זומפּ,
דערזעט דער פוקס: עס הוילערט דאָרט אַ דרימלענדיקער לומפּ
אַ העלפט אין בלאָטע און אַ העלפט אין זונענשיין...

אוי־ווי צו זיינע אויגן! ס'איז דאָך ער, זיין שוויין!
ערשט איצט האָט אונדזער פּעדאַגאָג פאַרשטאַנען אויף
דער שטעל:
ווי גרויס עס איז געווען זיין טעות, אָך, ווי גרויס!

עס קאָן נאָך ווער אַרויפציען אויף זיך אַ פרעמדע פעל,
נאָר פון דער אייגענער וועט קיינער נישט אַרויס.

מעלן

וואָס אין לעבן קאָן זיך מאַכן
סיי צום וויינען, סיי צום לאַכן —
טראַכט נישט אויס עס קיין פּאָעט
מיט זיין מוזע טעט־אַ־טעט.
הערט אַן אויסטערלישע מעשה
וועגן מעלן ווייסע.
הערט מיט קאָפּ און מיט פאַרשטאַנד!
אויפן טיש פון לאַבאָראַנט
שטייט מיט ווייסע מעל אַ טעלער;
ווייס — עס קאָן נישט זיין נאָר העלער,
צאַרט ווי זייד —
מעל פון קרייד.
זעט זי: עס דערנענטערט זיך אַ צווייטער טעלער,
אויך מיט מעל מיט העלער,
ציכטיק־ווייסע, צאַרטע, פול מיט רייץ,
(זאָל איר איינפאַלן. ס'איז מעל פון ווייץ?) —
הייבט זיך אָן זיך העל צו פרייען:
תמיד איינגענעמער איז אין צווייען.
ס'איינענע דערפילט די צווייטע אויך,
(מעל פון קרייד — באַנעמט נאָר נישט איר מות.)
און זי שפּרינגט צו יענער אינעם טעלער.
שיינען ביידע אויף נאָך העלער.
און מע האַלדזט זיך, און מע קושט זיך, און מע מישט זיך
אויס —

שוועסטער פון איין מאַמעס שויס!
שפּעטער, בעתן מאַכן מיט איר פּראָבעס — ס'גייט נישט!

איז דער לאַבאָראַנט פאַרווונדערט: ער פאַרשטייט נישט...
ביז ער כאַפּט זיך, און עס ווערט אים קלאָר:
אַ שלימזלדיק־צונויפגעפּירטע פּאָר —
מעל פון קרייד מיט מעל פון ווייץ! אוי, צרות!
יעדער טויג פאַר זיך, צוזאַמען — אויף כפרות.
און ער שיט זיי בײדע אוים ביינאַנד.

עמעץ מעג פאַרמאָגן אַלע מעלות —
דאַרף מען פריינטשאַפט מיט אים שליסן אָן התפעלות,
מיט פאַרשטאַנד.

דער עפל און די ווערעם

אַ גרויסער שיינער עפּל,
געגליכן צון אַ קעפּל
פון אַ צעשמייכלטן רויט־בעקלדיקן שטיפער,
אַראָפּגעשפּרונגען איז פון בוים אויף דרערד.
האָט דאָס אַ וואָרעם אין איר שוים דערהערט
און אויפגעהערט צו גראָבן טיפער.
ער האָט אַרויסגעפּויזעט פון זיין שאַכט,
זיך אויפגעשטעלט, געשלענגלט, אויסגעצויגן,
דעם עפּל פאַרשנדיק באַטראַכט
מיט קנאה אין די אויגן
און שטיל גערעדט צו זיך אַליין:
— וואָס ווייס איך פון אַ לעבן גאָר צו זאָגן.
אַז תמיד קיי די ערד, טעמפּ אוים די ציין
און פויק זיך אָן מיט זאַמד אַ פולן מאָגן.
אָט אים, דעם עפּל, ליכטיק איז אויף דעם געמיט —
עס שלאָגט פון אים מיט שיין פון זון, ער גליט,
ער שמעקט, פאַרשיכורט, ווי מיט ווין, מיין קעפּל...
— דו קוק נישט, ברודער, וואָס דעם עפּלס פּנים קוועלט
צעהעלט, —
רעדט שטיל־געדעמפּט אַ בויך־שטימע פון עפּל:
הגם אינגאַנצן זעט ער אוים צו זיין,
דער עפּל, מלא־שיין,
איז פול זיין האַרץ מיט פּיין...
המם:.. איך, אַ יאַט פון דיינע גראָב־חברים,
האָב אויסגעטאָטשעט אים שוין די געדערעם.

עס מעג אַ מענטשנס פּנים אויסזען פרום און ווויל —
זיין האַרץ קאָן זיין פאַרדאָרבן, ווי דעם עפּלס פויל.

דאָס שטיקל טואַלעט-זייף
און דאָס בלימל

א שטיקל טואַלעט-זייף מיט אַ שאַרפן אַראָמאַט
האָט איינמאָל גרויסע, גרויסע שברי-לב געהאַט —
עס פלאַצט ביי דעם דאָס שמעקעדיקע האַרץ כמעט:
— דאָס פּיצל בלימל,
וואָס פון וואַזאָנע אויפן פענצטער קוקט צום הימל —
וואָס איז דערמיט דער יחוס אַזוי גרויס?!
עס זעט דאָך אויס,
אַז שמעקן שמעקט עס שוואַך און פון דער נאָענט בלויז,
און נעז, גאַנץ חשובע אפילו,
זיך בייגן צו דעם צו, ווי פרומע לייט,
וואָס מיט פאַרמאַכטע אויגן ריכטן אָפּ אַ תפילה;
און מיך, וואָס איך פאַרשיכור מיט מיין ריח פון דער ווייט...—
דאָ רופט זיך אָפּ אַ פּרענטל וועש-זייף מיט אַ שטים אַ גראָבער:
— וואָס האָט צו בלומען זיך צו גלייכן אַ „נאַש-בראַט“?
עס איז דאָך פ ר ע מ ד ס דיין אַראָמאַט.
דאָס פּיצל בלימל אָבער,
הגם זיין דופט איז שוואַך און איידל-מאַט —
איז ז יי נ ע ר דאָך, פון דער נאַטור אים איינגן,
דעריבער איז כדאי צו דעם זיך צוצובייגן.

ווען ס'איז דיין דיכטונג — פּלאַגיאַט,
פאַרוואָס זאָל זיך פאַר דיר דאָס פּובליקום פאַרנייגן?

לאָדזש, 1949

דער פויער און דער צוג

א זומערדיקער גלי־טאָג. שטייט א פויער
ביים ראַנד פון פעלד, און אויף זיין פּנים — טרויער.
ער גלאָצט צום הימל, זיפצט אַראָפּ צו דרערד:
— פאַר וועלכע זינד איז מיר אזוי באַשערט?
ארויסגעוואָרפן פאַרן טייוול גאָר מיין מי איז!
מיט פייער־בייטשן שמייסט די זון! די שמיץ
צעשלאָגן דיך, מיין פעלד: שרימפּסט איין פון היץ,
און אויפצוגיין דערלעבן נישט די זריעות... —
דערוויף
יאָגט אָן אַ צוג מיט איין האַרמידער און געלויף
און טוט מיט האָפּערדיקן פייף די ווייט אַ בויער,
און בלאָזט פון זיך מיט גאווה גאָר אַ שרעק:
— הער אויס, הער אויס מיך, פויער!
פאַרמאַך דאָס מויל, פאַרמאַך, אָן עק!
אומזיסט דיין טרויער און דיין צער איז —
איך ברענג דיר בערג און בערג מיט כמאַרעס... —
און סאַפּענדיק ער הילט דעם פויער איין מיט כמאַרעס... רויך,
אַזש ס'ווערט אים ביטער אין די אויגן
און פינצטער אין צעלעכצטן מוח — — —
ווי אַ נישטגוטער איז דער צוג פאַרביינגעפלויגן,
און מיטן קאָפּ דער פויער שאָקלט, שעלט אים נאָך:
— אויף דיינע אקס־און־רעדער מיינע צרות,
אויף דיינע כמאַרעס די עקרות,

וואָס לינדערן קיין טראָפּן נישט מיין בראָך!
ווי כ'בין נעשטאַנען טרוקן — שטיי איך...

באַרימער האָבן אַלע איין נאַטור:
זיי לאָזן איבער בלויז אַ שפּור —
און איבלדיקן ריח.

די וואַנט און די שטיינער

ווענט האָבן אויערן — באַקאַנט איז יעדן.
צי אויך אַ מויל צום ריידן?
אַנומלטן האָב איך אַליין געהערט: — עס רעדט אַ וואַנט
צו אירע שכנותדיקע שטיינער:
— אי, פע! ס'א חרפה און אַ שאַנד
צו גיין געהויקערט, ווען מען וויל זיך צו דער הייך דערקרייגן.
אַ גאַנג אַרויף נאָר דעמלט וועקט
רעספּעקט,
ווען ס'איז דער רוקן נישט געבויגן,
און ס'קוקן שטאָלץ פאַר זיך די אויגן.
ווי שעמט איר זיך נישט? זאָגט אַליין.
אָט זעט, ווי לייטיש דאַרף מען גיין —
למשל, איך, די וו...

— שווייגן! —
צעבייזערן זיך טריט, וואָס מיט די שטיינער שטייגן:
ס'איז אמת, וואַנט, גייסט גלייך און שטאָלץ — צום דאַך.
צום ענין אָבער גייסטו צו גאַנץ פלאַך:
די שטיינער שטעלן דאַך, געהויקערטע, דעם רוקן אונטער
פאַר אַ נ ד ע ר ע, זיי זאָלן הייבן צו דער הייך זיך מונטער.
דאָסדאָזיקע דערהייבט די שטיינער, מאַכט זיי גלייך און שיין.
און דו, די וואַנט — צי לאָזט זיך עמעץ מיט דיר גיין?
— פאַרוואָס דען נישט? — זאָגט שטאָלץ די וואַנט: די פליגן.

— אַך, פליגן? יאָ... נאָר מ ע נ ט ש ן שטייגן בלויז מיט
שטיגן... —
דערמיט פֿאַרענדיקן די טריט די רייד און הויכן גאַנג.
די וואַנט נעמט איין דאָס שטומעניש — איך מיין, אויף לאַנג,
אויף לאַנג.

באַשקיריע, 1942 — מאָסקווע, 1946

די ברילן, די נאָז און דער קאָפּ

— עס האָט אונדז שוין דערעסן, הערט,
דאָס רייטן אויפֿן קנאָכנדיקן פֿערד! —
געוועגדעט האָבן זיך צום קאָפּ מיט רייטער־שטאָלץ די ברילן,
פֿאַרדריסלעך שיקלענדיק אַראָפּצו צו דער נאָז.
— וואָס מיינט איר עס דערמיט צו זאָגן, וואָס? —
זיי פֿרעגט דער קאָפּ: און וואָס איז אייער ווילן?
— פֿון רימען זיך, — די ברילן הייבן אָן: מיר זיינען ווייט...
— בקיצור, — זאָגט דער קאָפּ: צו וואָס מיט שיינע ווערטער
שפּילן!
— ס'איז שוין די העכסטע צייט, —
די ברילן גלאָצן קורץ און שאַרף: פֿון זינט מיר רייטן,
דאָס פֿערד צו בייטן,
באַווייזן זיך, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אונדז, פֿאַר לייט —
מיר ווילן שטייגן אויפֿן שטערן.
— ווי איינגענעם צו הערן!
ס'איז זיכער שענער שטייגן, איידער נידערן אַראָפּ, —
צעשמייכלט זיך דער קאָפּ:
צו לויבן אייערע געפֿילן!
כ'באַפֿעל די האַנט און — אייער ביטע איז דערפֿילט...
— אוי־ווײ! — באַפֿאַלט אַ פֿינצטערניש די ברילן:
מיר זיינען ערשט דורכוים פֿאַרשפּילט!
דער שטערן איז דאָך גאָר פֿאַר אונדז די ערגסטע פּגע —
די וועלט האָט אויסגעלאָשן זיך באותו־רגע...
ווי נידערט מען אַראָפּ שוין אויף דער נאָז צוריק,
וווּ ס'האָט דורך אונדז געשפּיגלט זיך צום מענטשנס בליק

די וועלט, דאָס לעבן און דאָס גליק!
— געפּועלט! — זאָגט דער קאָפּ: זאָל מער די גאווה אייך נישט
צערן.

זאָלסט וועגן אויף דער וואָגשאָל פונעם שכל דיין באגערן.
אמאָל ווערט פינצטער גראָד, ווען מע דערנרייכט די שטערן.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דאָס שטויבל און די ברעם

אַ שמוציק שטויבל דרייט זיך אין דער לופֿט: — „זעט, זעט!
איך איל זיך צו מיין מוטער, צו דער זון, העט־העט...“
ס׳קוקט קיינער זיך נישט אום אויף אים, פֿאַרשטייט זיך,
ווייל מאַלע־וואָס א שטויב אין פּוסטקייט דרייט זיך
און צווישן שטויבן־ברידער שאַפּט זיך איין א שם.
ביז פּלוצעם טוט אַ פֿאַל ער אויף אַ מענטשנס ברעם:
— סע וואַרט אויף מיר די מאַמע זון! די ברידער, שטראַלן,
ציען!

נאָר כ׳בין פֿאַרמאַטערט פֿון דעם לאַנגן פֿליען.
איז עפֿן, טויער, זיך און לאָז אַריין אין הויז.
כ׳וועל אָפּרוען אַ ווייל, און כ׳פֿלי צוריק ארויס.
— אַוועק! — צעפּאָכעט בייז, צערייצט די ברעם זיך:
פֿון קוואַל פֿון לויטערן, פֿון אויג, פֿאַרנעם זיך!
איך שטיי אויף זיינע ראַנדן — אַ געטרייע שוץ,
און דו ביסט מער נישט, ווי אַ שטויבל שמוץ...

אַזוי איז אויך די טבע פֿון די מענטשן — שטויבן:
פֿון זיך אַ גאַנצן צימעס מאַכן, רק זיך לויבן;
צו וואָס אָבער אַזעלכער טויג,
דערזעט די ברעם פֿון חכמס אויג.

דער וואָקזאַל

די נאַכט פאַרשלינגט דאָס שטערנליכט פון אויבן.
דאָס שטעטל זינקט שוין אין אַ שלאָף אַ טויבן.
נאָר דער וואָקזאַל אין פרייען פעלד
קוקט שטאָלץ אין חושך פון דער וועלט
מיט לייכטנדיקע אויגן — זיינע שויבן.
ער גרויסט זיך אין זיין ליכט און קוועלט:
„אַפּנים כ׳בין דאָס איינציקע געצעלט,
וווּ מענטשן קאָנען רו געפינען,
וווּהין זיי גאָרן צו אַנטרינען
פון זאָרג און מי, און פון באַטרוג;
עס שטראָמען צו מיר ליים אָן אויפהער!...״
— אָט יאָגט צו מיר זיך נאָך אַ סאַפּענדיקער לויפער! —
באַגעגנט ער מיט אויסגעשריי פון שיין אַ צוג:
און ברענגט צו מיר דער וועלטס קרבנות.
— נו, מאַך הכנות! מאַך הכנות! —
לויפט אָן דער צוג און סאַפּעט שווער:
הער־הער! הער־הער!
דו, שטיינעריקער שטייער,
ביסט זייער נאַריש, זייער!
ווייל תמיד שטייסטו אויפן זעלבן אָרט.
צו דיר קומט דער נאָר, וועלכער פאַרט
און וואַרט אין דיר בלויז איבער...
הו־האַ! הו־האַ! הו־האַ!
ס׳פאַרלאָזן דיך די געסט שוין, ליבער —
זיי איילן זיך אַהיים צו וואַרטנדיקע שטיבער.

טאַ־טאַ! טאַ־טאַ! טאַ־טאַ!
איך האָב נישט מער קיין צייט דעריבער...
טאַ־טאַ! טאַ־טאַ! טאַ־טאַ!
זיי זיי... זיי זייַנען שוין ניש... טאָ...אָ!

איך קאָן נאַטשאַלניקעס וואָס שטייען גאָר אין גרויסן
צוליב דער וואַרטנדיקער ריי,
וואָס שטייט פאַר זייער טיר אַריינצוגיין צו זיי, —
כאָטש זיי אַליין איז ווער אין תוך דען אויסן?!

וואַרשע, 1929 — לאָדזש, 1949

דער בויגן פּאַפּיר און די פּען

אויפן שרייבטיש, אינעם גלאַנץ פון זון, ליגט אויסגעצויגן,
ווי אַ יחסן, ווייס פּאַפּיר — אַ בלאַנקענדיקער בויגן,
פּלוצעם טוט זיך אויף זיין גלאַטער הויט אַ פּען אַ לאָז.
שריטפּט זיך איין דער בויגן, הייבט זיך אָן צו היצן:
— שמאַראָוואָז!
סאַראַ חוצפּה דאָס — מיין צאַרטע הויט צו קריצן,
אויספלעקן מיט שוואַרצן טינט מיין איידל לייב!
— כ׳שרייב! —
טוט די פּען אַ שטאָך דעם בויגן, ווי אַ דאָרן.
צינדט דער בויגן אָן זיך מיט אַ פלאַם פון צאָרן
(נסים, וואָס פון אים קיין אַש איז נישט געוואָרן!):
— נעגעדל פאַרקאַטערטס! מיאוסער שנעק!
שוין, די רגע, טראָג זיך אָפּ! אַוועק!
— ס׳איז מיין יעדער קריץ פאַר דיר אַ צערטל,
דאַרפסט מיך בענטשן פאַר אַ יעדן ווערטל,
וואָס מיין שפּור לאָזט איבער שוואַרץ אויף ווייס אויף דיר,—
ענטפערט אָפּ די פּען מיט שאַרפע קלוגע טראַפּן:
ווייל — דו ביסט דערויף, פּאַפּיר־בויגן, באַשאַפן,
אויפצונעמען, צו פאַרהיטן יעדן מינדסטן ריר
פון דער שעפערישער מענטשלעכער געהיר. —
ערשט האָט זיך פאַרטראַכט דער בויגן ווייס פּאַפּיר
און געבליבן רואיק ליגן,
איינגעזאַפּט אין זיך דעם טינט
און, ווי אַ גוט־דערצויגן קינד,
ווען די מאַמע צוואָגט עס, שטיל געשוויגן.

שאַרפע קלוגע רייד פאַרשאַפן אָפטער צער,
אָבער זיי דערגייען ענדלעך, אויך צום נאַר.

דער פוקס און זיין עק

אַנומלט האָבן כלבים נאָך אַ פוקס געיאָגט זיך.
דער פוקס, ווי נישט אויף פּיס — אויף פליגל טראָגט זיך.
ער שפּרינגט אַריבער היגלען, מיידט אַ טאָל, אַ ראָוו;
עס זעט זיך דער געדיכטער וואַלד פון ווייטן —
די האָפנונג שפּראָצט אַרויס פון אַלע זיינע זייטן:
באַלד נעמט צום אומגליק שוין אַ סוף!
אין וואַלד וועט ער אַ שוץ געפינען.
אַ צרה אָבער — זיין צעפּוישטער עק
(צון אַלדי ווייסטע שלעק!)
אים שטערט כסדר צו אַנטרינען —
ער פּלאָנטערט זיך און שטרויכלט זיינע פיס;
ער פירט אַראָפּ אים פונעם זינען!
ער זאָל נישט אָפּשניידן, דעם שיינעם עק צו דאַנקען, מיאוס
ווי דאָ דערזעט דער פוקס — אינמיטן פעלד אַ שייער,
און אין אַ וואַנט זיינער — אַ לאָך!
— אָ, ראַטעווע, געטרייער!
אָ, העלף אַרויס מיר אין מיין בראָך! —
הייבט אָן דער פוקס צו שרייען
און, צוגעלאָפן, טוט אַ צי זיך אויס דין־דין
און קריכט אין לאָך אַריין, אָט ווי אין האָלץ אַ קלין,
און — ליגט שוין אינעווייניק, איינגעקנוילט אין דרייען.
די הינט — פון יענער זייט געבליבן מיט דער נאָז.
...איך קאָן דאָ רואיק זיצן ווי אַ באַלעבאָס
אַ רעכטער! —
הייבט אָן דער פוקס צו זיך צו קומען, רוט זיך אָפּ
און נעמט זיך צולייגן צום ענין קאָפּ —

דערויף איז דאָך דער פוקס אַ וועלט־חכם אָן עכטער:
המם... ווער האָט מיך גערעטעוועט? און ווער, פאַרקערט,
האָט מיר צו ראַטעווען זיך נאָך געשטערט?
דער גוטער זאָל באַלוינט ווערן, באַשטראָפט — דער אומגערעכטער.
ס'איז קלאָר: געראַטעוועט מיר האָבן קודם זיי, די פּיס,
(ער גלעט זיי צערטלעך, קושט זיי זיס)
און ער, דער עק, געזאָלט האָט זיין מיין שעכטער.
— אַרויס, פאַרעטער, צו די כלבים אויף די ציין,
און שטיי נישט מער אין גרויסן! —
טוט האַסטיק ער אַ שטעק אַרויס אים דורך דער לאָך אין דרויסן:
דו ביסט נישט מער קיין גליד פון מיינע גלידער, ניין! —
(עס קאָן אַ פוקס אַ חכם אויך אַ נאַרישקייט באַגיין).
די כלבים האָבן באַלד אַ פּאַק געטאָן דעם עק, געצויגן
און בּיסלעכווייז אַרויסגעשלעפּט דעם פוקס אַליין.
דער פוקס — עס בלוטיקן און ברענען זיינע אויגן,
און ער פאַרגייט זיך אין געוויין:
— אָ, עק מיין שיינער!
עס גריזשען אונדז דיזעלבע ציינער.
זיי מוחל, ביין פון מיין געביין!

ווער ס'האָט אויף איינן פליש און בלוט נישט קיין רחמנות
און שטעלט אַרויס עם אויף סכנות —
פאַרמשפּט זיך אַליין.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948

דאָס אייזל און דער פוקס

דער לייב דער מעכטיקער האָט ראַטגעבער אַ סך,
און צווישן זיי דעם פוקס, דעם חכם דעם באַוווסטן.
נאָר מעכטיקע באַראָטן זיך נישט גראָד ביי יעדער זאַך:
„מיר פעלן עצות!" — טוט ער מיט דער לאַפּע אָפּט אַ מאַך
מיט ביטול און מיט שטאָלץ מיט פּוסטן
און טוט אַזוי, ווי ס'טוט זיך אים פאַרגלוסטן.
האָט איינמאָל זיך פאַרגלוסט דעם לייב אַ נייער סעקרעטאַר.
און אויף דעם אַמט באַשטימט אַ כפל־שמונהדיקן נאַר
(עס וועט אייך גאָרנישט קומען אויף דער דעה — וועמען!
איך בין נישט גערן קיינעם צו באַליידיקן, פאַרשעמען,
צי גאָר, חלילה, עמעצן פאַרשאַפן צער,
ווייל אויך די ליידן פון אַ חיה וועקן מיין רחמנות) —
ער האָט באַשטימט דאָס אייזל, וואָס באַרימט איז מיט
עקשנות.
די בשורה האָט ביים אייזל אָפּגענומען אַזש די שפּראַך,
און ס'האָט געוואָרפן אים אין הייסן און אין קאַלטן,
ווייל — זאָל געזאָגט ווערן דעם אייזל אויך, אַ שבח —
ער פלעגט די קריוודעס זיינע מיט עקשנות אויסבאַהאַלטן
און שווייגן צווישן לייטן תמיד שטיל,
ווען אַלע חיות און בהמות האָבן אים געשטופּן,
צי ס'האָט אַ מיאוס באַשעפעניש אויף אים געהיפּן.
נאָר גיך האָט זיך געענדערט ביי דעם אייזל האָס געפיל:
אָט ערשט־אָ וועט ער טאָן, וואָס נאָר ער וויל!
און מ א כ ט געוואָרן איז זיין ציל.
אחוץ ביים לייב, קיין דעה פרעגט ער נישט ביי קיינעם.
ער טוט עקשנותדיק, וואָס אים געפעלט —
וואָס גייט אים דאָרטן אָן די וועלט!

— גוט מאָרגן, פריינט! — באַגריסט אים איינמאָל אין אַ
טאָג אַ שיינעם
דער פוקס, וואָס קומט אים אָן אַנטקעגן אויפן וועג,
און טוט גוטברודעריש אַ קלאַפּ אים אין דער פּלייצע,
און מיט אַ פריינטלעך שמייכעלע אַ פרעג:
נישט שוין זשע, אייזל, נייטיקסטו זיך גאָרנישט אין מיין עצה,
וואָס האָסט ווי גאָר פאַרגעסן צו מיין שוועל דעם שטעג?
צי קאָן אַן עצה פון דעם לייבם אַ ראָטגעבער פאַרשאָטן?
— זאָל א י ך צו ד י ר דאָס קומען זיך באַראָטן?! —
בלייבט שטיין דאָס אייזל מיט די פיס, ווי דרענגלעך, אין דער
ערד,
די אויגן גליען, ווי עס וואָלט אַ פייער זיי פאַרצערט,
די ליפּן שוימען, ווי עס וואָלט דאָס בלוט אין אים געזאָטן:
איר הערט אַ חוצפּה?! הערט נאָר, הערט!
דו קאָנסט מיך נאָכנישט, פוקס, און ווייסט נאָכנישט מיין
ווערט!
איך וועל מיין שטאָלצן פוס פאַר דיר נישט בייגן,
עס וועט זיין קלוגן קאָפּ פאַר דיר דאָס אייזל נישט פאַרנייגן!
— איך האָב א יי ך נישט געוואָלט באַליידיקן, אך, „גאָט
בעוואַר!“,
עס זאָל אַזוי קיין פוקס נישט וויסן פון קיין צער, —
האָט שאַרף דער פוקס באַטראַכט אים, ווי אַ מבין:
ס'איז וואָר, געערטער סעקרעטאַר,
איר האָט אַ וואַקס געטאָן אויף אייער פּאָסטן, ווי אויף הייוון,
און אויך, מיט אייך צוזאַמען — אייער נאַר;
די מאַכט ביי אים אין לאַפּע איז, ווי פייער, אַ געפאַר!

די טעג האָב איך באַקענט זיך מיט אַ סעקרעטאַר
פון גאָר אַ מעכטיקן באַרימטן האַר,
געהערט אים ריידן וועגן זיך אַליין, (אַ שטאָלצע ריידע!)
און האָב געטראַכט: דאָס אייזל פון מיין משל איז דיין זיידע.

דער העלדישער האָז

עס איז דער פוקס אין וואַלד אַרויסגעטרעטן מיט אַ ריידע
פאַר גאָר אַ גרויסער ברידערלעכער עדה.
די טעמע איז געווען: „פּחדנות ביי די חיות“.
ער האָט דערוויזן מיט די שאַרפסטע ראיות:

אַרויסווייזן פּאַר עטעצן — טע טוט זיך שרעקן,
דאָס הייסט, אַריינלייגן אין שונאס האַנט אַ שטעקן.
אין דער געפאַר דער גרעסטער — בלייבן שטיין!
און צונרייטן: די נעגל, הערנער, קאַפּיטעס און ציין...
געווען דערביי איז אויך דער שרעקעוודיקער האָז,
און ס׳זיינען אים די דרייסטע רייד אריין אין נאָז:
...ער וועט די תורה פאַרגעדענקען! —
אויף שרעקעניש שוין מערער נישט צו קרענקען.
געשעט אַמאָל — ער ליגט אַזוי אין פעלד
און עסט זיין רויב, באַסמאַקעוועט זיך, אונדזער העלד,
און ס׳צאַפּלט פּלוצעם אויף אַ שפּיצל פון זיין אויער:
אוי־ווײ! ס׳דערנענטערט זיך אַוואַדעטשקע דער פויער!
די העכסטע צייט צו מאַכן פּליטה. אָבער... ניין!
„אין דער געפאַר דער גרעסטער — בלייבן שטיין.“.
איז בלייבט ער, און... דאָס האָזנהערצל גליווערט אים, ווי לייט,
דאָס פויערל, א רגע נישט צו טראַכטן,
פאַרוואַרפט אים אויף די פּלייצעס אַ צום־טויט־פאַרשמאַכטן
און מיט אַ שמייכל אין דער וואָנץ — היידא אַהיים!

מיט יעדן פחדן, וועלכער פּרוווט אַ שפּיל טאָן העלד,
געשעט דאָס זעלבע, וואָס מיט אונדזער האָז אין פעלד.

דער שטרוי־דאַך און דער לייטער

— גענוג געווען אַן אונטערשפּאַר פאַר דיר! —
האָט איינמאָל אויף זיין לייטער זיך אַ דאַך פון שטרוי
צעצאָרנט:
ווייל וויפל, זאָג מיר, כ'בעט דיך, איז דער שיעור?
געדענק! איך וועל דיך!... זיי געוואָרנט!
— ס'איז אומדערהערט! —
געטענהט האָט דער לייטער גאָר פאַרקערט:
קוקט אָן דעם שטרויענעם מיוחס! ליגט זיך אויסגעצויגן,
און איך דאַרף שטיין פאַר אים כסדר, ווי אַ קנעכט, געבויגן! —
אַזוי זיך קריגנדיק, זיי האָבן זיך דעררעדט —
צעשיידן זיך, כל־זמן עס איז נישט שפּעט!
דער דאַך, (וואָס האָט דאָך נישט קיין פיס), פאַרשטייט זיך,
אַז ווי ער איז געשטאַנען, שטייט זיך;
דערפאַר דער לייטער רייסט זיך אָפּ פון אים און גייט זיך;
כאַשר אָבער זיינע פיסלעך זיינען קליין און שוואַך,
איז טוט ער זיך אין מיטן גאַנג אַ וואַקל — טראַך!
ער וואַלגערט זיך שוין ערגעץ אין אַ בלאָטע, ווי אַ שיכור,
און ס'איז פאַר אים נישטאָ מער קיין צוריק־קער.
נאָר דאָס איז נאָכנישט אַלץ און נישט דער עיקר —
געוואָרפן האָט אַ פונק דער צופאַל אויפן דאַך אינגיכן,
און ס'האָט די שטרוי זיך אָנגעצונדן. ס'ברענט!
די באַלעבאַטים האָבן דאָ פאַרבראָכן מיט די הענט:
אוי־וויי! נישטאָ אויף וואָס צום דאַך צו קריכן!
אַ פלאַקער האָט אַרומגעכאַפּט די ווענט
און שנעל דאָס גאַנצע הויז פאַרברענט.

דער משל לערנט: ווײ צו פריינט, חברים, שכנים,
וואָס האַלטן זיך נישט, ווי עס דאַרף צו זיין, אינאיינעם.

וואַרשע, 1938 — לאָדזש, 1948.

די זון און די מענטשן

עס וואונדערט זיך די זון נישט איין מאָל: הלמאי,
בעת זי גייט די סאַמע הימל־הייך פאַרביי,
און מענטשן הייבן אויף צו איר די פּנימער, — איז זע נאָר,
סיי פרויען און סיי מענער,
סיי זקן און סיי קינד —
די אויגן צוגעמאַכט! ביי וועמען
עס נעצט אַ טרער די ברעמען,
נאָר אַלע — בלינד!
און ס׳קומט איר נאָר, דער זון, נישט אויפן זינען,
אַז שולדיק זיינען ביידע, זי און זיי, דערינען:
דאָס האָבן אירע שטראַלן זיי פאַרבלענדט,
און זיי — באַדאַרפט זיך פאַר איר שיצן מיט די הענט.

אַפילו פון דעם בעסטן מענטשן צו געניסן,
ווי צוצוגיין צון אים, מע מוז אַפריער וויסן.
אויב נישט, וועט נישט קיין גוטס אַרויסקומען דערפון,
און ער, דער בעסטער מענטש, וועט זיין פאַרוואונדערט, ווי
די זון.

די פּאַפּיר־שויב און די שויבן פון גלאָז

אַ שקאָצעוואַטער שטיין זעצט אויס אַ שויב. איז וואָס וועט זיין?
אין דרויסן גיסט, און ס'רייסן הפקר זיך אין שטוב אַריין
די ווינטן — שמייסערס, אָנגעקליידט אין גרויע מאַנטלען — רעגן.
פאַרצווייפלט־בייז צעפירט די הענט דער באַלעבאָס:
— ס'איז שווער אַזוי צו קריגן היינט אַ שטיקל גלאָז! —
דערמאָנט ער זיך: ער האָט אַ שטיק פּאַפּיר אין זיין פאַרמעגן!
ער נישטערט, זוכט זי אויף, נעמט צומעסטן און זעגן,
און, צוגעפּאַסט, פאַרקלאַפּט — דעם אייבערשטן אַ לויב!
אַריינגעפּראַוועט ווי עס איז די שויב.
עס שמייכלט צו די באַלעבאָסטע: — מילא,
ס'איז נישט אַזאַ מין וואַזשנע כלי,
נאָר איידער וואָס און ווען,
איז מאַכט מען ווי מע קען,
און אויף דער ווילע טויג עס. —
נישט קאָנטעט איז אַליין די שויב פון דעם פּאַפּיר.
זי קוקט אין דרויסן און אין שטוב אַריין מיט רוגז:
עס זאָל אָן איינציק אויג כאָטש טאָן אַ שפּיגל זיך אין מיר,
ווי אין די גלעזערנע צעגלאָצטע שויבן.
איך זאָל אַפילו זיין באַשיידן און זיך שטאַרק נישט לויבן —
פאַרשטעל איך ערגער דען פון זיי דעם וועג
פאַר אַלע דרויסנדיקע שלעק,
פּורעניות און צרות? —
דערווייל האָט אויסגעלייטערט זיך. דער הימל קלאָר איז.
די זונשטראַלן אין פענצטער גיסן זיך אַריין.
די גלאָז־שויבן — ווי בעכערס פול מיט שיין,

וואָס פלייצט פון זיי אַרויס און לאָזט זיי פאָרט נישט ליידיק.
אין יעדן ווינקעלע אין שטוב ווערט ליכטיק, פריידיק.
און וואָס איז מיט דער שויב פון דעם פּאַניר?
אָנשטאָט איניינעם מיט די גלאָז־שויבן צו שיינען,
זי הערט נישט אויף דאָס זעלבע אַלץ צו טענהן.
זיך טיענדיק אומזיסט אַדורכצושלאָגן זיך דורך איר,
שרייבט אָן אויף איר אַ שטראַל: אַז ד ו פ אַ ר ש ט ע ל ס ט,
ווי שויבן, וואָר איז:
פאַרשטעלסט אָבער די שטראַלן אויך — איז טויגסטו בלויז
אויף צרות".

ווען דו פאַרנעמסט אַ הויבן פּאָסטן אין אַן ענגער צייט,
נישט ביט זיך אויס דעם כבוד פון די הויכע לייט:
פון אַ פּאַניר־שויב ביז אַ גלאָז־שויב איז נאָך ווייט.

דער תיקון־טעות

ס'איז שאַ געווען שוין אין דעם לייענצימער.
די טישן האָבן שטילגעשוויגן, ווי די ווענט.
אַ גאָלדגעליישטער רוקן פון אַ בוך, האָט בלאַס געטאָן אַ שימער
און אויסגעלאָשן זיך באַשיידן, ווי פאַרשעמט.
איך בין אַליין געזיצן ביי אַ טיש, פאַרלייגט די הענט,
פאַרטראַכט, פאַר ביכער אָפענע, געבלעטערט פון אַ ווינטל,
וואָס האָט אַריינגעווייעט דורך די פענצטער ווייט און פרעמד.
איך האָב, נישט טוענדיק אפילו מיט אַן אויג קיין פינטל,
זיך איינגעהאָרכט צום שלעפעריקן זעגן פון אַ גריל.
ווי פלוצעם טוט דאָס ווינטל שאַרפער אויפן טיש אַ שפּיל,
און ס'האָט זיך אַ געשעפּטש אַריינגעגנבעט שטיל
צו מיר אין איינגעהאָרכטן אויער —
געזידלט האָט אַן אָפן בוך מיט שאָרכנדיקער שטים
דעם צווייטן בוך, וואָס בלעטערט זיך דאָ לעבן אים:
— ש־ש־ש! ביסטו עס, ברודערל, אַ פויער!
ווי האָסטו עס קיין בושה נישט געהאַט
אַזוי פאַר לייט זיך צו באַווייזן,
מיט גרייזן איבער גרייזן —
מיט דעם אַ תיקון־טעות אויף אַ גאַנצער בלאַט?!
— און דו מיט וואָס וועסטו באַווייזן, —
האָט צריקגעשאָרכט אַ בוך אַ דריטס געשווינד:
אַז דו ביסט ריין פון גרייזן,
אַז דו ביסט ריין פון זינד?
— צי ביסטו, — שאָרכט דאָס ערשטע ווידער: בלינד?

איך האָב דאָך נישט קיין תיקון־טעות, זעען אלע.
— נו, זעסטו... וואָס מע זעט, און וואָס מע זעט נישט...
מאלע.
באהאלט א שלייער דען נישט אוים די מיאוסטע כלה?
— איז, שאַ נאַר! וואָס? איז ער גאָר גוט
מיט זיינע הויל־אַרויסגעשטעלטע גרייזן?
— נו, יאָ. — האָב איך אַ שעפּטש געטאָן: ווייל ער געהאַט
האָט מוט
די פעלערן צו זוכן און מיט זיי זיך צו באַווייזן,
און לאָזן מיטן טעות אין דער וועלט זיך גיין.
איז כאָטש זיין גוף האָט פלעקן, זיין געוויסן — ריין.

אויך דיין געוויסן, חבר, ווי דער הימל, לויטער־בלאָ איז,
קוים האָסטו צו דיין מעשים־בוך געמאַכט אַ תיקון־טעות.

לאָדזש, יוני, 1949

תיקון־טעות:

זייטל	שורה	אַנשטאָט:	דאַרף זיין:
25	אין קעפּל	זלירנער פליג	זלידניער פליג
35	23	מאַגאַזן	מאַגאַזין
40	12	שלאָגט צאָן אין צאָן	שלאָגט אַ צאָן אין צאָן
43	20	נאָך דער שורה פעלט אַ שורה:	און קיינער קאָן זיך שוין נישט ווערן·
46	17	עס איז דער פליערס	עס איז דעם פליערס
169	25	און אירע טויבע = אויגן	און אירע טויבן = אויגן
87	1	אַן פלעמל	אַ פלעמל
107	17	איך קוקט זיך צו	איך קוק זיך צו
179	4	פאַראַכט זי און פאַרשטעלט	פאַראַכט זי און פאַרשעלט
221	3	איז גראָד פאַרבייגעגאַנגען	איז גראָד פאַרבייגעגאַן
233	17	הייבט זיך אָן זיך	הייבט זי אָן זיך
258	8	און לאָזן מיטן טעות	און לאָזן מיטן תיקון = טעות

שליסונג פון בוך

דער פאבל און דער משל

דער דייטשמערישער פאבל
טוט פרעך אמאָל א גראַבל
דעם יידישלעכן משל אין זיין גרייזער באָרד:
— א משל, גוי! זיך איינגעשאפט א ווארט פון פארן מבול!
ווער שעפט עס קוואליק וואַסער מיט אן אלטער קוואָרט?
— הער פאבל,
אָט דער, וואָס ס'האָט זיין נייע קוואָרט א לאָך...—
דער משל ענטפערט אים מיט לייכטן שמייכל
און שארפן שטאָך:
מיט אַלטן וואָרט דריקט אויס זיך אויך דער שכל.
פרווו, אדרבה, אָן דעם אלטן שכל זיך באגיין!

דער דייטשמערישער פאבל שווייגט, פארקלעמט די ציין.

מאָסקווע, 1945

דאָס משלים-בוך און דער שפיגל

עס ליגט זיך א משלים-בוך אנטקעגן שפיגל אָפן —
געוואָרן איז דער לייענער לעם אים אנטשלאָפן.
טוט פארביק זיך דער שפיגל אַ צעשימער מיט א שמייכל:
— הער, ביכל, אויס! צו וואָס ביסטו באשאפן?
און וואָס באווייזן דיינע שווארצע טראָבן?
— זיי מוחל, מאך נישט קיין קאַליריקן גערודער,—

אים ענטפערט אַפּ בנעימות און מיט שכל
דאָס בוך משלים:
הגם אַ שוואַרצער, בין איך דיינער דאָך אַ ברודער –
פאַר דעם כאַראַקטער פון דעם מענטשן כ'בין אַ שפּיגל:
„אַל תסתכל...” – קוק נישט אויפן קריגל...
– „הבל,– צעלאַכט דער שפּיגל זיך מיט שפּאַט: הבלים”!
איך זע נישט עפּעס, אַז מע זאָל פאַר דיר זיך פּוצן –
איז וואָס זשע ברענגסטו פאַר אַ נוצן?
איז מעגסטו ברענען!
– נו, יאָ,– זיפצט אַפּ דאָס בוך: נאַראַנים, שלעכטע,
צבועקעס, אומגערעכטע –
זיי ווילן נישט לחלוטין זיך אין מיר דערקענען...
– אַיז, – יובלט אויף דער שפּיגל: שטאַרקער דאָך מיין טענה!
– המם... יאָ,– זאָגט שטיל דאָס בוך: נאָר דאָס איז
זייער שולד, נישט מיינע.
און ווי דער טריט פון טראַפּנס לעכערט דורך אַ שטיין,
וועט סוף־כל־סוף מיין וואָרט, וווהין עס דאַרף, דערגיין.

וואַרשע, 1938 – לאָדזש, 1948

נאַכוואָרט

דאָסדאָזיקע „משלים=בוך“ שטעלט מיט זיך פאָר אַ זאַמלונג פון אַלע
מיינע משלים, וואָס איך האָב ביז הײַנטיקן טאָג אָנגעשריבן און אין
גרעסטן טייל אָפּגעדרוקט אין משך פון אַ יאָר פינף און צוואַנציק. אויסנ=
געבליבן זיינען בלויז איינציקע — אויף די פינגער צו ציילן.

אַלע משלים זיינען פון מיר צו דער איצטיקער אויסגאַבע איבער=
געאַרבעט געוואָרן. גאָר אַ היפּשער טייל פון זיי איז פון מיר אזוי פאַרעט=
לעד און אינהאַלטלעך איבערגעדיכטעט, אַז זיי שטעלן מיט זיך פאָר
— נייע משלים.

מיינע ערשטע משלים=ביכלעך: „משלים“ און „וועגט האָבן אויערן“,
באַטראַכט איך איצט זעלבסט = קריטיש בלויז פאַר פּרוון, עטיודן,
נאָכנישט אויסגעצייטיקטע שאַפונגען.

פאַר מיין מוסטער אויף דעם שאַפונג=פעלד פון משל באַטראַכט איך
נישט אונדזער גרויסן בעל=משלים אליעזר שטיינבאַרג, וועלכן איך האָב
נאָך כמעט נישט געקענט ביים בראשית פון מיין שאַפן אויף דעם פעלד,
נאָר דעם תנ״כישן און תלמודישן ממשל און דעם רוסישן קלאַסיקער משל=
שרייבער קרילאָוו.

דעם ערשטן שטויס צו נעמען זיך פאַרן משל=זשאַנר האָב איך באַ=
קומען פון קרילאָוון און... דעם יידישן שול=קינד, ווען איך בין גע=
וואָרן אַ לערער אין די יידיש=וועלטלעכע שולן: איך האָב פאַרקלערט צו
געבן דעם יידישן קינד משלים, וואָס זייערע העלדן זיינען גענומען פון
דעם קינדס חיים = און שול = סביבה. די חיות = וועלט האָט דאָך דאָס
יידישע קינד פונעם קליינעם שטעטל, כמעט ווי פאַר די אויגן נישט
געזען. דעריבער זיינען מיינע ערשטע משלים געווען אַזעלכע ווי:
„דער שול=טאָוול און דאָס קריידל“, „דער גלאָבוס“, „קאַצנשפּיל“, „די
ציבעלע און דאָס ווערצל כריין“ און ענלעכע.

דאָס דערשיינען פון מיינע געזאַמלטע משלים איז פאַר מיר דערפאַר
נישט בלויז אַ יום=טוב, וועלכן כ׳האָב געקאָנט דערלעבן נאָר אין די

באַדינגונגען פון אונזער פרייען דעמאָקראַטישן פוילן, נאָר אויך אַ טיף טרויעריק איבערלעבעניש — דער ווייט גרעסטער טייל פון מיינע שילער און שילערינס, פון מיינע קאָלעגן לערערס, מיט וועלכע איך האָב צוזאַמענגעאַרבעט, זיינען מער אויף אונדזער וועלט נישטאָ: דער פאַשיזם האָט זיי אומגעבראַכט. פאַר וועלכן און פאַרוואָס איז מיר באַשערט געווען די זכיה, צו האָבן אַזויפיל שילער קדושים, און צווישן זיי אַזעלכע, וואָס זיינען ־ווי העלדן אומגעקומען אין קאַמף מיטן שונא פון דער מענטשהייט? דידאַזיקע זכיה דריקט כסדר אויף מיין געמיט, און איך שטיי איצטער אין מיין יום־טוב מיט אַ געבויגענעם קאָפּ און אויגן, וואָס טריפן טרערן, פאַר זייער הייליקן אָנדענק.

איך טרייסט זיך אָבער: עס זיינען צוריק טעטיק פרייע יידישע שולן ביי אונדז אין פוילן, עס קעמפן נאָך פאַר זייער עקזיסטענץ און אַנטוויקלונג יידישע שולן אין אַנדערע לענדער — אפשר וועל איך אויך זוכה זיין, אַז מיין „משלים־בוך" זאָל זיין אַן אָפּטער און אָנגעלייגטער גאַסט אין זייערע קלאַסן, און דאָס וועט מיין זכיה באַרעכטיקן.

ל. אָליצקי

לאָדזש, דעם 10־טן יוני, 1949

אינהאלט:

דערעפענונג פון בוך

1) דער אלטער משל-שרייבער און דער אלטער שפיגל

אונטערדריקונג און געראנגל

2) קאצנשפיל 8–7
3) די ציבעלע און דאס ווערצל כריין . . . 10–8
4) די קארטאפל-לאטקע און דער פלייש-קאטלעט . 12–10
5) צוויי אקערס 14–12
6) דער יונגער בוים, די קלאָץ און דער דעמב . . 16–14
7) די נייטאשין און דאס נעדעלע . . . 17–16
8) דער מענטש, די פיאווקע און דער קאמאר . . 19–17
9) א קאמאר א מכנים-אורח 20–19
10) דער פאראזיט 21–20
11) די אלטע פליג און דער צלם-שפין . . . 23–21
12) דער ווכערניק און דער שפין . . . 25–23
13) די ליבע פון דער זלידניער פליג . . . 26–25
14) די פליג און די בין 28–26
15) צוויי פעסער 31–28
16) די פעסער און דאס עמער 33–31
17) דער הוט און די שיך 35–33
18) רב כיטרע צדיק און חמקע גנב . . . 39–35
19) די ערשטע שוואלב און די קראען . . . 40–39
20) דער האן אין וועג 42–40
21) אין דער עופות-קאמער 45–42
22) די סמעטענע און די זויערמילך . . . 46–45
23) די איבערבעט און דער אינדיק . . . 49–46
24) דער בושל און די פראש 51–49
25) דער חזיר-האר 52–51
26) דער בער מיטן פוקס און דער הונט דער סטיגוטער . 55–52
27) דאס שוועבעלע און דער שייטער האלץ . . 57–55
28) דער משפט איבערן טיגער 61–57
29) דער אשמדאי און שלמה המלך . . . 66–61
30) דער נאדלער און דאס פייגעלע . . . 69–66

31) שמשון הגיבור און די זלידניע פליג . . . 71–69
32) די זון, דער בארג און דער שאָטן . . . 73–71
33) דער כעלמער רב און דער כעלמער קוימענקערער . 76–73
34) די פליג, דער שפין און די גריל . . . 79–76
35) דער קוימענקערער און דער מילנער . . . 81–79
36) דאָס גלאָז-בראָך און דאָס אייבערשטע פון שטייסל . 83-81
37) דאָס גרויע שטיקל טייג און דאָס געבעקס . . 85–83
38) די ברוינע קאַשע און דאָס געלע הירזשיקל . . 87–85
39) דאָס פלעמל און דאָס ליכט 88–87
40) דאָס ביבער-פאַלק און די שווארצע פעסט . . 89–88
41) דער בוים, דער פניאָק און זיינע ריטלעך . . 91-89
42) רב וואָלף און דער פוקס 93–91
43) דאָס טינט-וואַסער, די פעדער און די טינט-פאַרב . 95–93
44) דער קריטיקער. 96–95
45) א באַלקאָן 97–96
46) דער אלטער דעמב און די בערעזקע . . . 99–97
47) א ליקוי-לבנה. 101–99
48) דעם אינוואַלידס אַרבל. 103–101
49) דער פרידן אין וואַלד. 105–103
50) דער פאַלאַץ און די ציגל 107–105
51) דער שיכור און די גאַז-לאַמטערנס . . . 110–107
52) די בלומען און די קראָפּיווע 113–110

מ י א ו ו ש א פ ו נ ג

53) דער רויבזייל און דער פלאָם 116–115
54) דער שניימענטש און דער ווינט . . . 118–116
55) צוויי בלייפעדערס 120–118
56) די בלייפעדער און דער שניצער . . . 121–120
57) דער טאָג, די נאַכט און דער פויער . . . 123–121
58) די זויל און די אַל 124–123
59) דער קאַליע-זייגער, דער זייגערמאַכער און דער קאַמפּאַס 126–124
60) דער שפיגל און דער לאָמפּ 127–126
61) די האַלאַוועשקע, דער ברענענדיקער שייטער און די זון 129–127
62) דער עלעקטרישער לאָמפּ און דאָס חלבנע ליכטל . 131–129
63) דער ברוינעם זוויר-און דער פלומפּ . . . 133–131
64) די פלאַקאַטן און די בויגנס פון א בוך . . 135–133
65) דאָס פוצבערשטל און די קאַפּאַטע . . . 137–135
66) די באַרשט 139–137
67) דאָס מלבושים-בערשטל 140–139

68) דער שול-טאָוול און דאָס קריידל . . . 141—140
69) דער לעשער און דער בויגן בלאַנק פּאַפּיר . . 143—141
70) די ווייסע פּאַסטריגע, דער שוואַרצער פּאַדעם און די ניימאַשין 144—143
71) מרת האָדל די נאָדל, דער פּאָדעם און דאָס שניידערל רב גאָרל 146—144
72) דער מיקראָסקאָפּ און די שוּבן . . . 148—146
73) די ווייסע מעל און די שוואַרצע קוילן . . . 149—148
74) די פינפטע ראָד . . . . . 151—149
75) דער ביבל-שפּראַץ און די טיטשקע . . . 153—151
76) דער סאָלאָוויי און דאָס פּאָסטעבל . . . 155—153
77) די שטיינער און דער הונט . . . . 157—155
78) דער הויקער און דער אויער . . . . 158—157
79) דער סאָלאָוויי און דער האָן . . . . 161—158
80) דער סאָלאָוויי און דער פוקס . . . . 163—161
81) די בייזע שיינע רייזיע . . . . 165—163
82) דער באַנקיר . . . . . 167—165
83) פּרצור מיטן שטויבנפוצער . . . . 169—167
84) דאָס קינד אין וויגל . . . . 171—169

מ י ד ו ת

85) דער שטראַל און די זון . . . . 175—173
86) דאָס פּייער-פלאַטערל . . . . 176—175
87) דאָס עלעקטרישע לעמפּל און דאָס ליכט . . 178—176
88) דער שטיפער און זיין שאָטן . . . . 180—178
89) אַ יינגל מיט אַ שטעקל . . . . 181—180
90) דער שניימענטש, די קינדער און די לבנה . . 184—181
91) דער שוואָם, דער שטיין און דער דונער . . 186—184
92) דער גאַפּטלאָמפּ אין אַ זאַל . . , . 188—186
93) דאָס שול-גלעקל, דער זייגער און דער דעזשורער . 190—188
94) דער נול און דער איינס . . . . 191—190
95) דער גלאָבוס . . . . . 192—191
96) די קו און דער אינדיק . . . . 194—192
97) די העפט און דאָס לעש-פּאַפּיר . . . 196—194
98) דער פּיקהאָלץ און דער בוים . . . . 197—196
99) דאָס קעצל און דער נאָדלער . . . 198—197
100) דאָס שוועבעלע און דאָס נייע טעפּל . . . 199—198
100) דער נאַפט-לאָמפּ . . . . . 200—199
102) דער הונט לוקס און מורנו פוקס . . . 201—200
103) דער הונט און דער שטעקן . . . . 202—201

104) די העפט, דאָס קליעק-פּאַפּיר און די פּעדער . 204—202
105) דער בוימשטאַם, דער שפּראָץ און דאַס ווינטל . 206—204
106) דער לאַם און די קליאַמקע . . . . 208—206
107) דער קלוגער שליסל . . . . 210—208
108) דער הונט און דער דורכגייער . . . 211—210
109) דער שלאַס און דער וויטריך . . . 212—211
110) דער דאַרפסגייער און די הינט . . . 215—212
111) רב כלב כעסן . . . . . 217—215
112) רב האָוומאַן און פאַניע שינדמאַן . . . 221—217
113) הינט . . . . . . 223—221
114) דער לייב און דער וואָרעם . . . . 225—223
115) דער לייב און די ווערעם . . . . 228—225
116) דער חזיר מיטן בלומענקראַנץ . . . 229—228
117) דער חזיר אין בלאָטע . . . . 231—229
118) דער חזיר און דער פוקס . . . . 233—231
119) מעלן . . . . . . 235—233
120) דער עפּל און די ווערעם . . . . 236—235
121) דאָס שטיקל טואַלעט-זייף און דאָס בלימל . . 237—236
122) דער פּויער און דער צוג . . . . 239—237
123) די וואַנט און די שטיגן 241 239
124) די בריל, די נאָז און דער קאָפּ . . . 243—241
125) דאָס שטויבל אין די ברעם . . . . 244—243
126) דער וואָקזאַל . . . . . 246—244
127) דער בויגן-פּאַפּיר און די פּען . . . . 247—246
128) דער פוקס און זיין עק. 249 247
129) דאָס אייזל און דער פוקס 251 249
130) דער העלדישער האָז . . . . 253—251
131) דער שטרוי-דאַך און דער לייטער . . . 254—253
132) די זון און די מענטשן. 255 254
133) די פּאַניר-שטויב און די שויבן פון גלאָז . . 257—255
134) דער תיקון-טעות . . . . . 259—257

שליסונג פון בוך

135) דער פאַבל און דער משל 259
136) דאָס משלים-בוך און דער שפּיגל . . . 261—259
נ אָ כ ו ו אָ ר ט . . . . . 263—261